STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06834

AMOL UN HAYNT

Vladimir Grosman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וולאַדימיר גראָסמאַן

אַמאָל און היינט

פּאַריז
1955

VLADIMIR GROSSMAN

JADIS ET AUJOURD'HUI

PARIS
1955

הילע און צייכנונג

פון

בעז

Copyright Vl. GROSSMAN, Paris 1955.

Imprimerie GELBARD, 20, Rue Ferdinand-Duval, PARIS-4e

PRINTED IN FRANCE

ערשטער טייל:

אין גאנג פון דער געשיכטע

אין אָנהויב...

עס איז אַ לאַנגער וועג פון 1884 ביז היינט. און עס איז נישט די צאָל פון יאָרן וואָס מאַכט דעם וועג אַזוי לאַנג. גאַנצע וועלטן זענען אונטערגעגאַנגען אין דער צייט, אַלט־נייע פעלקער זענען געבוירן. און ווי אַנדערש עס זעט אויס היינט די יידישע וועלט אין פאַרגלייך מיט די „אַלטע צייטן״: נאָך אַלע אומגליקן און קאַטאַסטראָפעס איז דאָס יידישע פאָלק פול מיט גלויבן אין זיך און זיינע כוחות. אָבער ווען מען גיט אַ קוק צוריק און מען זעט דעם וועג וואָס מיר אַלע זענען דורכגעגאַנגען פאַרכאַפּט עס דעם אָטעם.

רעטראָספּעקט, דאָס קוקן צוריק און אריינטראַכטן זיך אין דעם וואָס איז געשען, איז זייער אַ וויכטיקער און זייער נויטווענדיקער ענין. מען מעסט אָפּ בעסער און מען וועגט אָפּ ריכטיקער דאָס געשעענע. זעט מען אויך בעסער די צוקונפט, אונזער לעבן מיט און צווישן די אַנדערע פעלקער, אונזערע צילן און אונזערע מעגלעכקייטן.

נאָך דעם מאָרד אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָט זיך אָנגעהויבן די שווארצע צייט פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן מיט דער מאַסע רדיפות אויף יידן: נישטאָ מער קיין פרייע וווינרעכט, נישטאָ מער קיין פרייע בילדונג, קיין רעכט צו לעבן אין דאָרף, קיין רעכט צו באַזיצן לאַנד. די „צייטווייליקע רעגולאַציעס״ מאַכן פון די רוסישע

יידן בירגער פון א צווייטן אָדער דריטן קלאַס. און הונדערטער טויזנטער יידן פאַרלאָזן רוסלאַנד, מען לויפט, מען לויפט.

אָבער אין אַ קליינעם קאָזאַקן־שטעטל ביי די ברעגן פון דעם פלוס קובאַן, טעמריוק הייסט דאָס שטעטל, ווו קיין שום ייד טאָר נישט אריינקומען, געפינט זיך דאָך אַ גאַנץ קליינע יידישע געמיינדע, מסתמא אַ הונדערט יידישע משפחות. אַ מושל פון קאַווקאַז, אַ „נאַמעסטניק", האָט „געשענקט" ווינרעכט אַ פאַרוואָרפענער גרופע יידן. איז דאָ אויסגעוואַקסן אַ געמיינדע. ווען איך דערמאָן זיך די יום טובים, די איבערגעפּאַקטע שול, און די מאַסע יידן וואָס פלעגט פאַרלאָזן די שול נאָך כל נדרי, וואָלט איך געזאָגט, אַז עס זענען געווען אַ סך מער ווי הונדערט. און עס איז דאָ אַלץ געווען ווי עס דאַרף זיין: מחלוקות צוליב רבנות, מאיר בעל הנס פּושקע, משולחים פון גרויסע ישיבות, „קאַראַבקע" — אָפּצאָל פאַר כשר־פלייש, מעטריקעס, חתונות, אַ גט, אַפּילו די פּראָצעדור פון חליצה געזעען. ווען יידן פלעגן ארויסגיין יומים נוראים פון דער שול, אָנגעטאָן אין פיינע שווארצע קליידער, די פרויען מיט אַ שפּיצן־טוך אויפן קאָפּ, האָבן קאָזאַקן געעפנט די אויגן און געקוקט אויף דער דאָזיקער פרעמדער לויט דעם אויסזען גרופּע מענטשן. דער שטאָב פון אַטאַמאַן איז געווען אַ שכן פון דער שול, אַ סגולה פון אַ בייזן אויג...

דער פאָטער האָט אַ מאָל געלערנט אין דער סלאָנימער ישיבה, אויסגעוואַקסן אין דער סביבה פון לובאַוויטשער חסידים אין ני־קאָלאַיעוו און געקומען נאָך אַלס יונגערמאַן אַפריכטן גלות אויף קובאַן. דאָס הויז איז פול מיט ספרים, גרויסע, וואָגיקע ספרים. עס קומען אָן מיט דער פּאָסט אויך צוויי צייטונגען: די רוסישע רעאַק־ציאָנערע — האַלב אָפיציעלע און אַ היבש ביסל אַנטיסעמיטישע — „סוועט" און דער העברעאישער „המליץ". מען לעבט מיט די גוים גאַנץ גוט: דער גלח אָטעץ וולאַדימיר באַגריסט זיך פריינדלעך און שמועסט מיטן פאָטער אין מיטן גאַס. דער יעסאַול, דער קאָזאַקן־אָפיציר וואָס איז דער אמת'ער מושל פון דער שטאָט, לאָזט אַרעס־טירן יעדן נייעם אומבאַקאַנטן יידן וואָס מען טרעפט אויף דער גאַס לאָזט באַלד רופן דעם פאָטער, כדי ער זאָל אויסלייזן דעם גאַסט

אויף אַ פּאָר טעג און אַלץ איז אין אָרדנונג. ער מוז דאָך אָפּהיטן דאָס געזעץ.

חוץ משולחים פֿון ווייטע ישיבות פֿלעגט מען דאָ זעען יידן סוחרים פֿון פּוילן, פֿון קיעוו, פֿון אָדעס. יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט בערד און פּאות, סוחרים וואָס קומען אויפֿן סעזאָן איינקויפֿן געזאַלצענע פֿיש. עסן ביי אונז און פֿאַרברענגען אין אונזער הויז לאַנגע אָוונטן אין פּילפּול־שמועסן מיטן פֿאָטער. האָט מען געעפֿנט און אָנגעלייגט אויפֿן טיש ספרים אויף ספרים. עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס רוב פֿון זיי האָט געקענט גוט לערנען. ווער האָט געטראַכט וועגן די קאָזאַקן!

איין מאָל, פּרייטיק צו נאַכט, האָט דער פֿאָטער געבראַכט מיט זיך פֿון דער שול צוויי מערקווירדיקע אורחים: צוויי עלטערע קאָזאַקן. פֿאַרן גיין צום טיש האָבן זיי אָראָפּגענומען פֿון זיך די לעדערנע גאַרטלען, געגאַנגען וואַשן די הענט, ווי פֿרומע יידן, נישט אָראָפּגענומען די פּעלץ־הוטן. „דאָס זענען „גרים״, האָט די מוטער שטיל און מיט דעם גרעסטן יראת הכבוד אונז אַריינגעזאָגט. „גרים? „אמת'ע, לעבעדיקע גרים?״ האָבן מיר זיך געטראַכט און באַוואונדערט די ברייטע, שיינע פּנים'ער פֿון די קאָזאַקן.

פֿון דעם קליינעם סאָלדאַטן־גאַרניזאָן אין שטעטל פֿלעגן אַמאָל אַריינקומען אַ פּאָר יידישע סאָלדאַטן, קאָמישע פּויליש־יידישע פֿיגורן אין דער אַמאָליקער רוסישער אומגעלומפּערטער אוניפֿאָרם. מען פֿלעגט זיי אויפֿנעמען מיט דער פֿריינדלעכסטער יידישקייט און אָנשטאָפּן זיי מיט כשרות. יום טובים האָבן די יידישע סאָלדאַטן געהאַט פֿריי, געגאַנגען אין דער שול און געגעסן אין יידישע הייזער.

צו צען יאָר פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל, ווידער דערזעען דאָס שטעטל מיט צען יאָר שפּעטער, ווען סאָלדאַטן האָבן צעשאָסן די יידישע זעלבסטשוץ בשעת דעם פּאָגראָם אין שכנות'דיקן קערטש און די רעשטלעך פֿון אירע יונגע פּירערס האָבן געמוזט אַנטלויפֿן. נייע ציימן: די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה, די ערשטע פּאָליטישע ערד־ציטערניש, די ערשטע פּאָגראָמען נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם, אָט־אָט קומט אָן 1905! רוסישע פֿרייהייטן!...

***

די שטעט אין דער קרים זענען ס׳רוב אַלטע ישובים מיט אַ טויזנט־יעריקער געשיכטע נאָך פון די רוימישע צייטן. דאָ לעבן פֿון אַלטע צייטן טערקן, טאַטערן, איטאַליענער, ארמענער, גריכן, בולגאַרן, דייטשן, רוסן. און דריי סאָרטן יידן: אונזערע יידן, קרימטשאַקעס און קאַראַאימען. די לעצטע האַלטן זיך אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון יידן און באַטראַכטן זיך גאָר נישט פאַר יידן. די קרימטשאַקעס רעדן צווישן זיך טאַטעריש, זענען אינגאַנצן פֿאַרטאַטערט, אָבער זענען פארבונדן מיט יידן.

צווישן די פארשידענע שולן איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע די וואָס איז איינגעבויט אין דעם באַרג מיטרידאַט, דער נאָמען פון עטלעכע אַרמענישע קעניגלעכע דינאַסטיעס. אויף דעם באַרג ווערן שוין צענדליקער יאָרן געפירט אויסגראָבונגען פון אַן אַלטער רוימישער שטאָט. מען האָט שוין געפונען מאַסן וויכטיקע פֿון אַרכעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט קעגנשטאַנדן.

בכלל איז דאָ אויף יעדן טריט און שריט אַלטע געשיכטע, גאָר אַלטע געשיכטע און נייע געשיכטע פון נייע צייטן. אויך פון די נייעסטע צייטן. די גימנאַזיע, אין וועלכער איך לערן זיך, האָט אַ מאָל געענדיקט מיט אַ מעדאַל דער באַרימטער רעוואָלוציאָנער זשעליאַבאָוו, וועלכער איז געהאָנגען געוואָרן פאַר דער באַטייליקונג אין דעם מאָרד פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. די גימנאַזיע האָט אויך געענדיקט דער באַרימטער מאָסקווער ראַבינער מאַזאַ. אין אונזער שטאָט וווינט אויך די יידישע פאַמיליע גינזבורג, נאָענטע קרובים פון דער לעגענדארער רעוואָלוציאָנערין סאָפיאַ גינזבורג, וועלכע האָט זיך באַטייליקט אין דעם איבערפאַל אויף דעם צוג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן אויף דער סטאַציע באָרקי. די פאַמיליע פון דעם צאַר איז ניצול געוואָרן. סאָפיאַ גינזבורג איז געזעסן אַ סך יאָרן אין דער שליסלבורגער פעסטונג, ביז זי האָט זיך פארברענט לעבעדיקערהייט. דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל...

עס איז די צייט פון דער פּראָצענט־נאָרמע ביים אריינקומען פון יידן אין אַ מיטל־שולע און עס האָט ביי מיר גענומען פינף יאָר איידער איך בין סוף כל סוף אריין — אין זעקסטן קלאַס. איך האָב פיינט געהאַט די גימנאַזיע, און די לערער האָבן פּונקט אזוי פיל נחת

געהאַט פון מיר וויפל איך האָב געהאַט פֿון זיי. אָבער מען ווייסט קיין מאָל נישט ווו איינעם טרעפט דאָס אמת'ע גליק: ביים ענדיקן די גימנאַזיע האָבן צוזאַמען מיט אונז געהאַלטן עקזאַמען די אַזוי גערופענע און צו יענער צייט פּאָפּולערע יידישע „עקסטערנעס". צווישן זיי האָט געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט אַ הויכער דאַרער ייד מיט אַ קליין בערדל און לאַבעדיקע אויגן. אין אַ קורצער צייט איז ער ממש געוואָרן די סענסאַציע פון דער גאַנצער שטאָט. דאָס איז געווען ר' מרדכעלע טשעמערינסקי, אונזער וווּנדערבאַרער פּאָבל־דיכטער, פילאָלאָג, למדן און בכלל אָריגינעלער מענטש. ער איז דענסטמאָל אַלט געווען איבער פערציק יאָר. איך האָב אים באַקומען ליב ווי אַן אייגענעם. איך האָב מיט אים שפּעטער צוזאַמען געאַרבעט אין פּעטערסבורג, אין „פריינד", ר' מרדכעלע איז געווען אַ געניאַלער, שעפּערישער גייסט, אַזוי רייך אין זיינע געדאַנקען און איינפאַלן אַז ער האָט זיך גאָרנישט געקענט קאָנטראָלירן. אַזאַ זעלטענעם יידן האָב איך מער קיין מאָל אין לעבן נישט געטראָפן.

מיט עטלעכע פערציק יאָר צוריק האָב איך צום לעצטן מאָל געזעען די שיינע שטאָט, וועלכע ליגט ביים וואַסער־פּאַס, וועלכע פירט פֿון שוואַרצן ים אין אַזאָוו ים. די באַפעלקערונג פֿון דער שטאָט איז בלוטיק געשטראָפט געוואָרן בשעת דעם רוסישן בירגער־קריג, צוערשט פון די ווייסע, נאָך דעם פון די רויטע. יידן האָבן דאָ שרעקלעך געליטן פון ביידע. עס זענען געפאַלן פיל פון מיינע קרובים און פריינד. מיין אייגענע פאַמיליע איז צום גרעסטן טייל אומגעקומען. בשעת דער לעצטער מלחמה האָבן די דייטשן — מען רופט אָן די דייטשע אַרמיי אונטער דעם פעלדמאַרשאַל מאַנשטיין — אויסגעשאָכטן אין אַ קורצער צייט אַזוי גוט ווי די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג: מען רופט אָן די ציפער פון זיבן טויזנט אומגעבראַכטע...

פאַר מיר אָבער האָט זיך די שטאָט פון מיין יוגנט געענדיקט בשעת דעם פּאָגראָם פון 1904. מיר האָבן דענסטמאָל געהאַט געבילדעט אַ זעלבסטשוץ פֿון קנאַפּע זעכציק יונגע לייט און באַוואָפנט זי מיט רעוואָלווערן און אייזערנע שטעקנס. אַ המון פון אַ צוויי טויזנט אונטערוועלט חברה־לייט האָבן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד מאַרשירט איבער דער שטאָט מיט פּאַטריאָטישע לידער, פאַרזוכט צו

שטורמען יידישע געשעפטן. עס איז געווען אַ נייעס פאַר דער שטאָט. נישט די פּאָליציי און נישט דאָס מיליטער האָבן זיי נישט געשטערט. דער המון איז געוואָרן ווילדער מיט יעדער שעה און מיר האָבן גע־האַלטן אַז ס'איז געקומען די צייט פאַר דער זעלבסטשוץ פונאַנדער־צוטרייבן די באַנדע. ווען מיר זענען אָבער אַרויס אויף דער גאַס און גענומען מאַרשירן אין דעם ריכטונג פון דעם המון האָט זיך תיכף באַוויזן אַן אָפּטיילונג פון מיליטער מיט ביקסן. עס האָט נישט גע־דויערט קיין סך מינוטן און דאָס מיליטער האָט באַקומען אַ באַפעל צו שיסן אויף אונז. די זעלבסטשוץ האָט געהאַט אַ באַפעל נישט צו שיסן, אָבער אַ שיסעריי האָט זיך אָנגעהויבן. די „שלאַכט" האָט געדויערט מסתמא נישט מער ווי צוויי אָדער דריי מינוט. אונזערע יונגע לייט האָבן נאַטירלעך גענומען אַנטלויפן. און אין אַ סעקונדע איז די גאַס פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. צוויי יונגע בחורים פון דער זעלבסטשוץ — איינער אַ ייד און דער צווייטער אַ קריסט, אַ אוק־ראַינער — זענען דערשאָסן געוואָרן אין אַ סעקונדע. דער המון האָט זיך געוואָרפן אויף זייערע טויטע קערפּערס און זיי געטראָטן מיט די פיס, געריסן.

דער יידישע קרבן האָט געהייסן וועקסלער, געווען אַן אָנגע־שטעלטער אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט. ער איז צוגעשטאַנען צו דער זעלבסטשוץ מיט צען פופצן טעג פאַר דעם פּאָגראָם. אַ קליינער, אַ יונגער — ער איז מסתמא געווען נישט עלטער ווי אַ זיבעצן יאָר, —האָט ער נישט גערעדט זייער פיל, נאָר גוט צוגעהערט און נישט אַרויסגעוויזן קיין שום פּחדנות.

דער אוקראַינער האָט געהייסן קיריטשענקאָ, אינגאַנצן אַלט גע־ווען זעכצן העכסטנס אַ 16 יאָר, אויב נישט יונגער. זיינע צוויי ברידער ווי דאָס גאַנצע הויז, זענען געווען הייסע אוקראַאינישע פּאַטריאָטן; זיי האָבן געענדיקט צוזאַמען מיט מיר די גימנאַזיע. דער דערשאָסע־נער איז נאָך געווען אין דער גימנאַזיע. ער איז געקומען אויף אונ־זער זאַמל־פּונקט אַ האַלבע שעה פאַר אונזער אַרויסמאַרשירן און מיך שטאַרק געבעטן אַריינעמען אים אין אונזער אַרמיי. אויף דער גאַס, אַנטקעגן די סאָלדאַטן וואָס האָבן אונז פאַרשטעלט דעם וועג, איז ער געשטאַנען האַרט לעבן מיר אויף דער לינקער זייט. ווען די

סאַלדאטן האָבן געגעבן איינע נאָך דער אַנדערער די סאַלוון פון זייערע ביקסן און מיר האָבן גענומען לויפן האָב איך געזען ווי אַ קויל האָט געטראָפן קיריטשענקאָ אין קאָפּ און זיין קערפּער האָט זיך האַסטיק געקייקלט ווי אַ שווערער זאַק, וואָס מען גיט אַ וואָרף אַראָפּ...

אַ פּופצן מאַן פון אונזערע זענען שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן, אייניקע זענען געבליבן קאַליקעס. די שיסערייַ און דאָס בלוט פאַרגיסן האָבן געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק אין דער שטאָט. יידישע מנהיגים האָבן געגעבן געלט דער פּאָליציי און מען האָט באַלד צעטריבן מיט שטעקנס די טויזנט־קעפּיקע באַנדעס.

ווער זשע האָט געדאַרפט האָבן דעם פּאָגראָם און ווער האָט אים צוגעגרייט?

אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג זענען אָנגעגאַנגען עטלעכע וואָכן פאַר דעם פּאָגראָם שטורמישע דעבאַטן וועגן לאָקאַלע שטאָטישע ענינים און דערביי אויך וועגן דעם אין וואָס רוסלאַנד נויטיקט זיך בכלל. צו די זיצונגען פון די שטאָט־אויסגעקליבענע פלעגט געוויינלעך קיין מאָל קיין צופעליקער אָדער זייטיקער עולם נישט קומען. איצט האָט זיך אָבער דאָס בילד פּלוצלונג שטאַרק געענדערט. יערן אָוונט זענען געקומען עפּעס נייע, מערקווירדיקע מענטשן, שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם וואָס מען רעדט. איין אָוונט האָט אַ פרעמדער געבעטן דאָס וואָרט און מען האָט אים נישט געוואָלט לאָזן רעדן. ער האָט אַליין גענומען דאָס וואָרט. עס איז אַוועק אַ רייע מיט רעדעס וועגן „פרייהייטן", אין וועלכע רוסלאַנד נויטיקט זיך. עס איז געוואָרן אַ טומל. דער עולם איז אַרויס אויף דער גאַס, אַ רויטע פאָן האָט זיך באַוויזן און אַ נאַכט־מאַניפעסטאַציע איז אַוועק איבער די גאַסן. דאָס זענען געווען די ערשטע זומערדיקע שטורמען פון 1904 און טאַקע באַלד אויפן אָרט האָט מען אָנגעהויבן אָפּן רעדן אין דער שטאָט, אַז אַ פּאָגראָם אויף יידן וועט אויף זיך נישט לאָזן לאַנג וואַרטן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, זונטיק, אין אַ מאַרק־טאָג, ווען הונדערטער פּויערים זענען געקומען מיט זייערע וועגענער צום מאַרק, האָט פּלוצלונג אויסגעבראָכן אַ מהומה און אַ פּאָגראָם־פּראָצעסיע מיט פּאַטריאָטישע פּאָרטרעטן פאַראויס און מיט געזאַנג איז אַוועק איבער דער שטאָט... אַזוי האָט זיך דאָס אָנגעהויבן...

עמיצער האָט גאַנץ געשיקט צוגעגרייט דעם פּאָגראָם און גע־שענדעט אַ שטאָט אין וועלכער אַ באַפעלקערונג פון אַ צענדליק ראַסן און אַלערליי גלויבנס האָט שטענדיק פרידלעך געלעבט צווישן זיך.

דאָס איז געוועזן דער אָנהויב פון דעם סוף. דער אָנהויב פון דעם נייעם רוסלאַנד, פון דעם ווייסן, שווארצן און פון דעם רויטן. דאָס רוסלאַנד פון אַמאָל, פון דעם פינסטערן צאַרישן רעזשים און זיין „רואיקן לעבן" איז אין אַ טיפן תהום אריין...

סאַנקט פּעטערבורג

1.

ווי מיט אַ מאַגנעט האָט עס אונז אַלעמען פון קינדערווייז אָן געצויגן צו דער דאָזיקער אַ מאָל הערלעכער הויפּטשטאָט פון דער רוסישער אימפּעריע. די נייע רוסישע ליטעראַטור, אַלע גרויסע ליטעראַרישע און קינסטלערישע געשעענישן, די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, די רעגירונג, דער סענאַט, דער ווינטער פּאַלאַץ, די פּעטראָפּאַוולאָווסקע פעסטונג־געפענגעניש אַנטקעגן דעם גראַנדיעזן פּאַלאַץ, דער אוני־ווערסיטעט, די אַקאַדעמיע — ווי אַ צויבער האָט דאָס פאַרכישופט די פאַנטאַזיע. פּעטער דער גרויסער, פּושקין, דאָסטאָיעווסקי האָבן געלעבט אין דער פאַנטאַזיע מער ווי מיסטישע געשפּענסטער. עפּעס רעאַלעס איז פון זיי פאַרבליבן.

צו קומען קיין פּעטערבורג און זען דעם פּלאַץ, וווּ דער אויפ־שטאַנד פון די דעקאַבריסטן איז דערשטיקט געוואָרן פאַר די אויגן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן וועמענס נאָמען איז ביים רוסישן יידנטום געווען שטענדיק פאַרהאַסט מער ווי וועלכער עס איז אַנדער נאָמען אין רוסלאַנד! זען דעם גאָרטן ביים ווינטער פּאַלאַץ, וווּ ניקאָלאַי דער צווייטער האָט דעם 9־טן יאַנואַר — די דאַטע איז אַזוי פאַר־בליבן אין דער רוסישער געשיכטע — געהייסן אויסהרגענען אַ ים מיט מענטשן!. אַה, עס איז געווען גענוג צו זען אין דער פאַר אונז יידן געהיימניספולער שטאָט! אַלץ האָט דאָ געריצט און געצויגן צו זיך!

עס האָט געלעבט דאָרט אַ גרויסע יידישע געמיינדע, זיבער אי־בער הונדערט טויזנט יידן, און עס איז דאָרט געווען פאַרבאָטן פאַר

יידן צו קומען אהין. אריינקומען געהיים אָדער מיט געפעלשטע פּאַ־פּירן האָט געהייסן ריזיקירן אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער פּאָ־ליציי. אַלע זאָגן, אַז מען קען געבן די רוסישע באַאַמטע „כּאַבאַר", באַצאָלן און לעבן אַ געוויסע צייט באַהאַלטענערהייט. ניין, דאָס לוינט נישט, אפילו כּדי צו זען סאַנקט פּעטערסבורג.

ביים ענדיקן די גימנאַזיע אין קערטש האָב איך אפילו נישט גע־שיקט די פּאַפּירן אין אָדעסער אוניווערסיטעט און בין אַוועקגעפאָרן מיט אַ מאָל קיין בערלין. דאָס אַריינטרעטן אין דער גימנאַזיע לויט דער פּראָצענט־נאָרמע איז געווען פאַרבונדן מיט אַזוי פיל יסורים, מיט אַזוי פיל באַליידיקונגען פון דער יידישער ווערדע, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין חשק איבערחזרן די אייגענע פּראָצעדור ביים אַריינטרעטן אין אוניווערסיטעט.

נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, ביים אויסברוך פון דער ערשטער רעוואָלוציע, איז די פּראָצענט־נאָרמע אַזוי ווי פון זיך אַליין פאַרשוואונדן. פון בערלין האָב איך געשיקט מיינע פּאַפּירן קיין אָדעס און בין מיט אַ מאָל אויפגענומען געוואָרן אויפן יורידישן פאַקול־טעט. מזל טוב!

אַ יאָר שפּעטער האָב איך זיך געווענדעט צום אוניווערסיטעט אין פּעטערסבורג און דאָרט באַלד אויפגענומען געוואָרן. דאָס פּראָב־לעם פון וווינרעכט איז דערמיט געלעזט געוואָרן. מען פאָרט טאַקע קיין פּעטערסבורג!

עס איז נאָך דער כוואַליע פון בלוטיקע פּאָגראָמען אין אַלע טיילן פון רוסלאַנד וווּ יידן לעבן. עס איז נאָך דער ערשטער רעוואָ־לוציע ווען דער צום טויט פאַר'משפּטער צאַרן־רעזשים פאַרזוכט זיך צו ראַטעווען דערמיט וואָס ער זאַמלט אַרום זיך דאָס נידריקסטע און געמיינסטע, וואָס רוסלאַנד פאַרמאָגט. דער צאַר אַליין ווערט דער באַשיצער פון די מערדער, וועלכע זענען פאַרמשפּט פאַר די גרויי־זאַמסטע פאַרברעכנס בשעת די פּאָגראָמען. פאַרמשפּט זענען נאָר די מערדער, וועלכע דאָס גע־ריכט האָט בשום אופן ניט געקענט באַ־פרייען און די אַדמיניסטראַציע האָט בשום אופן ניט געקענט דעקן. אָבער אַפילו די דאָזיקע געציילטע פאַרברעכערס זענען „באַגנעדיקט"

געוואָרן פֿון דעם צאַר. אָפֿיציעל, אָפֿן, פֿאַר די אויגן פֿון דער גאַנצער וועלט, האָט דער צאַר זיך דעמאָנסטראַטיוו אידענטיפֿיצירט מיט די אָנפֿירערס פֿון די פּאָגראָמען. „דער בונד פֿונם רוסישן פֿאָלק" („סאָיוז רוסקאַוואָ נאַראָדאַ") און זיין פֿירער, דר. דובראָווין, האָבן באַקומען אַלס זייער פּאַטראָן און באַשיצער זיין מאַיעסטעט דעם קייסער אַליין און האָבן געהאַט איצט די מעגלעכקייט צו טאָן אין לאַנד אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט טאָן. אַפֿילו מאָנאַרכיסטן זענען געווען צעטומלט, האָבן זיך געשעמט.

אָבער אין דער הויפּט־שטאָט האָט אויף קיין שום פֿאַל ניט געהערשט קיין געדריקטע שטימונג, דאָס לעבן האָט שטאַרק פּולסירט. מען האָט גערעדט פֿריי און מען האָט געשריבן פֿריי. די ערשטע דומע איז צוטריבן געוואָרן פֿון דער רעגירונג. די צווייטע איז ניט נאָר צוטריבן געוואָרן, נאָר דער גרעסטער טייל פֿון אירע סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן איז פֿאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. אָבער די אָפּאָזיציע האָט זיך נישט דערשראָקן. פֿאַרקערט, אַלץ, וואָס די רעגירונג האָט געטאָן, איז דיקטירט געוואָרן פֿון אַ מורא, אַז אַ נייע רעוואָלוציע קען אויסברעכן. דער רעזשים האָט נאָך געהאַט צען יאָר צו לעבן. אין צען יאָר אַרום וועט די דינאַסטיע פֿון די ראָמאַנאָוו'ס אומגעבראַכט ווערן אין פֿינסטערן קעלער פֿון יעקאַטערינבורג. סיי די רעגירונג, סיי די הויף־קאַמאַרילאַ האָבן ריכטיק געפֿילט זייער צוקונפֿט, האָבן ריכטיק אָפּגעשאַצט די געפֿערלעכע לאַגע, אָבער מען האָט אַפֿילו דעם קלענסטן פֿאַרזוך נישט געמאַכט איינצוגיין אויף פּשרות, פֿאַרזוכן זיך צו ראַטעווען. מען האָט זיך געקייקלט באַרג אַראָפּ, אין תהום אַריין!

די לופֿט איז געווען אָנגעזעטיקט מיט שטורם און גרייטקייט צום קאַמף. ניט געקוקט אויף די שטראָפֿן, וואָס מען האָט אויסגעטיילט דער פּרעסע פֿאַר צו פֿיל חוצפּה, ניט געקוקט אויף מאַסן־אַרעסטן און פּאָליטישע פּראָצעסן, ניט געקוקט אויף די דראָונגען מצד דער רעגירונג איז די שטימונג פֿון דער געזעלשאַפֿט געווען אַ פֿרישע און אַ מוטיקע. פֿון נאָכגעבן האָט קיין רייד נישט געקענט זיין.

***

א פּאָר חדשים נאָך מיין אָנקומען קיין פּעטערסבורג האָב איך באַקומען אַ פּאָסטן אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער „יקאַ“ — יידישע קאָלאָניזאַציאָנס-געזעלשאַפט, וווּ איך בין פאַרבליבן קנאַפּע פינף יאָר. דער גאַנצער בוי פון דער אָרגאַניזאַציע אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט, די אומגעהויער גרויסע ראָלע וואָס זי האָט געשפּילט אין דעם לעבן פון דעם רוסישן יידנטום, — דענסטמאָל האָט עס גע־מיינט אין דעם לעבן פון דעם רוסישן, פּוילישן און ליטווישן יידנ־טום, — די חשיבות פון דער אָרגאַניזאַציע ביי דער רעגירונג איז פאַר מיר געווען אַן אַנטפּלעקונג. עס האָט אויסגעזען ווי אַ יידישע צענטראַל־רעגירונג אינמיטן פון דער הויפּט־שטאָט פון רוסלאַנד ווו יידן ווערן פאַרפּאָלגט, זייט ביי זייט מיט אַ רעגירונג וואָס פירט אַן אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק. צוזאַמען מיט דעם „פריינד“, אַ גרוי־סע יידישע טעגלעכע צייטונג, צוזאַמען מיט צוויי איינפלוסרייכע רוסיש־יידישע וואָכנבלעטער, „ראַזסוועט“ און „גאָווי וואָסכאָד“, צוזאַמען מיט יידישע שולן, מיט אַלערליי קולטור־געזעלשאַפטן, און מער פון אַלץ צוזאַמען מיט דער געזעלשאַפט „מפיצי השכלה“, וועלכע האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך דאָס פיינסטע און דאָס בעסטע וואָס דאָס רוסישע יידנטום האָט פאַרמאָגט — צוזאַמען מיט אַ גרויסן אָרגאַניזירטן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט די פּעטערס-בורגער אָרגאַניזאַציע פון דער יק"אַ, אָנגעפירט און פינאַנסירט פון דעם צענטראַל־ביוראָ פון דער י'קאַ אין פּאַריז, — עמיל מעערסאָן איז דענסטמאָל געווען דער הויפּט־דירעקטאָר פון דער י'קאַ אין פּאַריז, — געשפּילט די ראָלע פון אַ מין יידישער רעגירונג.

קיין שום אוניווערסיטעט, קיין שום בוך, קיינע **שילדערונגען** וואָלטן מיר קיינמאָל ניט געעפנט די אויגן אויף דעם דעמאָלטסדיקן צושטאַנד פון דעם יידנטום אין דער גאַנצער וועלט — גאַנץ באַזונ־דערס נאַטירלעך אויף דער לאַגע פון דעם רוסישן יידנטום — ווי די אַרבעט אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער י"קאַ.

מיט וואָס האָט זיך פאַרנומען דער צענטראַל־קאָמיטעט? מיט אַלץ, מיט אַלץ אָן אויסנאַם.

איין אָפּטיילונג האָט זיך פאַרנומען מיט הילף, ניט מיט קיין פינאַנציעלער, נאָר מיט אדמיניסטראַטיווער און אינפאָרמאַטיווער הילף, פאַר יידישע עמיגראַנטן — עס איז געווען די צייט פון דער יידישער מאַסן־אויסוואַנדערונג, וועלכע פלעגט דערגיין ביז 150 טויזנט נפשות אַ יאָר. די דאָזיקע אָפּטיילונג האָט געהאַט איבער גאַנץ רוסלאַנד, פוילן און ליטע, און אויך אויף אַלע וויכטיקע גרענעץ־פונקטן, וווּ יידן פלעגן „גנבענען" די גרענעץ, קאָמיטעטן פון לאָקאַלע כלל־טוערס אָדער באַפולמעכטיקטע, אָדער גאַנצע אָפיסעס מיט אָנגעשטעלטע, סך הכל ביז דריי־פיר הונדערט פאַרטרעטער, אַלע באַשטעטיקט פון דעם מיניסטעריום.

אַ צווייטע אָפּטיילונג איז געווען באַשעפטיקט מיט אָרגאַניזירן לייַ־און שפּאָר־קאַסעס פאַר אַ ביליקן קרעדיט פאַר בעלי מלאכות און קליינע סוחרים. אַ שטאַב פון פאַכמעניש אויסגעבילדעטע עקספּערטן איז אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און האָט אין פאַרלויף פון אַ צענדליק יאָרן געשאַפן אַ נעץ פון עטלעכע הונדערט קאָאָפּעראַטיוון מיט אַ געוויסער הילף פון קליינע סומען וואָס די יק"אַ פלעגט אַריינלייגן אין דער פאָרם פון אַן אַנלייע. עס איז געווען אַן איינשפּריצונג פון פרישער בלוט.

אַ דריטע אָפּטיילונג האָט זיך געווידמעט דער פאַך־אויסבילדונג. די דאָזיקע אָפּטיילונג האָט געהאַט דעם ענגסטן קאָנטאַקט מיט דעם „אָרט", וועלכער איז אַ סך פריער (1880) געגרינדעט געוואָרן מיטן צוועק צו פאַרשפּרייטן פיזישע אַרבעט, אַגריקולטור און מלאכות צווישן יידן. פון דעם דאָזיקן קערן און פון דער דאָזיקער ענגער קאָאָפּעראַציע מיט דער יק"אַ האָט זיך אויסגעבילדעט און שפּעטער זיך שטאַרק אַנטוויקלט די היינטיקע „אָרט"-אָרגאַניזאַציע.

זייער אַ גרויסע אַקטיוויטעט האָט אַרויסגעוויזן די אָפּטיילונג פאַר פאַרשפּרייטן און שטיצן לאַנדווירטשאַפט צווישן יידן. די יק"אַ האָט געשטיצט מיט דער הילף פון ספּעציעלע אַגראָנאָמישע עקספּערטן די אַלע יידישע קאָלאָניעס אין דרום־רוסלאַנד, אין כערסאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס, אין בעסאַראַביע און אין פוילן. אַ גרויסן ווערט האָט די יק"אַ געלעגט אויף פאַרשפּרייטן צווישן

יידן גערטנערײַ און מילך־ווירטשאַפטן. אין אַ סך טײלן פון פּוילן און ליטע.

כדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט נאָכצופאָלגן שריט בײַ שריט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונגען און טענדענצן אין דעם רוסישן יידנטום איז בײַם צענטראַל־קאָמיטעט אײַנגעריכטעט געוואָרן אַ סטאַטיסטישע אָפּטיילונג וווּ מאַטעריאַלן זענען געזאַמלט געוואָרן און וויסנשאַפטלעך געפאָרשט. גרויסע ווערק זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן.

חוץ די דאָזיקע נאָרמאַלע אַקטיוויטעטן האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט געהאַט ניט ווייניק ספּעציעלע עסקים, איך וואָלט זיי אָנגערופן אַבנאָרמאַלע אַקטיוויטעטן: אַ תליתים־פאַבריק, אַ גאַנצע רייע ישיבות, וואָס האָבן זיך געניטיקט אין הילף, אויפבוי פון שטעטלעך נאָך אַ שרפה א. א. וו. קיין שום געלטער האָבן ניט געקאָנט אויסגעגעבן ווערן אָן דער הסכמה פון דעם פּאַריזער צענטער. די פאַרבינדונג צווישן דעם צענטראַל-קאָמיטעט אין פּעטערסבורג און פּאַריז איז די גאַנצע צייט געווען אַ זייער אינטענסיווע, אַ זייער אינטימע, אַ פרײַנדלעכע. אַ ריזיק-יידישע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אויף אַן אופן וואָס מען האָט פריער ניט געקענט בײַ אונז, אפשר אויך נישט שפּעטער...

פּרעזידענט פונם צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען באַראָן דוד גינצבורג, אַ גרויסער למדן און אַ טרעגער פון אַ גרויסן נאָמען: ער איז געווען דער זון פון דעם בארימטן פילאַנטראָפּ און אָנערקענטן פירער פונם רוסישן יידנטום באַראָן גאָראַצי גינצבורג, אַן אָנגעזעענער אין די העכערע רעגירונגס־קרייזן פינאַנסיסט און אינדוסטריאַליסט, אַ ברייטהאַרציקער און אַלט מאָדישער שתדלן פאַר יידן. די גינצבורג׳ם האָבן דאָרט געשפּילט די ראָלע פון די ראָטשילדס אין פּאַריז.

אַ העכסט אינטערעסאַנטע פיגור האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דער, אַזוי צו זאָגן, פאַרבינדונגס־מאַן צווישן דעם צענטראַל־קאָמיטעט אין פּעטערסבורג און דעם פאַרוואַלטונגס־צענטער אין פּאַריז, דאַוויד פאָדעיעוויטש פיינבערג, באַשטימט אויף דעם פּאָסטן פון באַראָן הירש אַליין. אַן עלטערער ליטווישער ייד, שטענדיק פיין אָנ-

געטאָן און פיין צוגעקעמט, עלעגאַנט אין זיין רעדן, אין מאַנירן, אין זיין ארומגיין מיט צוריק פארלייגטע הענט ווי אויך אין זיין וויכטיקייט האָט דער דאָזיקער איינזאַמער מענטש געוווינט אין באַזונדערע צוויי צימערן ביים צענטראַל־קאָמיטעט און געהאַלטן אין איין אַרומפֿאָרן צווישן פעטערסבורג און די גרויסע שטעט מיט אַ יידישער באַפעלקערונג אָדער צווישן פעטערסבורג און פאַריז. ער האָט געמוזט וויסן אַלץ וואָס קומט פאָר אין דער יידישער וועלט, האָבן זיין אייגענע מיינונג וועגן אַלע געשעענישן אין דער יידישער וועלט און אָפּהיטן דעם פּרעסטיזש און געהויבענעם גייסט פון'ם באַראָן הירש און די יקאַ־טראַדיציעס. זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען אָוועקצוזעצן זיין צוהערער און נעמען ווידער און ווידער דערציילן די אַלטע געשיכטע פון דעם ווי אַזוי ער איז געפאָרן אַ מאָל קיין אַרגענטינע אין אויפטראַג פון דעם באַראָן צו געפינען דאָס פּאַסיקע לאַנד פאַר די ערשטע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געדאַרפט אָנקומען אַהין פון דרום־רוסלאַנד. איך האָב זיין געשיכטע אויסגעהערט מיט געדולד און מיט פאַרגניגן ניט איינמאָל און שטענדיק באַוואונדערט זיין אויסגעהאַלטנקייט, זיין רו, זיין איבערגעגעבנקייט צו יידישע אינטערעסן. דערביי האָט ער קיינמאָל ניט פאַרזוכט אַרויפצווינגען אויף דעם אַנדערן זיין איך. זיין ווילן און עקשנות. ס'איז געווען אַ ספּעציעלער טיפּ פון אַ ליטווישן יידן.

די יקאַ איז גראַדע אין יענע יאָרן געווען נישט דוקא צווישן די באַליבטע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דער גרויסער וועלט, ס'רוב צוליב די אייביקע קאָנפליקטן צווישן דער אַדמיניסטראַציע פון דער געזעלשאַפט און די קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע. אָבער אין רוסלאַנד איז זי אָן שום ספק געווען די פּאָפּולערסטע אָרגאַניזאַציע — ווייל אין רוסלאַנד איז איר אַרבעט אָנגעגאַנגען מיט דער באַטייליקונג פון דער יידישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט פאַקטיש באַשטימט דעם פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער פון אַלץ וואָס עס איז געטאָן געוואָרן. יעדע אָפּטיילונג פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט האָט געהאַט אַרום זיך אַ אַזוי גערופענע „סעקציע פון געזעלשאַפטלעכע טוער” אַ מין געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל־קאָמיטעט, וועלכער פלעגט זיך פאַרזאַמ־

לען יעדע וואָך אָדער יעדע צוויי וואָכן און באַהאַנדלען די וויכטיקסטע לויפנדע ענינים, דיסקוטירן נייע פֿאָרשלאָגן. ביי די זיצונגען פון די סעקציעס זענען די באַאַמטע פון דער אָפּטיילונג געווען באַרעכטיקט צו נעמען אַן אַנטייל פּונקט אַזוי ווי דער שעף פון דער אָפּטיילונג און אַרויסזאָגן פראַנק און פריי זייער אייגענע מיינונג, אַפילו אויב דאָס איז געווען דער היפּך פֿון זיין מיינונג. עס איז געווען אַ זעלטן ריינע אַטמאָספערע, אַ טיפע איבערגעגעבנקייט צו די אינטערעסן פון דער אַרבעט, אָן אַ שפּור פון ביוראָקראַטיע און סערוויליזם. עס איז געווען דעמאָקראַטיע אָן רייד וועגן דעמאָקראַטיע...

צווישן די מיטאַרבעטער און דעם צענטראַל־קאָמיטעט זענען געווען זייער באַקאַנטע יידישע כלל טוערס, ווי צום ביישפּיל לעאָן בראַמסאָן, דער לאַנג יעריקער גענעראַל־סעקרעטאַר אָדער דירעקטאָר פון דער גאַנצער אינסטיטוציע, פּערזענלעכקייטן און געלערנטע ווי פּראָפעסאָר בער ברוצקוס, וועלכער איז געווען דער לייטער פֿון דער אַגראָנאָמישער אָפּטיילונג און פון דער סטאַטיסטישער. שרייבערס און געלערנטע ווי דער באַרימטער עקאָנאָמיסט און גלענצנדער יידישער שרייבער דר. חיים דוב הורוויץ, באַקאַנט אין דער ליטעראַטור אונטער דעם נאָמען „אַ סוחר“, דער אמת'ער גרונטלעגער פון דער יידישער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט — נאָך פון די צייטן פון דער באַקאַנטער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין מינסק, — דער מחבר פֿון צענדליקער קלענערע און גרעסערע ווערק וועגן דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג ביי יידן.

איך דערמאָן דאָ דעם נאָמען פון דר. חיים דוב הורוויץ און איך פיל דערביי דעם באַדאַרף אויסקלייגן אַ בלומענקראַנץ אַרום דעם קאָפּ פון דעם דאָזיקן וווּנדערבאַרן יידן און זעלטענעם מענטש. ער האָט דורך אַגב געשפּילט אַ אומפאַרגעסלעכע ראָלע אין מיין לעבן.

אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס יונגער סעקרעטאַר אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער י״קא האָט מיך דער שעף פון דער אָפּטיילונג פאַר עמיגראַציע, סאַמועל יאַקאָוולעוויטש יאַנאָווסקי איינגעלאַדן צוצוגרייטן די ערשטע נומערן פֿון דעם צוויי־וועכנטלעכן זשורנאַל „דער יידישער עמיגראַנט“,

וואָס מען האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן. אין דעם זשורנאַל האָט מען געדאַרפט באַהאַנדלען פּראַקטישע ענינים פון דער טעגלעכער אַרבעט אין אונזערע לאָקאַלע קאָמיטעטן, אינפאָרמאַציע, סטאַטיסטיק א.א.וו. אין אונזער אָפּטיילונג האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ מאַסע בריוו־מאַטער־יאַל פון עמיגראַנטן, וואָס זענען שוין געווען אויף יענער זייט ים, און עמיגראַנטן וועלכע האָבן ערשט געזאָלט אויסוואַנדערן.

די אַרבעט האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט, אָבער מיין פאַרלע־גנהייט איז אויך געווען גאַנץ גרויס. איך בין נישט געווען זיכער, אַז איך קאָן טאָן די אַרבעט אויף אַ געהעריקן אופן. אין דעם רוסישן פּראַוואָסלאַוונעם פּעטערסבורג האָבן יידן גערעדט אַ גוטן זאַפטיקן יידיש, אַ ריינעם קאָרעקטן ליטווישן יידיש. דער „פריינד" רעדאַ־גירט דענסטמאָל פון שאול גינזבורג, האָט געהאַט גלענצנדע פּובלי־ציסטן ווי ש. ראָזענפעלד, ר' מרדכעלע טשעמערינסקי און אַנדערע. אין פּעטערסבורג האָט מען רעספּעקטירט יידיש און פאַרלאַנגט אַ גוטן יידיש.

ווען איך האָב אַרויסגעזאָגט מיינע ספקות האָט מיך יאַנאָווסקי געפרעגט:

— ווי וואָלט געווען אויב איך וואָלט אייך געגעבן אויף דער ערשטער צייט אַ רבי'ן וואָס וואָלט אויסגעבעסערט אייער יידיש?

— איך וואָלט געווען איבערגליקלעך צו האָבן אַזאַ מין רבי'ן, האָב איך געענטפערט און געמיינט עס ערנסט. ווער זאָל אָבער זיין מיין „רבי"?

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום זענען מיר געזעסן צוזאַמען מיט דר. חיים דוב הורוויץ און אָפּגערעדט דעם סדר פון אונזער צוזאַמענ־אַרבעט. אַ דריי חדשים צייט האָט געדויערט די דאָזיקע צוזאַמענאַר־בעט. דריי חדשים פון האָבן צו טאָן מיט אַ מענטשן וואָס האָט געהאַט אַ האַרץ פון גינגאָלד. הורוויץ איז געווען אַ מאַן פון זייער גרויסן וויסן, אָבער נאָך מער אַ מאַן פון קענען איבערגעבן זיין וויסן צו אַנדערע, פון וועלן פּאָפּולער מאַכן יעדע נייע אידעע. דערפאַר זע־נען געווען אַזוי גלענצנד זיינע וועכנטלעכע גרויסע פעליעטאָנען אויף עקאָנאָמישע טעמעס: לעבעדיק, קלאָר, פאַרשטענדלעך,וויסנרייך.

אפילו נאָך דעם פאַרלאָזן דעם צענטראַל־קאָמיטעט בין איך שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט אים און צוגעבונדן צו אים. עס שטייט שטענדיק פאַר מיינע אויגן דאָס ליכטיקע פּנים, באַוואַקסן מיט אַ פּעך שוואַרצער באָרד, באַצירט מיט צוויי וואַרימע פינקלענדיקע אויגן, מיט אַ גוטן, פריינטלעכן שמייכל אויף די ליפּן...

.3

מיר זענען געווען פיר סעקרעטאַרן, חוץ דעם שעף פון דער אָפּטיילונג פאַר עמיגראַציע, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון די קאָמיטעטן אין לאַנד. אויף מיין חלק איז אָנגעקומען גאַנץ פּוילן און די גרענעץ ד. ה. די רוסיש־פּרייסישע גרענעץ, דורך וועלכער עס איז געגאַנגען דער גרעסטער שטראָם פון עמיגראַנטן, די רוסיש־עסטרייכישע און צום סוף די רוסיש־רומענישע. אַ שטיק פון דער גרויסער יידישער וועלט, שפּעטער איז צוגעקומען אַ פינפטער, אַ יונגער מאַן, אַ יונגער למדן ־ דער וואַרם־האַרציקער זלמן רובאַשאָוו (שזר).

דאָס וואָרט „גרענעץ" האָט געמיינט אין יענע צייטן דאָס שרעקלעכסטע וואָס יידן האָבן זיך נאָר געקענט פאָרשטעלן: אַ מין גהנום, וועלכן מען האָט בשום אופן ניט געקענט אויסמיידן אויב מען האָט געוואָלט אָנקומען קיין אַמעריקע אָדער אין אַן אַנדער לאַנד. דער גרעסטער טייל פון די עמיגראַנטן האָט ניט געקענט באַקומען קיין אויסלענדישן פּאַס, ווייל אויף זיי איז געלעגן די לאַסט פון דעם דריי הונדערט־רובל־שטראָף דערפאַר, ווייל עמיצער פון די מאַנסבילן אין דער פאַמיליע האָט זיך ניט צוגעשטעלט צום „פּריזיוו", ד. ה. צום מיליטער־דינסט. דאָס זענען סרוב געווען יונגע לייט וואָס האָבן פאַרלאָזן רוסלאַנד אַלס קליינע קינדער און שוין לאַנג געוואָרן בירגער אין די לענדער פון איינוואַנדערונג. אָבער אַזוי ווי זייערע פאַמיליעס זענען אַ מאָל אַרויסגעוואַנדערט אָן פּעסער און אין די ביכער זענען זיי נאָך אַלץ געבליבן פאַרשריבן אַלס איינוווינער פון רוסלאַנד האָט מען זיי גערופן צום מיליטער־דינסט ווען זייער יאָר איז געקומען. אויטאָמאַטיש פלעגן זיי פאַרעכנט ווערן פאַר דעזערטירן און די פאַמיליע איז באַשטראָפט געוואָרן מיט 300 רובל שטראָף, אַ

גרויסע סומע געלט צו יענער צייט. איז מען געצוווּנגען געווען צו גנבענען די גרענעץ. וואָס מער ייִדן האָבן עמיגרירט — און די אויסוואַנדערונג וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרגרעסערן אין די נייַנציקער יאָרן האָט זיך אין אָנהויב פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט פאַרוואַנדלט אין אַ מאַסן־אויסוואַנדערונג — אַלץ מער ייִדן האָבן באַקומען די שטראָף פון די דריי הונדערט רובל. דאָס האָט געהייסן, אַז די גאַנצע אויסוואַנדערונג האָט „געגנבעט" די גרענעץ.

אַן ארמיי פון אַגענטן פֿון שיף געזעלשאַפטן, סרוב פון דייטשע, איז אַנטשטאַנען אין די שטעט מיט אַ ייִדישער באַפעלקערונג. אַן אַרמיי פֿון אַגענטן פאַר דעם גנבענען די גרענעץ, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אמת'ע לעבנס געפאַר און וואָס האָט נישט זעלטן געפירט צו רויב און מאָרד. הגם די שמוגלערס זענען געווען אָפט פאַרבונדן מיט די גרענעץ-סאָלדאטן און האָבן „גאַראַנטירט" זייערע קליענטן אַ זיכערן וועג איבער דער גרענעץ איז קיין אמת'ע זיכערקייט נאַטירלעך ניט געווען. די רוסישע גרענעץ־וואַך איז שטענדיק געווען אין אַן אַלאַרם־צושטאַנד. דער טראַנספּאָרט פלעגט ס'רוב פֿאָרקומען בײַנאַכט אויף באַהאַלטענע וועגן. די לעבעדיקע סחורה, האַלב־טויט פון שרעק, פלעגט מען אַריבערברענגען גייענדיק צו פוס אָדער אין פויערישע וועגעלעך. ניט זעלטן איז מען געלאָפן צוריק איידער מען איז צוגעקומען צו דער גרענעץ. און אַזוי האָבן געוואַנדערט ייִדן, פאַרלאָזן דאָס פאַרשאָלטענע לאַנד.

פונדעסטוועגן, דעם אמתן גהנום האָבן די עמיגראַנטן געטראָפֿן ערשט ווען מען האָט זיי שוין גליקלעך אַריבערגעבראַכט איבער דער גרענעץ: מען פלעגט זיי אַריינעמען אין דער אַזוי גערופענע „קאָנטראָל־סטאַנציעס" פון די דייטשע שיף-געזעלשאַפטן, כדי צו ברענגען אין אָרדנונג זייערע שיפסקאַרטן און זיי „רייניקן". דאָס איז שוין געווען איינמאָל א רייניקונג: ניט נאָר די קליידער און די זאַכן פלעגט מען דעזינפעקצירן, נאָר די נשמה פלעגט מען בײַ די עמיגראַנטן אַרויסטרייסלען. ווי פּי פלעגט מען זיי האַלטן אין שמוציקע באַראַקן, ווי פּי פלעגט מען זיי האָדעווען, און ווי פּי פֿלעגט מען זיי האַלטן אין די צוגן וועלכע האָבן זיי געפירט קיין האַמבורג

אדער ברעמען. די קאָנטראָל־סטאַנציעס זענען געווען האַלב־פּריוואַטע און האַלב אָפיציעלע אינסטיטוציעס. דער פּרייסישער זשאַנדאַרמען־גייסט האָט זיך דאָ געקענט אויסלעבן אין א פולער מאָס. די קאָנטראָל־סטאַנציעס פון איידטקונען, אַנטקעגן דעם רוסישן ווערזשבאָלאָווא; פּראָסטקין אַנטקעגן גראַיעווע; אילאָווא אַנטקעגן מלאַווע און מיסלאָוויץ אַנטקעגן סאָסנאָוויץ, — זענען געווען די הויפּט־צענטערס, ווו מען האָט געזאַמלט די עמיגראַנטן, אמתע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין וועלכע דער מענטש פלעגט ווערן צו גאָרנישט, אין וועלכע עס האָבן זיך אָפט אָפּגעשפּילט הימלשרייענדיקע דראַמעס פון אַלערליי מינים.

איך פלעג זיין אן אָפטער גאַסט אין די דאָזיקע לאַגערן. דער דייטש־יידישער „הילפס־פאַריין" האָט גוט געוווּסט, וואָס דאָ קומט פאָר און האָט אַ סך מאָל פאַרזוכט צו פּראָטעסטירן און צו פאַרבעסערן די לאַגע. די דייטשע סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט שטענדיק פּראָטעסטירט, ניט זעלטן דורך אינטערפּעלאַציעס אין רייכסטאַג, אָבער דאָס איז אַלץ געווען אומזיסט. פאַר די דייטשע־שיפסגעזעלשאַפטן איז דער יידישער עמיגראַנט געווען אַ ווערטפולע סחורה און ניט מער. די גאַנצע ברוטאַליטעט פון דעם אַמאָליקן דייטש־פּרייסישן רעזשים האָט זיך דאָ פונאַנדערגעשפּילט אומגעשטערט, אומבאַשטראָפט, אוממענטשלעך.

יעדע דריי פיר חדשים בין איך אַרויסגעפאָרן אויף עטלעכע וואָכן, כדי צו באַזוכן אונזערע שטעט און שטעטלעך. ליטע האָט נאָך דאַן ניט געהאַט די אייזנבאַנען וואָס דאָס אָרימע לאַנד פאַרמאָגט היינט, האָט מען געמוזט אַרומשלעפּן זיך איבער די ליטווישע בלאָטעס „מיט פּאָטשט". פאָרן פון ליבאַווע קיין מוראַוויאָווא (מאַזשייקי) מיט דער באַן איז געווען אַ לוקסוס. נאָך דעם האָט מען געמוזט נעמען דריי פערד, כדי צו פאָרן מיטן שליאַך קיין טעלזש פון דאַנען קיין ראַסיין און אַזוי ביז פּאָנעוועזש. עס איז געווען אַן אמת'ע עקספּעדיציע אָבער די נסיעה איז געווען ווערט די מי. דאָ האָט מען געטראָפן דעם שווער אַרבעטנדיקן ליטווישן ייד, דעם שכל'דיקן רעאַ־

ליסט מיט אַ קלאָר דענקענדיקן קאָפּ, באַשיידן, אָבער זיכער אין זיך און זיינע כוונות.

ליטע איז אין יענע יאָרן צווישן 1905 און 1910, געווען שטאַרק אויסגעליידיקט פון יידן. עס איז געווען נאָך דער גרויסער אויסוואַנדערונג: פון דאַנען איז מען געפאָרן הויפּטזעכלעך קיין דרום אַפריקע, ווו עס איז טאַקע געשאַפן געוואָרן מיט דער צייט אַ גוט געבויטער נייער ישוב, איינער פון די בעסטע אין די לענדער פון יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג. איינציקע פון די ליטווישע שטעטלעך, איך דערמאָן זיך צום ביישפּיל ווילקאָמיר, איז פּשוט געווען פּוסט. אַ באַדייטנדער טייל פון דער געבליבענער יידישער באַפעלקערונג האָט געלעבט פון די געלטער, וואָס די עמיגראַנטן האָבן זיי געשיקט „אַ היים"; דאָ האָט מען געוואַרט אויף דער שיפס־קאַרטע פונם מאַן אָדער פון דעם פאָטער. עמיגראַציע איז נישט געווען קיין אומגליק פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, פאַרקערט, דאָס איז געווען די איינציקע האָפנונג אויף צו קענען אַ מאָל אויסגעלייזט ווערן פון דעם פינצטערן גלות אין אַלטן רוסלאַנד. פאַרבלייבן דאָ האָט געהייסן אונטערגאַנג. און יידן האָבן נישט געוואָלט אונטערגיין.

„יעוראַזיע“

.1

דאָס וואָרט יעוראַזיע באַשטייט פון צוויי טיילן: „יעוו“ איז אַ פאַרקירצונג פון דעם רוסישן וואָרט יעווראָפּאַ, וואָס מיינט אייראָפּע, און דער צווייטער טייל ־ אַזיע. דאָס וואָרט יעוראַזיע איז געשאפן געוואָרן אין רוסלאַנד אַלס אויסדרוק פאַר דעם באַגריף פון צוויי צוזאַמענגעשמאָלצענע קולטורן, די אייראָפּעאישע און די אַזיאַטישע קולטורן. עס איז א אינטערעסאַנטער באַגריף און איך בין פעסט איבערצייגט אַז דאָס איז דער בעסטער באַגריף און די בעסטע קוואַליפיקאַציע פון דעם וואָס רוסלאַנד, דאָס רוסישע פאָלק און די רוסישע קולטור שטעלן מיט זיך פאָר. עס איז אַ שטיק אייראָפּע און אין דער אייגענער צייט אַ שטיק אַזיע — נאַטירלעך ניט אַזיע ווי דאָס אַלטע כינע איז געווען און אויך ניט אינדיע פון אַזיע...

איך לאָז איבער צו די געלערנטע עטנאָגראַפן צו זאָגן זייער מיינונג וועגן דעם מאָנגאָלישן איינפלוס אויף דעם כאַראַקטער פון דעם רוסישן פאָלק. איך לאָז איבער צו די קולטור־היסטאָריקער זוכן און געפינען די אַזיאַטישע עלעמענטן אין דעם זשעני פון דאָסטאָיעווסקי, אין דער מוזיק פון מוסאָרגסקי און אין דער מאַלעריי פון קאָראָווין. פאַר די דאָזיקע פאָרשער איז אָן שום צווייפל פון זייער אַ גרויסן אינטערעס צו שטודירן אויך די רעליגיעזע שטרעמונגען אין דעם רוסישן פויערטום, צו פאָרשן די מאַסן פארשידענע רעליגיעזע סעקטן אין דעם פאָלק, די ליבע פון דעם פאָלק צו מוזיק און צו טענץ, זיין פעיקייט צו מאַסנפּסיכאָז און מאַסנמאָרד, צו אוממענטשלעכער בעסטיאַליטעט, ווי דאָס האָט מען געזעען אין דער צייט פון דעם בירגער־

קריג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, בשעת די שלאַכטן צווישן די ווייסע און רויטע.

איך בין געבוירן געוואָרן אינם שטילן קאָזאַקן־שטעטל אויפן קובאַן, וואו איך האָב געלערנט אין אַ שטאָטישער זעקס־קלאַסיקער שולע, נאָך דעם געלעבט און דורכגעגאַנגען אַ מיטל־שולע אין אַן אַלטער שיינער שטאָט אין דער קרים, געווען אין פּוילן, געלעבט עט־לעכע יאָר און שטודירט אין בערלין, וואו איך בין געווען אַן אָפטער באַזוכער ביי די זיצונגען אין רייכסטאַג און ערשט שפּעטער געקאָנט טיפער אַריינדרינגען אין דאָס אמתע רוסישע לעבן, צוערשט אין אָדעס און צולעצט, אין פאַרלויף פֿון קנאַפּע צען יאָר אין פּעטערס־בורג. אָבער ניט די אַלע פריערדיקע דערפאַרונגען, און ניט די יאָרן וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דעם פּעטערסבורגער אוניווערסיטעט האָבן מיר ניט געעפנט די אויגן אויף דער רוסישער ווירקלעכקייט ווי די פֿיר יאָר פון מיין ארבעט אין דעם רוסישן פּאַרלאַמענט אין דער גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ אלס דומע־קאָרעספּאָנדענט פֿון דער גרויסער ליבעראַלער צייטונג אין מאָסקווע „אוטראָ ראָסיי“, די צייטונג פון די גרויסע רוסישע אינדוסטריאַליסטן, ריאַבושינסקי און קאָנאָוואַלאָוו. די צייטונג האָט געהאַט עטלעכע רעפּאָרטערס אין דער דומע, וועלכע האָבן געדאַרפט צושטעלן כמעט סטענאָגראַפֿישע באַ־ריכטן פון די זיצונגען. מיין אויפגאַבע איז געווען אָנשרייבן נאָך יעדער זיצונג אַ קורצן אַרטיקל, וואָס האָט געהייסן „איינדרוקן“ — „ווּפּעטשאַטלעניאַ“, וואָס פלעגט געדרוקט ווערן אויבן־אָן, פאַר די באַריכטן. איך האָב געדאַרפט נאָר זיצן און צוקוקן זיך צו די פאַר־האַנדלונגען אין פּאַרלאַמענט. האָב איך זיך צוגעקוקט און צו־געהערט...

די דומע איז געוואָרן מיין אמת'ער רוסישער אוניווערסיטעט. דאָ, אין דעם טאַורישן פּאַלאַץ וואָס יעקאַטערינאַ די צווייטע האָט אַמאָל געלאָזט בויען פאַר איר פאַוואָריט פּאָטיאָמקין, האָב איך דער־זען דאָס אמת'ע דאָס נישט געפּודערטע פּנים פֿון דעם רוסישן פאָלק, דערשפּירט די נשמה פון דעם פאָלק, באַגעגנט דאָס שענסטע וואָס רוסלאַנד האָט געהאַט און דאָס ווילדסטע, דאָס געמיינסטע, דאָס

באַרבאַרישע און אַזיאַטישע וואָס האָט ווי אַ ים איינגעזאַפּט אין זיך דאָס ערשטע און ׳עס צונישט געמאַכט.

יעדן טאָג פון עלף פאַרמיטאָג ביז פינף אָדער זעקס נאָכמיטאָג האָב איך פון דער אויבערשטער פּרעסע־לאָזשע געזען פאַר זיך די מעכטיקע אייזן־שווערע פיגור פון ראָדזיאַנקאָ, דעם פּרעזידענט פון דער דומע. יעדן טאָג האָב איך געזען אויף דעם רעכטן טייל פון דעם זאַל די אייביק טרויעריקע געשטאַלט פון דעם קאַווקאַזישן מאַן טשעכעידזע, דעם פירער פון דער קליינער סאָציאַלדעמאָקראַטישער מענשעוויקישער־פּאַרטיי — ער האָט שפּעטער, אין די יאָרן פון דער עמיגראַציע, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין פּאַריז —, די פעסטע פירעקיקע פיגור פון מאַלינאָווסקי, דעם פירער פון דער באָלשעוויסטישער גרופּע — ער האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר אַ פּראָוואָקאַטאָר אין דינסט פון דער אָכראַנע, הגם ער איז געשטאַנען אין אַ אינטימען פאַרקער מיט לענינען אַליין, איז באַלד אַנטלאָפן אין אויסלאַנד, געקומען צוריק און איז דערשאָסן געוואָרן.

יעדן טאָג האָב איך פאַר זיך געזען מיליוקאָוו און ראַדיטשעוו, שינגאַרעוו און מאַקלאַקאָוו — די וויכטיקסטע מענטשן פון דער ליבעראַלער, אַזוי גערופענער קאַדעטן־פּאַרטיי (קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי), די וואָס האָבן אָנגעפירט אַ סיסטעמאַטישן קריג קעגן דער רעגירונג, די וואָס האָבן שטענדיק מוטיק און אָפן פאַרטיידיקט די אינטערעסן און די רעכט פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

די גאַנצע לינקע העלפט פונם זאַל איז געווען פאַרנומען מיט עטליכע צענדליק גלחים, הונדערטער פּויערים און אַנדערע שוואַרצע עלעמענטן, אויסגעקליבן בשעת די וואַלן מיט דער הילף פון דער פּאָליציי און אָנגעפירט נאָך די וואַלן פון עטלעכע רעגירונגס־געטרייע קליקעס. זיי, אָט די שוואַרצע, האָבן געבילדעט די מערהייט.

דאָ האָט איך פאַר זיך געהאַט גאַנץ רוסלאַנד, דאָס צוטומלטע, פינצטערע רוסלאַנד, ניט קיין פאָטאָגראַפיע, נאָר דעם הונדערטפּראָצענטיקן אָריגינעלן רוסישן מענטשן. דאָס איז געווען דער דורכשניטלעכער רוסישער מענטש.

עס איז זעלטן דורכגעגאַנגען אַ זיצונג, בשעת וועלכער עס זאָל ניט פֿאָרקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישן די פֿאַרטרעטער פֿון די רעגירונגס־געטרייע און דער אָפּאָזיציע. און צו עס האָט געהאַט אַ שייכות צו יידן אָדער ניט, אָבער כמעט שטענדיק פֿלעגט מען דערזען ווי פֿון דער לינקער זייט הויבט זיך אויף אַ ריזן־גרויסע, ברייטע, מאַסיווע געשטאַלט, לאַנגזאַם צוגיין צו דער רעדנער־טריבונע און נעמען לאַנגזאַם האַקן וואָרט ביי וואָרט:

— די זשידעס, די יידן, אָט דאָס פֿון גאָט פֿאַרשאָלטענע און פֿון אַלעמען פֿאַרהאַסטע פֿאָלק...

ער פֿלעגט אַזוי אָנגעען שעהנווייז.

טאָג־אויס, טאָג־איין פֿלעגט דער מאַן, מאַרקאָוו דער צווייטער, איבערחזרן די דאָזיקע רייד. דער פּרעזידענט פֿון דער דומע האָט אים קיין מאָל ניט אָפּגעשטעלט. קיינער האָט זיך ניט צוגעהערט צו די אידיאָטישע רעדעס, אָבער ער, דער רעדנער, האָט גוט געוואוסט וואָס ער טוט. ער האָט געוואוסט, אַז זיינע ווערטער וועלן איצט ווערן געדרוקט און איבערגעדרוקט און פֿאַרשפּרייט איבער דעם לאַנד.

חוץ אים זענען געווען די צוויי אַנדערע מויל־העלדן, פּורישקעוויטש, אַ האַלב־משוגענער, אָבער זייער טאַלאַנטירטער רעדנער, און דער פּראָקוראָר זאַמיסלאָווסקי, אַ מין פּאַרציייטיקער ווישינסקי, דער אייגענער זאַמיסלאָווסקי וועלכער האָט אויפגעבויט דעם ביילים־פּראָצעס. פֿאַר זיי איז די דומע געווען אַ מין צירק.

אַן איינפֿלוסרייכע רעאַקציאָנערע גרופּע האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט די קליקע פֿון די קיעווער אַרכי־פּאַטריאָטן מיט שולגין, דער רעדאַקטאָר פֿון דעם שוואַרצן אַנטיסעמיטישן בלאַט „קיעוולאַנין”, גראַף באָברינסקי, באַלאַשאָוו און אַנדערע אָפֿיציעלע סלאַוויאַנאָפֿילן אין דער שפּיץ. זיי האָבן נאָך אַלץ געגלויבט אין דער פֿירערשאַפֿט פֿון דער רוסישער קולטור.

אָט די אַלע גרופּירונגען, די היטער פֿון דעם צאַרן־טראָן און פֿון דער פּראַוואָסלאַווער קירכע, האָבן זיך געפֿונען אונטער דעם

שטרענגן קאָנטראָל פֿון דעם פּעאָדאָלן אַדל, אָרגאַניזירט אין דעם פּעסטן „סאָיוז אָביעדיניאָנאַגאַ דוואָריאַנסטוואַ“ — „דער בונד פון דעם פאַראייניקטן אַדל“. פון דעם דאָזיקן „סאָיוז“ איז אָפּהענ־גיק געווען דער גורל פון יעדן מיניסטער, פּאַקטיש פון דער גאַנצער רעגירונג. אָן דער צושטימונג פֿון די פירערס פון דעם דאָזיקן „בונד“ האָט קיין פּרעמיער־מיניסטער ניט געקאָנט באַשטימט ווערן. זיי האָבן געדאַרפט היטן די רעכט פון די גרויסע ערד־באַזיצערס. אויף זיי האָט זיך געהאַלטן דער טראָן און דער טראָן האָט זיי געהאַלטן. פאַר די צוויי פאַקטאָרן איז געווען גאַנץ גלייכגילטיק צי די רעגי־רונגס־מאַשין איז מער אָדער ווייניקער קאָרומפּירט, צי הינטער דעם פּראָנט־פֿאַסאַד איז אַלץ דורך און דורך אויסגעפוילט צי דאָס לאַנד שטייט פֿאַר אַ גרויסער קאַטאַסטראָפע. מיט אַן אויסער־געוויינליכער שנאה האָבן זיי באַטראַכט די עקזיסטענץ און די אַרבעט פונם פּאַרלאַמענט און זיין שאַרפע קריטיק. דער נישטיקער טויגע־ניכטס אויפן ראָמאַנאָוו־טראָן האָט אָפן חוזק געמאַכט פון דער דו־מע, וועלכע האָט גענומען ווערן זייער אומרואיק צוליב געפערלעכע קאָנפליקטן אין לאַנד און גאָר ערנסטע קאָמפּליקאַציעס אין דער אינ־טערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. סטאָליפּין, דער רעאַקציאָנערער פּרע־מיער־מיניסטער, איז דערשאָסן געוואָרן אין קיעוו, אין טעאַטער, פאַר די אויגן פון דעם צאַר (פון דעם פּראָוואָקאַטאָר באָגראָוו, אַ ייד), אָבער דאָס האָט ניט פאַרקלענערט נאָך פאַרגרעסערט די מאַכט און דעם איינפלוס פון דער הויף־קליקע, פון ראַספּוטין, דעם פּויער פון סיביר, אַ ספּעציאַליסט אויף סעקסועלע מופתים. ווי יעדער דע־גענערירטער רעזשים אין אַלע צייטן איז אויך דער רעזשים פון ני־קאָלאַי דעם צווייטן און זיין „פֿאַרייניקטן אַדל“ געשלאָגן געוואָרן מיט אַן אַבסאָלוטער בלינדקייט. ניט ער האָט געזען וואָס עס שפּילט זיך אָפּ אַרום אים און ניט ער האָט געוואָלט עס זען. ער האָט געהערט די וואָרנונגען, אָבער ער האָט זיי ניט געוואָלט הערן און איז נאָך מער אויפגעבראַכט געוואָרן. דער הויף און דער פּאַר־לאַמענט, אָט טאַקי דער פּאַרלאַמענט מיט אַ רעאַקציאָנערער מער־הייט, האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין צוויי לאַגערן. עס איז געווען קלאָר,

אז ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט איינער דעם אנדערן פאר־זוכן צו פארניכטן. און אזוי איז עס געוואָרן.

.2

אין קאָן איז געשטאַנען דער גורל פון דעם רוסישן יידנטום. די דומע האָט אונז נישט געקענט העלפן, האָט ניט געקאָנט און ניט גע־וואָלט העלפן. אָבער דער רעזשים פון דעם צאַריזם איז פאר אונז געווען א שונא אויף טויט און לעבן, א טאָג טעגלעכע געפאר. דער ביילים־פּראָצעס האָט באַוויזן, אַז דער רעזשים פון דעם קישינעווער פּאָגראָם, דער רעזשים וואָס איז געווען פאראַנטוואָרטלעך פאר די פּאָגראָמען איבערן גאַנצן לאַנד, וועט קעמפן ביז צום לעצטן טראָפּן יידיש בלוט איידער ער וועט נאָכגעבן. דער רעזשים האָט אליין גע־גראָבן זיין קבר.

אין דער רעגירונג איז געזעסן און געשפּילט זייער א גרויסע ראָלע א מאַן ווי דער יוסטיץ־מיניסטער שטשעגלאָוויטאָוו, א מאַן פון גרויסן וויסן, א מחבר פון גוטע יורידישע ביכער, אָבער אויך א מאַן אָן שום געוויסן, אָן דער פּעאיקייט אָפּצושאַצן די לאַגע. דער ביילים־פּראָצעס איז דאָך געווען א פּאַטש אין פּנים דער גאַנצער וועלט. ערשט האָט אַמעריקע אָפּגעזאָגט דעם אַלטן האַנדלס־אָפּמאַך מיט רוסלאַנד, ווייל מען האָט דאָ ניט געוואָלט בשום אופן אריינלאָזן אַמעריקאַנער יידן ווייל זיי זענען יידן. דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז אומעטום באַטראַכט געוואָרן פאר א שאַנד־פלעק אין היינטיקע צייטן. אָבער דער יוסטיץ־מיניסטער האָט זיך ניט געשעמט צו לאָזן אויפירן א מיטל־אַלטערישן ספּעקטאַקל מיט א בלוט בילבול אויף יידן. אויף וואָס זשע האָט דאָס רוסישע יידנטום געקענט וואַרטן?

פאר אַן ענטפער אויף דער פראַגע קען דינען די מעשה וואָס האָט צו יענער צייט אַרומשפּאַצירט וועגן א יונגן יידישן יוריסט, וועלכער האָט געענדיקט ערגעץ וואו אין דער פּראָווינץ דעם יורידישן פאַ־קולטעט, אָבער צוליב זיין יידישקייט ניט געקענט באַקומען דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן אַלס אַפּיציעלער אַדוואָקאַט, דער יונגער מאַן האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין פּעטערסבורג און בעטן פּערזענלעך דעם מיניסטער. מיטגענומען אַלערליי רעקאָמענדאַציעס איז ער וואָכנלאַנג

געגאַנגען צום יוסטיץ־מיניסטעריום ביז ער האָט זיך סוף כל סוף דערשלאָגן צו דער מעגלעכקייטריידן מיט שטשעגלאָוויטאָוו׳ן פּער־זענלעך. שטשעגלאָוויטאָוו, האָט מען זיך אַזוי דערציילט, האָט גע־וואָלט זעען דעם יונגן מאַן מיט אַזוי פיל „יידישער חוצפּה״ און אויסהערנדיק אים געענטפערט קורץ און פּראָסט:

— הערט יונגער מאַן וואָס איך זאָג אייך: אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן וועט קיין ייד ניט צוגעלאָזט ווערן צו דער אַדוואָקאַטור!..

דער יונגערמאַן זאָל האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם שפּיל, איז געבליבן שטיין, געטראַכט זיך און געענטפערט:

— גוט, אייער עקסצעלענץ, וועל איך וואַרטן...

ווי מיר ווייסן, האָט זיך דער יונגער מאַן דערוואַרט. שטשעגלאָ־וויטאָוו איז געווען איינער פון די ערשטע וועמען מען האָט דער־שאָסן בשעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. איך האָב אים צום לעצטן מאָל געזען אין דער דומע ווען ער האָט זיצנדיק אויף דער רעגי־רונגס־באַנק האַרציק געלאַכט מיט פאַרגניגן ווען מען האָט בשעת אַן אָבסטרוקציע פון דער אָפּאָזיציע צום ערשטן מאָל אַריינגעפירט אין זאַל אויפן באַפעל פון ראָדזיאַנקאָ סאָלדאַטן און אַרויסגעפירט קערענסקי און אַנדערע דעפּוטאַטן. די אָבסטרוקציע איז פאָרגעקומען ווען ניקאָלאַי דער צווייטער האָט פאַר אַ פּרעמיער־מיניסטער פּלוצ־לונג באַשטימט דעם אַמאָליקן אַרכי־רעאַקציאָנערן פּרעמיער און איצט אַ שוואַכן זקן גאָרעמיקין. דער אַלטיטשקער האָט זיך קוים געקענט האַלטן אויף די פיס. ווען ער האָט זיך געוואָלט פאָרשטעלן פאַר דער דומע און אויפגעקלעטערט אויף דער טריבונע האָט די סאָציאַליסטישע אָפּאָזיציע אים ניט געלאָזט ריידן. אין דער דומע האָט מען געזאָגט, אַז ניקאָלאַי האָט געוואָלט דעמאָנסטרירן פאַרן פאַרלאַמענט זיין טיפע פאַראַכטונג צו אים. האָט ער געהייסן נעמען פון דעם קאַסטן מיט נאַפטאַלין דעם אַלטן גאָרעמיקין און מאַכן אים פאַר אַ פּרעמיער־מיניסטער. עס איז פאָרגעקומען אַ גראַנדיעזער סקאַנדאַל — סאָלדאַטן אין דומע־זאַל! דער יוס־טיץ־מיניסטער האָט זיך אַמוזירט צוקוקנדיק זיך צו דער סצענע. ווען מען האָט אים געהאַלטן ביים אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין

דערשיסן איז קערענסקי געוואָרן דער יוסטיץ־מיניסטער פון דער ציישווייליקער רעגירונג...

ווי געזאָגט, דער יידישער יונגער מאַן און קערענסקי האָבן זיך „דערוואַרט" די שעה ווען עס איז געקומען דער סוף פון דעם רע־זשים. אָבער צו וואָס האָט זיך דערוואַרט דאָס רוסישע יידנטום?

.3

דאָס רוסישע יידנטום איז געווען גענוג רייך מיט אויסגעצייכנטע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געקענט מיט גרויסער ווירדע רעפּרע־זענטירן און ריידן אין זיין נאָמען. פּעטערסבורג און מאָסקווע, אָדעס און קיעוו, ווילנע און קאָוונע, וואַרשע, מינסק און צענדליקער קלע־נערע שטעט מיט אַלטע יידישע קולטור צענטערן האָבן געהאַט טוערס אויף אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער אַרבעט. דאָס יידנטום פונם ריזיקן לאַנד איז געווען גוט פאַרטראָטן אין דער וויסנשאַפט, אין דער רוסישער ליטעראַטור און אין דער פּובליציס־טיק, אין דער אַדוואָקאַטור, אין דער קאָמונאַלער אַרבעט. צווישן די הויפּט־פירערס פון דער איינפלוסרייכער ליבעראַלער קאַדעטן־פּאַרטיי איז געווען אַ מאַן ווי מאַקסים מאַקסימאָוויטש ווינאַווער, איינער פון רוסלאַנדס גרעסטע אויטאָריטעטן אויף דעם געביט פון ציווילרעכט און איינער פון רוסלאַנדס שענסטע רעדנערס. לעאָנטי מאָיסעעוויטש בראַמסאָן האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער פּאַרטיי פון די טרודאָוויקעס, אַ גרופּע נאָענט צו די סאָציאַל רעוואָ־לוציאָנערן. אין דרום רוסלאַנד האָט געקלונגען דער נאָמען פון דעם אַדוואָקאַט פערגאַמענט אין אָדעס. איינער פון רוסלאַנדס באַרימטע אַדוואָקאַטן מיט אַ אינטערנאַציאָנאַלן נאָמען, שעפּטעל, איז געווען צווישן די וויכטיקסטע קאַדעטן־פירערס. יאַלאַס און הערצענשטיין זענען געווען באַרימטע יידישע נעמען אין דער רוסישער קולטור־וועלט. צוזאַמען מיט שמריהו לעווין און אַדוואָקאַט יאַקובסאָן פון ריגע האָבן די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן רעפּרעזענטירט דאָס רוסישע יידנטום אין דער ערשטער דומע — צום ערשטן מאָל און לעצטן מאָל. ווען די ערשטע דומע איז פונאַנדערגעטריבן געוואָרן און די דעפּו־טאַטן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער פינלענדישער שטאָט וויבאָרג

און פון דאַנען פּובליצירט זייער פּראָטעסט, דעם אַזוי גערופענעם „וויבאָרגער אויפרוף", האָט מען ביי זיי צוגענומען אויף שטענדיק דאָס רעכט ווידער אויסגעקליבן צו ווערן אין פּאַרלאַמענט. דערמיט האָט מען פאַרניכטעט די וויכטיקסטע יידישע פּאַרטרעטער. פּערגאַמענט איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, אָבער יאָלאָס און הערצענשטיין זענען דער'הרג'עט געוואָרן פון פּאַטריאָטישע מערדערס...

רוסלאַנד האָט זיך געאיילט צום אונטערגאַנג. איידער סטאָליפּין איז דערשאָסן געוואָרן פון זיין אייגענער פּאָליציי האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט דורכצופירן אַ פּאָליטישע איבערקערעניש און ענדערן די משטיינס געזאָגט קאָנסטיטוציע מיט דעם וואַל־רעכט. לויט דעם נייעם וואַל־געזעץ האָבן יידן בשום אופן ניט געקענט באַקומען אַלס פאַרטרעטער די מענטשן וועמען זיי וואָלטן געוואָלט זען אין דער דומע אַלס זייערע רעפּרעזענטאַנטן. ווי אַזוי זשע האָט מען פאָרט געקענט אָפּהיטן יידישע אינטערעסן?

איך פיל עס ווי האַרץ־ווייטאָג ווען איך וויל דערמאָנען דאָ די דריי ערלעכע גוטע יידן וועלכע זענען צופעליק געווען די פאַרטרעטער פונם רוסישן יידנטום אין דער פערטער און לעצטער דומע. פאַקטיש זענען זיי געווען קדושים־מאַרטירער אין דעם שוואַרצן ים פונם רוסישן פּאַרלאַמענטאַריזם. זיי זענען געווען דריי, דער אַדוואָקאַט פון פּאָנעוועזש פרידמאַן, דר. באָמאַש פון לאָדזש און דר. גורוויטש פון ליבאַווע. קיין איינער פון זיי איז ניט געווען אַ פּאָליטיקער, קיין איינער פון זיי איז ניט געווען אַ רעדנער, קיין איינער פון זיי איז ניט געווען רעפּרעזענטאַטיוו. ווען זיי זענען פון צייט צו צייט פשוט געצוואונגען געוואָרן אָפּגעבן אַ דערקלערונג אין נאָמען פון יידישע אינטערעסן און זאָגן פון דער דומע־טריבונע די פאַר ווערטער וואָס דער יידישער פּאָליטישער קאָמיטעט האָט פאַר זיי צוגעגרייט איז דאָס געווען פאַר זיי אַ שווערע אָפּקומעניש. די בורליגאַנישע אַנטיסעמיטן פלעגן זיי פאַרשרייען, אָפּלאַכן פון זיי, דערנידעריקן, באַליידיקן.

די יידישע אינטערעסן זענען פאַרטיידיקט געוואָרן סיסטעמאַ־

טיש און קאָנסטיטוציאָנעלע רעדנערס. די גרויסאַרטיקע רעדעס לטובֿת פֿונעם רוסישן יידנטום וועלכע זענען געהאַלטן געוואָרן פֿון ראַדיטשעוו, מיליוקאָוו, מאַקלאַקאָוו, קערענסקי און אַנדערע לינקע דעפּוטאַטן זענען וויכטיקע היסטאָרישע דאָקומענטן. אין זייערע רעדעס איז געווען ערנסטער און אויפֿריכטיקער נאַציאָנאַלער פּאַטאָס: די רעדנער האָבן פֿאַרטיידיקט יידישע אינטערעסן, אין דער זעלבער צייט אָבער אויך דעם רוסישן כבֿוד, באַפֿלעקט און באַליידיקט פֿון אַ געוויסנלאָזער חבֿרה אין דינסט פֿון אַ געוויסנלאָזער רעגירונג. „יידישע דעבאַטן" פֿלעגן אַמאָל פֿאַרנעמען גאַנצע טעג אין דומע. דאָס זענען געווען גרויסע טעג. ביז צום היינטיקן טאָג קלינגען אין מײַנע אויערן די ווערטער פֿון ראַדיטשעוו וועלכע ער האָט געשילדערט אין פּנים אַרײַן דער שוואַרצער מערהייט פֿון די רעגירונגס־געטרײַע און דער רעגירונג אַלײן:

— און עס וועט קומען פֿאַר אונזער לאַנד דער גרויסער יום הדין און מיר וועלן אַ טײַערן פּרײַז באַצאָלן פֿאַר דעם אומרעכט וואָס מיר באַגייען מיט אונזערע אונטערדריקטע פֿעלקער... מיר שטייען פֿאַר אַן אָפּגרונט..

„זיי" פֿלעגן צו ערשט ענטפֿערן מיט אַ געמיינעם געלעכטער אויף די דאָזיקע נבֿיאות, ביז סוף כּל סוף זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן, אַזוי ווי זיי וואָלטן פּלוצלונג דערזען פֿאַר זיך שרעקלעכע געשפּענסטער. אָבער די לאַגע האָט זיך אויף קיין האָר ניט געענדערט צוליב דעם. דאָס לאַנד האָט זיך דערנענטערט צו דעם אָפּגרונט. דער סוף איז געווען שוין גאָר ניט ווייט.

צום לעצטן מאָל האָב איך באַזוכט דעם טאַווריטשן פּאַלאַץ דעם טאָג נאָך דער דערקלערונג פֿון דער ערשטער וועלטמלחמה. אויף די גאַסן פֿון דער הויפּט־שטאָט זענען אַרומגעגאַנגען פּאַטריאָטישע מאַניפֿעסטאַציעס בשעת אין דעם פּראַכטפֿולן יעקאַטערינאַ־זאַל פֿון דער דומע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַ פֿינף הונדערט דעפּוטאַטן, אַ סך פֿון זיי שוין אין מיליטערישער אוניפֿאָרם, די מיטגלידער פֿון דער רעגירונג נאָבילימטן. מען האָט געפּראַוועט אַ הײַכן גאָטס־דינסט.

עס האָט געהערשט אַ טראַגישע שפּאַנונג און אַ געוואַלדיקע פייער־לעבקייט. זיי האָבן געוואוסט, אַז דער יום הדין איז געקומען.

פּלוצלונג האָב איך דערזען פון דערווייטנס אונזער דעפּוטאַט, נאַפּטאַלי מאַרקאָוויטש פרידמאַן. ער האָט זיך גראַדע געפונען אין אַ פיינלעכער פאַרלעגנהייט: די מתפללים האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קניען, אַזוי ווי עס האָט פאַרלאַנגט דער פּראַוואָסלאַוונער ריטואַל. ער האָט זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטן, ניט געוואוסט, צי ער אַלס ייד דאַרף אויך מיטמאַכן דאָס קניען, ביז סוף כל סוף ער האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזן...

איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז די פיס האָבן אים מער ניט געטראָגן, פּשוט זיך איינגעבראָכן. די פינף אָדער זעקס הונדערט עקזאַלטירטע מענטשן האָבן אים מיט זיך אַראָפּגענידעריקט. גאַנץ רוסלאַנד, דאָס לאַנד פון אונטערדריקונג און פון אונטערגאַנג, האָט זיך אויף די קניען געשטעלט פאַר דעם רבונו של עולם און געבעטן רחמים. צווישן דער דאָזיקער גרויסער מאַסע פון שולדיקע, אָנגע־קלאָגטע און פאַרמשפּטע איז אונזער אומגליקלעכער רעפּרעזענטאַנט אויך געשטאַנען — פּנים על פּנים מיט זיינע פייניקער.

מער האָב איך קיינמאָל דעם טאַוורישן פּאַלאַץ ניט געזעען. איך האָב אויך אינגיכן, אין אַ יאָר ארום, פאַרלאָזן אויף שטענדיק דאָס לאַנד „יעוורעזיע"...

דער גרויסער גירוש

.1

עס ליגט זיך קוים אויפן שכל — אויף יעדן פאל פאר די וואס האבן איבערגעלעבט די געשעענישן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה אז עס זענען אוועק גאנצע פערציק יאר זינט די זומער־חדשים פון 1914, ווען עס האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט־מלחמה און צו־זאמען מיט דער מפלה פון די רוסישע ארמייען האט זיך אנגעהויבן דער חורבן פון דעם רוסישן יידנטום. די מלחמה האט זיך אנגע־הויבן גלייכצייטיק אויף דער אלטער רוסיש־עסטרייכישער גרענעץ און אויף דער גרענעץ, וואס האט אפגעטיילט דאס אלטע דייטשע קייזער־רייך פון דער רוסישער אימפעריע — אלץ דארט ווו עס האבן געלעבט די גרויסע יידישע מאסן פון פוילן, ליטע, באלטישע געגנט, פון פאדאליע, וואלין און בעסאראביע. אלץ דארט, ווו עס האבן זיך קאנצענטרירט די גרויסע רוסישע ארמייען, וועלכע האבן געטראגן אין זיך פון אנהויב אן דעם קערן פון דעמאראליזאציע און צעפוילע־ניש. די דאזיקע ארמייען זענען אנגעפירט געווארן פון דעם גרויס־פירשט ניקאלאי ניקאלאיעוויטש, א געבוירענער מערדער, דער גלענ־צנדיקסטער פארטרעטער פון דער דעגענערירטער ראמאנאוו־דינאס־טיע. זיין גענעראל־שטאב איז אנגעפירט געווארן פון א טאלאנטלאזן רוסיש־פוילישן גענעראל יאנושקעוויטש, וועלכער האט געליטן איין מפלה נאך דער אנדערער און האט פאר אלע זיינע מפלות זיך „אפ־גערעכנט" מיט יידן, ווען ער האט פראקלאמירט פאר די הויפט־שולדיקע אין די קאטאסטראפעס פון דער רוסישער ארמיי. ער האט שפעטער באצאלט מיט זיין לעבן פאר זיין בלוטדורשטיקייט, אבער

די ערשטע עטלעכע יאָר פון דער מלחמה האָט ער אונז אָפּגעקאָסט זייער טייער — ער האָט פאַרגאָסן טייכן מיט יידיש בלוט...

דער שרייבער פון די שורות האָט פאַרבראַכט די ערשטע וואָכן פון דער מלחמה אין פּעטערסבורג. עס קלינגען אין מיינע אויערן ביז צום היינטיקן טאָג די געשרייען פון די קאָלאָסאַלע פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס, וועלכע האָבן זיך באַוועגט אָן אַן אויפהער איבער די גאַסן פון דער הויפּט־שטאָט מיט פּאָרטרעטן פון דעם צאַר, מיט הייליקע איקאָנעס און מיט אַ ווילדן געזאַנג פון נאַציאָנאַלע לידער. און איך הער נאָך ביז איצט דעם קלאַנג פון די אומענדלעכע אַרטילעריע־פּאַרקן, וועלכע האָבן בייטאַכט זיך באַוועגט פון דער הויפּטשטאָט צו דער פּרייסישער גרענעץ, ווו עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די גרויסע שלאַכטן אין מזרח־פּרייסן — יענע באַרימטע שלאַכטן, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דער פאַרניכטונג פון דער רוסישער אַרמיי אין די אַזוי גערופענע מאַזורישע בלאָטעס און דעם זעלבסטמאָרד פון גענעראַל סאַמסאָנאָוו, דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער דאָזיקער אַרמיי. אין פּעטערסבורג האָט מען נאָך אויף אַלע גאַסן פייערלעך פּראָקלאַמירט דעם אוניווערסאַלן נצחון פון רוסלאַנד, אָבער די רעגירונג, דער הויף פון דעם צאַר, דער פּאַרלאַמענט און די פּרעסע האָבן שוין געוווּסט וואָס איז געשען...

אָבער בעסער פון אַלע און שרעקלעכער פון אַלע האָבן דערפילט דעם געשמאַק פון דער ערשטער גרויסער קאַטאַסטראָפע פון דער רוסישער אַרמיי די רוסישע יידן, ווען דאָס הויפּט־קוואַרטיר פון דעם גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש און גענעראַל יאַנושקעוויטש האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַרויסצוטרייבן תיכף ומיד זעקס הונדערט טויזנט יידן פון די גרענעץ־געגענטן ד. ה. פון דער גאַנצער באַלטישער געגנט, פון ליטע און פון די טיילן פון פוילן, וועלכע זענען געווען נאָענט צום פראָנט. דער באַפעל האָט פאַרלאַנגט, אַז אַלע יידן אָן אויסנאַם דאַרפן פאַרלאָזן זייערע היימען אין די באַשטימטע דיסטריקטן: מענער, פרויען און קינדער, געזונטע און קראַנקע, יונגע און אַלטע, אַפילו די, וואָס זענען געווען אין שפּיטאָלן. אין אייניקע ערטער האָט מען די אַרויסגעטריבענע געגעבן עטלעכע טעג

אויף צוצונרייטן זיך צום אוועקפֿאָרן, אין אייניקע ערטער האָט מען געגעבן נאָר עטלעכע שעה. אַזוי ווי מען האָט געיאָגט די יידן צו די פּראָבסט־וואַגאָנען וווּ מען האָט די מענטשן פּשוט אָנגעשטאָפּט אין די הילצערנע קאַסטנס האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן מיט־נעמען וועלכע עס איז זאַכן. מען האָט געמוזט איבערלאָזן אַלץ וואָס מען האָט געהאַט. מען האָט אין אייניקע ערטער קוים געקענט פֿאַר־קויפֿן די קריסטלעכע שכנים אַ ביסל זאַכן, אָבער אין די מייסטע פֿאַלן האָבן די שכנים געזען, אַז עס לוינט נישט אָפּצוקויפֿן די זאַכן, ווייל זיי וועלן סיי ווי סיי בלייבן אויפֿן אָרט און מען וועט זיי קע־נען צונעמען אָן צו באַצאָלן פֿאַר זיי. אין אייניקע ערטער האָבן די יידן אַליין פֿאַנ־אָמירט זייערע היימען כדי נישט איבערצולאָזן אומ־זיסט די שכנים זייער האָב און גוטס...

עס איז נישט מעגלעך צו באַשרייבן דאָס אַלץ וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די צוגן, וואָס האָבן אין מיטן ווינטער טראַנספּאָר־טירט הונדערטער טויזנטער יידן פֿון מערב־רוסלאַנד קיין סיביר אָדער איבער דעם גאַנצן לאַנד קיין דרום רוסלאַנד. די צוגן פֿלעגן זיך אָפּשטעלן אין די גרויסע שטעט און מען פֿלעגט מוזן אַרויס־טראָגן פֿון די וואַגאָנען שווער־קראַנקע אָדער טויטע, אָדער מענטשן, וואָס זענען אַראָפּ פֿון זינען.

דאָס איז נאָך אָבער אַלץ געווען ווייניק פֿאַר די ברוטאַלע פֿייני־קער. דער רוסישער גענעראַל־שטאַב האָט זיך געמוזט פֿאַרטיידיקן פֿאַר די מפּלות פֿון דער אַרמיי און איבער דעם לאַנד האָט מען גע־נומען פֿירן אַ פּראָפּאַגאַנדע וועגן דעם „יידישן פֿאַרראַט". דאָס לאַנד האָט יעדן טאָג דערוואַרט די מעלדונג פֿונעם גענעראַל־שטאַב וועגן דעם גאַנג פֿון דער מלחמה. מען האָט עס געהאַלטן פֿאַר אַ הייליקן חוב צו באַטראַכטן די דאָזיקע מעלדונגען אַלס די איינציק ריכטיקע, אַלס אַנטהאַלטנדיק „דעם אמת און נאָר דעם אמת". מיט די דאָזיקע מעלדונגען פֿון דעם גענעראַל־שטאַב האָבן די פֿאַרברעכער, וואָס זע־נען געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿון דער קריגס־פֿירונג זיך באַנוצט כדי צו פֿאַרשפּרייטן דעם סם המות — די לעגענדע וועגן דעם פֿאַר־ראַט פֿון יידן און זייער מיטאַרבעט מיט די דייטשן. מען קען זיך

אליין פאַרשטעלן די פאַרביטערונג וואָס די מעלדונגען האָבן אַרויס־גערופן קעגן יידן אין לאַנד און אין דער אַרמיי גופא, אין דער אַר־מיי, אין וועלכער עס זענען געווען עטלעכע הונדערט טויזנט יידישע סאָלדאַטן...

2.

עס זענען אַוועק נאָך עטלעכע וואָכן נאָך דעם ווי די וועלט־מל־חמה האָט אויסגעבראָכן און די רוסישע הויפּט־שטאָט איז שוין גע־ווען נישט צו דערקענען. די רוסישע אַרמייען האָבן געליטן מפּלות און פון די שלאַכט־פעלדער אין פּוילן האָבן זיך גענומען צושפּרייטן געדיכטע וואָלקנס מיט געשפּענסטערס און פינצטערע קלאַנגען. די פּאַניק אין דעם הויפּט־קוואַרטיר פון דעם גרויספירשט האָט זיך רער־טראָגן צו דער הויפּט־שטאָט, ווו אַ שרעקלעכער טומל האָט אַרומגע־כאַפּט דעם הויף פון דעם קייזער פון דעם ערשטן טאָג פון דער מל־חמה. די היסטערישע קייזערין איז געווען אַ דייטשקע און אויף איר איז באַלד געפאַלן דער פאַרדאַכט אין פאַרראַט. די אומשולדיקע יידי־שע מאַסן האָט מען פּאַגראָמירט אין פּוילן און ליטע. דורך דעם גירוש פון הונדערטער טויזנטער. עס איז פאַרגעקומען אַ פולשטענ־דיקע פאַרניכטונג פון זייער האָב און גוטס. אָבער אין פּעטערסבורג גופא האָט מען געמאַכט אַן אמתן פּאָגראָם אויף די גרויסע דייטשע געשעפטן, אַ סיגנאַל צו פּאָגראָמען אויף דייטשן אין גאַנץ רוסלאַנד. מען האָט זיי פּאָגראָמירט אין אַלע עקן פונעם לאַנד.

עס איז געווען אינטערעסאַנט אַרויסצוגיין אויף מאָרגן נאָך דעם גרויסן פּאָגראָם אין פּעטערסבורג און זעען, וואָס די באַנדיטן און רויבערס האָבן אָפּגעטאָן אין סאַמע צענטער פון דער פּרעכטיקער שטאָט. איך בין געווען דערצויגן אויף יידישע פּאָגראָמען אין רוס־לאַנד און רומעניע, אָבער איצט האָב איך דערזען די ווירקונג פון אַ פּאָגראָם „נוסח רוסלאַנד" אָנגעווענדעט קעגן די דייטשן, וואָס האָבן דאָך הונדערטער יאָרן געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע אין פּעטערסבורג. ריזן־שפּיגל־פענסטער אין די גרויסע געשעפטן אויף דער מאָרסקאַיאַ גאַס זענען געווען אויסגעבראָכן און די געשעפטן געפּלינדערט. אַנטקעגן דער איסאַקיעווסקאַיאַ קאַטעדראַלע קירכע

איז געשטאַנען אַ גרויסער פּאַלאַץ פון דער דייטשער אַמבאַסאַדע און אויבן־אָן אויף דעם בנין צוויי ריזן־נאַקעטע, בראָנזענע פיגורן פון מענער מיט צוויי פלומפּע קאָלאָסאַלע בראָנזענע פערד. די פּאָג־ראָמשטשיקעס האָבן געשטורעמט דעם פּאַלאַץ, האָבן אונטערגע־צונדן דאָס, וואָס האָט זיך געלאָזט ברענען און אַרויפקלעטערנ־דיק אויפן דאַך, געשטורעמט די בראָנזענע פיגורן און אַראָפּגעשלייד־ערט אַ טייל פון זיי אויף דער ערד. ווי געזאָגט, עס איז געווען אַ פּאָגראָם „נוסח רוסלאַנד"...

אָבער נישט נאָר יידן, נאָר אויך אַ גרויסער טייל פון דער רוסי־שער אינטעליגענץ האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז די גרעסטע סכנה דראָט די יידן. יידישע כלל־טוער האָבן טאַקע תיכף געשאַפן די גרוי־סע הילפס־געזעלשאַפט פאַר די פליכטלינגע „יעקאָפּאָ" — „יעוורעי־סקי קאָמיטעט פּאָמאָשטשי" — און געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט די נויטיקע געלט־מיטלען. מען האָט געשאַפן אַ גרויסע עפעקטיווע הילפס־אָרגאַניזאַציע, מען האָט געשיקט מענטשן אין אַלע טיילן פון לאַנד. מען האָט זיך פולשטענדיק מאָביליזירט. אָבער וואָס האָט מען געקענט טאָן קעגן די גרויסע סכנות? קעגן דער קאַמפּאַניע וואָס איז פון אויבן געפירט געוואָרן קעגן דעם רוסישן יידנטום און וואָס האָט געקענט פירן צו געוואַלדיקע אומגליקן? די רוסישע אינטעליגענץ האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז איר פליכט צו קעמפן קעגן דער געוויסנ־לאָזער וואַקכאַנאַליע, אַז דאָס איז אַ רוסיש פּראָבלעם. און זיי האָבן פאַרזוכט צו קעמפן.

איך געדענק גוט דעם אָוונט אין דעם אַזוי גערופענעם אַדוואָ־קאַטן־קלוב, ווו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ פּאָר הונדערט רוסישע שרייבער, פּאָליטיקער און איינפלוסרייכע פּרעסע־לייט. ביים פּרעזי־דיום־טיש זענען געזעסן מאַקסים גאָרקי, וועלכער האָט געלייענט דעם הויפּט־פּאָרטראַג, דער באַרימטער שרייבער לעאָניד אַנדרעיעוו און די באַקאַנטע שרייבערין און געזעלשאַפטלעכע טוערין קוסקאָ־וואַ, וועלכע האָט געעדעט וועגן איר לעצטער רייזע איבערן לאַנד. גאָרקיס פּאָרטראַג האָט אַלעמען דערשיטערט: דאָס לאַנד קייקלט זיך אַראָפּ אין דעם אָפּגרונט! מיר זענען אַ פאָלק, האָט ער געטענה'ט,

אַן אַ געוויסן. אונזער געוויסן איז ווי זאָמד: אַט איז עס דאָ און אַט איז עס אַוועק מיט דעם ווינט. מיר מוזן עפּעס טאָן. מיר מוזן רעדן צום פאָלק...

נאָך אַ שרעקלעכן איינדרוק האָט געמאַכט די רעדע פון דער פרוי קוסקאָווא. זי האָט דערציילט, אַז זי האָט זיך געטראָפן אויף איר רייזע מיט אמתע פאָלקסטימלעכע מענטשן, מיט קאָאָפּעראַטאָרס, מיט לערערס א. א. וו. און זי איז דערשטוינט געוועז צו זען ווי ווייט און ווי טיף עס איז אריין דער אַנטיסעמיטישער גיפט. עס איז אַן אַלגעמיינע, גרענעצלאָזע דעמאָראַליזאַציע...

דערווייל האָבן זיך די מיליטערישע געשעענישן אויף דעם פראָנט אַנטוויקלט מיט אַ שווינדלעכן טעמפּאָ. די רוסישע אַרמיי האָט געליטן מפּלות אויף דעם דייטשן פראָנט און געמוזט אָפּטרעטן און ווידער אָפּטרעטן. אויף דעם עסטרייכישן פראָנט איז די רוסן געגאַנגען אַ געוויסע צייט „בעסער" צוליב דער צעפוילעניש פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אימפּעריע און דעם מאַסנהאַפטן איבערגאַנג פון די טשעכישע רעגימענטן צו די „רוסישע ברידער". דאָס האָט באַדייטעט פאַר אונז „חורבן גאַליציע"...

פון אַלע טיילן פון דעם רוסישן פראָנט האָט זיך געטראָגן דאָס ווילדע בילן פון דעם רוסישן הויפּט־קוואַרטיר וועגן „יידישן פאַררעט" און אונזער יאָמערן וועגן מאַסן געהאָנגענע יידן. מען האָט געהאָנגען יידן פאַר כלומרשט איבערגעשניטענע טעלעפאָן־דראָטן, פאַר יידישע סיגנאַלן צו די דייטשן, פאַר יידישן שפּיאָנאַזש...

דער יידישער קאָמיטעט אין פּעטערסבורג האָט געזאַמלט מאַטעריאַל, האָט זיך בעראַטן מיט די איינפלוסרייכסטע פּערזענלעכקייטן, האָט איינגעלאַדן אַדוואָקאַטן צו באַטייליקן זיך אין געוויסע פּראָצעסן קעגן יידן, אָבער ער איז געווען הילפסלאָז קעגן דער פאַרברעכערישער קליקע, וואָס איז געזעסן אויבן אָן און האָט פאַר קיינעם און פאַר גאָרנישט נישט מורא געהאַט. אין אַ שיינעם טאָג איז אין דער מעלדונג פון גענעראַל־שטאַב דערציילט געוואָרן וועגן אַ דייטשער אַטאַקע ביים דאָרף קוזשי אין ליטע: די רוסישע רעגימענטן זאָלן האָבן אָפּגעטרעטן פון דאָרט און ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען

דאָס אָרט האָבן די יידן געגעבן זיי וויכטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן די רוסישע פּאָזיציעס און דאָס האָט געפירט צו גרויסע רוסישע פאַרלוסטן. שפּעטער — איז אין דער מעלדונג ווייטער דערציילט געוואָרן — האָבן די דייטשן זיך אָפּגעטראָגן און די רוסן האָבן צו־ריק פאַרנומען דאָס דאָרף און האָבן נאַטירלעך זיך אָפּגערעכנט מיט די פאַררעטער...

די מעשה גוזשי האָט געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. דער יידישער קאָמיטעט האָט דורכגעפירט תיכף ומיד אַ גענויע אונטער־זוכונג און פעסטגעשטעלט, אַז די גאַנצע געשיכטע איז אויסגע־טראַכט, אַז קיין שום שלאַכט ביים דאָרף איז בכלל נישט פאָרגעקו־מען, קיינער איז דאָרטן נישט אָפּגעטרעטן און קיינער האָט נישט אַטאַקירט. מען האָט פּשוט געמאַכט אַ בלאָף כדי צו האָבן אַ פּרע־טעקסט פאַר נייע פאַרברעכנס.

.3

דאָס וואָס די פּאָליאַקן האָבן זיך אַזוי שטאַרק געווונטשן, — אַז די גאַנצע וועלט זאָל ווערן פאַראינטערעסירט אין זייער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט און נעמען אַן אָנטייל אין זייערע אַספּיראַציעס , — איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. דער פאַרהאַסטער צאַריזם איז געצוווּנגען געוואָרן צו קאַפּיטולירן; רוסלאַנד האָט פּראָקלאַמירט אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר פּוילן און עס איז געוואָרן קלאָר, אַז די מלחמה וועט ברענגען פּוילן פולע אומאָפּהענ־גיקייט. דער פּוילישער נאַציאָנאַליזם האָט זיך צופלאַקערט. דאָס רו־סישע מיליטער האָט זיי געהנפעט. די גאַנצע רוסישע פּרעסע האָט זיך געבויגן און געטאַנצט פאַר זיי און זיי האָבן נאָר געשמייכלט, קוים געענטפערט אויף די אַלע חניפות. עס וועט נישט לאַנג דויערן, האָבן זיי געפילט, אַז זיי וועלן ווערן די סוווערענע הערשער איבער פּוילן — און איבער די דריי און אַ האַלב מיליאָנען פּוילישע יידן...

דעם פּאָגראָם אויף יידן האָבן סיסטעמאַטיש דורכגעפירט די רוסן — די פּאָליאַקן האָבן זיך געדאַרפט נאָר צוקוקן און שעפּן נחת. פון אַלע עקן פּוילן האָבן מאַסן ארויסגעטריבענע יידן געשטראָמט קיין וואַרשע. ווען איך בין אָנגעקומען קיין וואַרשע, אַ צוויי חדשים

נאָך דעם ווי די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, זענען שוין אין וואַרשע געווען איבער אַכציק טויזנט פּליטים. קינדער זענען געשטאָרבן ווי פליגן און מען האָט מער נישט געקאָנט געפינען קיין לאָקאַלן וווּ מען זאָל קענען איינריכטן די „פּשיטולקעס", קינדער־היימען.

די גאַסן פון וואַרשע זענען געווען פאַרפלייצט פון רוסישע סאָל־דאַטן, פּאַטרולן און „אָבאָזן" — מיליטערישע קאָלאָנעס — מיט אַמוניציע און מיט פּראָדוקטן פאַר דער אַרמיי, און אין דער אייגע־נער צייט האָבן פון אַלע פּאַרשטעטן זיך באַוועגט וועגענער, אָנגעלאָדן מיט בעטן, אַלערליי בעבעכעס און שמאַטעס — און מיט אַלטע מענטשן וואָס האָבן נישט געהאַט קיין כּוח צו גיין צו פוס.

וואַרשע איז געווען קוים צו דערקענען. אינעם גרויסאַרטיקן האָ־טעל „בריסטאָל" האָבן זיך געפונען די שטאַבן פון עטלעכע אַרמייען, ס'האָבן געוווינט דאָרט עטלעכע גרויספירטשן, גענעראַלן און אַנדע־רע הויכע אָפיצירן, רוסישע קאָרעספּאָנדענטן און וויכטיקע געסט. יעדע שעה, יעדע מינוט האָט מען דאָ באַקומען די לעצטע נייעס פון דעם פראָנט. מען האָט געוווּסט, אַז די דייטשן רוקן זיך שטאַרקער און שטאַרקער און אַז די רוסישע פאַרלוסטן זענען אומגעהויער גרויס.

אויף גזשיבאָווסקע גאַס, אין אַן אַנדער טייל פון שטאָט, האָט זיך געפונען די יידישע גמינע, די קהילה, וווהין עס זענען געלאָפן אַלע אָנגעקומענע היימלאָזע פּליטים פון דער פּראָווינץ. דער גרויסער הויף איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט וואָגנס, איבערגעלאָדן מיט זאַכן און מיט אַלערליי אַלטוואַרג. אין דעם גרויסן זאַל פון דער גמינע האָט געאַרבעט אַ קאָמיטעט פון שטאָט בעלי־בתּים, וועלכע האָבן פאַרזוכט צו ראַטעווען דאָס ביסל וואָס האָט זיך אפשר נאָך גע־לאָזט ראַטעווען.

אויף אַלע וועגן וואָס האָבן געפירט קיין וואַרשע זענען געגאַנגען מאַסן יידן, אָפט גאַנצע געמיינדעס, גאַנצע קאַראַוואַנען, געטריבן פון דעם אומבּרחמנותדיקן אייגענעם שונא. עס איז נישט געווען צו וועמען צו אַפּעלירן. די רעגירונגען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, רוסלאַנדס פאַרבינדעטע אין דער מלחמה, האָבן אפשר געהאַט אַ

געוויסע אידעע וועגן דעם וואָס פֿאר א דראמע עס שפּילט זיך אָפּ הינטער דעם רוסישן פראָנט, אָבער מען האָט נאָך נישט געוואגט צו וואָרענען די אָנפירער פון דער מעכטיקער אימפּעריע. עס איז באלד קלאָר געוואָרן, אז די גרויסע רוסישע ארמיי שטעלט מיט זיך פאָר א ליימענעם גולם און אַז די דייטשן וועלן פארנעמען גאַנץ פּוילן. דער פּאָגראָם אויף דעם פּוילישן יידנטום איז אָנגעגאַנגען ווייטער.

איך האָב דאָ דערמאָנט די יידישע גמינע און פאר מיינע אויגן וואַקסט אויס אַ גאַנץ באַזונדערע פיגור צווישן דעם ים מענטשן וואָס מען האָט דאָרט געטראָפֿן אין יענע פינצטערע טעג, אַ צענ-טראַלע פּערזענלעכקייט אין יידישן עפנטלעכן לעבן פון ווארשע: אונ-זער גרויסער דיכטער י. ל. פּרץ.

ביי אַ פענסטער וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף פון זיין צימער, ווו ער האָט צענדליקער יאָרן געאַרבעט אַלס באַאמטער פון דער געמיינדע, איז ער שעהן לאַנג געשטאַנען, געשוויגן און אַריינגע-קוקט זיך אין דעם גערויש און טומל פון די אָנגעקומענע אַרויסגע-טריבענע יידן. עס האָבן געפֿעלט ווערטער אויף אויסצודריקן דעם צער ביים באַטראַכטן די שרעקלעכע בילדער. די גרויסע, אויסדרוקס-פֿולע אויגן פון פּרצ'ן האָבן אָפּגעשפּיגלט דאָס וואָס אין זיין טיפן אינערן האָט זיך געטאָן. אַזוי גוט ווי יעדן טאָג, ווען איך פלעג קו-מען פון דעם פראָנט קיין ווארשע, האָב איך אים באַזוכט אין דעם דאָזיקן צימער און אָפט באַגלייט אים אַהיים. עס איז אים געווען שווער צו רעדן. די קאַטאַסטראָפֿע און ליידן פון אומשולדיקע מענטשן זענען געווען צו גרויס.

פאַר דער מלחמה איז ווארשע געוואָרן דער צענטער פון אַ גאָר שטאַרק אַנטוויקלטער יידישער פּרעסע. „דער היינט" „דער מאָ-מענט", די „לעבנס-פראגן" האָבן געהאַט א מאסן-צירקולאציע פֿון הונדערטער טויזנטער קאָפּיעס. דעם טאָג ווען די מלחמה האָט אויס-געבראָכן איז „דער היינט" פֿאר וועלכן איך בין אין פארלויף פון יאָרן געווען דער פּעטערסבורגער קאָרעספּאָנדענט, געדרוקט געוואָרן אי-בער 120 טויזנט עקזעמפּלארן. די דאָזיקע פאר יידישע פארהעלטער-

נישן פון יענער צייט געוואלדיק גרויסע צייטונגס־אַרבעט איז מיט אמאָל אונטערגעהאַקט און ליקווידירט געוואָרן. די אייזנבאַנען זענען פאַרנומען געוואָרן מיטן טראַנספּאָרט פון מיליטער און מען האָט נישט געקענט מער פונאַנדערשיקן די צייטונגען. די יידישע באַפעל־קערונג וואָס האָט געשעפּט אַלע אינפאָרמאַציעס פון די צייטונגען איז געבליבן אַן איזאָלירטע און פאַרלוירענע מאַסע. אַנשטאָט צייטונגס־ידיעות האָט מען זיך געהאַדעוועט מיט קלאַנגען. דאָס צעוויל־דעוועטע רוסישע מיליטער האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד און געהייסן האָט עס פּאַקטיש, אַז וואָס גיכער דער דייטש וועט פאַרניכטן די בעסטיע, אַלץ גיכער וועט קומען די גאולה. אויף די דאָזיקע יידישע סענטימענטן האָבן געשפּילט די דייטשן און אַ געוויסע דייטש־יידישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פּוילישע יידן לטובת פון דייטשלאַנד.

הונדערטער און הונדערטער מיטאַרבעטער פון יידישע צייטונגען זענען געבליבן ווי אויפן וואַסער — אָן אַרבעט, אָן מיטלען צו לעבן, אָן אַ שום האָפענונג אויף אַ שנעלער ענדערונג פון דער גער פערלעכער לאַגע. פאַרקערט, עס איז געוואָרן קלאָר, אַז די מלחמה וועט לאַנג דויערן און אַז די צוקונפט איז פול מיט איבעראַשונגען פאַר דער גאַנצער וועלט און אַז פאַר דעם פּוילישן יידנטום קומען זייער שווערע צייטן...

**
*

עס זענען געווען גענוג טראַגישע געשעענישן אין יידישן לעבן פון אָנהויב ביז צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. מען איז ממש צעטראָטן און צעריבן געוואָרן צווישן די מעכטיקע מיל־שטיינער מען ווייסט נאָך נישט עד היום וויפל מענטשן האָט די רוסישע אַרמיי פאַרלוירן אין יענער מלחמה, וויפל מיליאָנען זענען אומגעקומען, צען אָדער פופצן אָדער צוואַנציק מיליאָן.די ליידן פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט פאַר די רוסן בכלל נאָרנישט באַדייט. די גוט אָרגאַניזירטע דייטשע אַרמייען האָבן זיך גערוקט פאָראויס און אַלץ וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף זייער וועג האָבן זיי פאַר־ניכטעט.

כ׳האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט צוצוקומען צום פראָנט גאַנץ נאָענט

צו די שלאַכט-פעלדער ווערנדיק אַ סאַניטאַר אין רויטער־קרייץ אָפּטיילונג. מיין ערשטער באַזוך אין אַ פעלד־שפּיטאָל איז געווען ווען די רוסישע אַרמיי האָט זיך שוין אָפּגערוקט צוריק ביז צו דער בזורע און איך בין אָנגעקומען אין אַ פעלד־לאַזאַרעט ביי סאָכאַטשעוו, די אַלטע יידישע שטאָט באַרימט מיט אירע רביים און לומדים. איצט איז דאָס שטעטעלע געווען הונדערט פּראָצענט עוואַקואירט, טויט־פּוסט, אַ שטעטל פול מיט אויסגעליידיקטע הייזער.

פאַר מיר איז סאָכאַטשעוו פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן אַ שרעקנס-בילד, אַ סימבאָל פון איין גרויסן אוניווערסאַלן חורבן, פון יידישן אונטערגאַנג אין אַ וועלט־קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט יידישע אינטערעסן.

עטלעכע מאָל האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף סאָכאַטשעוו אין דער וואַרשעווער גמינע, נאָך איידער איך בין אָנגעקומען קיין סאָכאַטשעוו. אַ שוואַרצע, הויכע, דאַרע פיגור אין אַ שוואַרצער זיידענער קאַפּאָטע, דער קערפּער אויסגעדרייט און אויסגעבויגן ווי אַ לאַנגער פראַגע־צייכן, אַ שוואַרצע באָרד און אַ פּאָר גלאַנצנדיקע אויגן, האָט דער מאַן ווי אַ וויכער זיך געטראָגן פון איין פּלאַץ צום אַנדערן. דאָס איז געווען דער סאָכאַטשעווער רבי, וועלכער איז געצוווּנגען געוואָרן צו פאַרלאָזן זיין שטאָט און זיין היים און האָט זיך איצט נישט געקענט געפינען קיין רו. עפּעס אומערדישעס און אומהיימלעכעס איז געווען אַרום זיין וועזן און זיין אויסזען.

אָבער נישט מער ווי אַ טייל פון דער דאָזיקער אויסגעליידיקטער שטאָט איז געווען דער פעלד־לאַזאַרעט. טאָג און נאַכט האָבן געדונערט די שווערע קאַנאָנען, אַזוי ווי פון אונטער דער ערד האָבן זיך יעדע פּאָר מינוטן דערהערט פאַרהילכטע אויפריסן. און טאָג און נאַכט האָט מען געפירט פון די אָקאָפּעס און פון די אָפענע פעלדער טויזנטער און טויזנטער שווער־פאַרווונדעטע און שרעקלעך צוקאַלעטשעטע. שפּעט אין דער נאַכט, פאַרבאָרגן אין דער טיפער פינצטערניש, פלעגט אָנקומען אַ לאַנגער סאַניטאַרער צוג און אוועקפירן קיין וואַרשע די האַלב לעבעדיקע און האַלב־טויטע קרבנות פון די לעצטע שלאַכטן, ס׳רוב האָפענונגסלאָזע קריפּלס...

אין איינעם פֿון די דאָזיקע שווידערלעכע פּרימאָרגנס ווען הימל און ערד זענען געווען פֿאַרוואָלקנט און מען האָט נאָר געהערט דאָס שווערע דונערן האָב איך באַקומען די דערלויבעניש מיטצופֿאָרן אין אַ גרויסן וואָגן פֿון רויטן קרייץ צו די פֿאָדערשטע ליניעס הינטער די אָקאָפּעס. אַ וויכטיקער מיליטער־מאַן האָט געזאָלט מיטפֿאָרן. ווען ער איז אָנגעקומען, אַן עלטערער מאַן מיט אַ פֿיינעם פּנים און זיי־ער אַ באַשיידענער האַלטונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ גענעראַל, אַ דאָקטאָר, דער שעף פֿון דער מעדיצינישער אָפּטיילונג פֿון אַ דיוויזיע. זיין פֿרוי האָט זיך פֿון אָנהויב מלחמה פֿאַרשריבן אַלס קראַנקן־שוועסטער און האָט געאַרבעט אין אַ פֿעלד־לאַזאַרעט. קיינער האָט נישט גערעדט. זייער הויך אין דער לופֿטן איז אַרומגע־פֿלויגן אַ דייטשער עראָפּלאַן און מען איז נישט געווען זיכער צי ער וועט אַראָפּוואַרפֿן באָמבעס. עס האָט זיך באַלד דערהערט איין קראַך און אַ צווייטער, מען האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און מען איז געפֿאָרן ווייטער. פּלוצלונג האָט זיך אונזער וואָגן אָפּגע־שטעלט אויף אַ מאָדנעם אופֿן — ער האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין טעלעפֿאָן־דראָטן, וואָס זענען געלעגן אויף דער ערד. די דראָטן זע־נען צעריסן געוואָרן. אַלע זענען אַרויס פֿון אויטאָמאָביל און באַ־טראַכט דעם קנויל פֿון די דראָטן. מער פֿון אַלעמען איז אויפֿגעבראַכט געווען דער גענעראַל, דער דאָקטאָר.

— דאָס איז דאָך אַ ריינער משוגעת צו לייגן אויב די אָפֿענע וועגן די טעלעפֿאָן־פֿאַרבינדונגען... איצט האָט מען איבערגעריסן די קאָ־מוניקאַציע צווישן צוויי שטאַבן... דאָס איז דאָך אומדערהערט...

ווען מען האָט באַפֿרייט די רעדער פֿון דעם וואָגן פֿון די דראָטן איז מען ווידער אַריין און שנעל אַוועקגעפֿאָרן. דער דאָקטאָר האָט זיך נישט געקענט באַרויִקן. איך בין געזעסן נאָענט צו אים און זיך דערלויבט צו מאַכן אַ באַמערקונג:

— פֿאַר אַזעלכע צעריסענע דראָטן האָט מען באַשטראָפֿט אַ מאַ־סע אומשולדיקע מענטשן, וועלכע זענען קיינמאָל נישט צוגעגאַנגען נאָענט צו די פֿעלד־פֿאַרבינדונגען...

— דאָס איז אוממעגלעך, אַבסאָלוט אוממעגלעך, האָט דער דאָק־

טאָר געענטפערט מיט פייער, אָבער זיין פּנים, זיינע דערשראָקענע אויגן האָבן קלאָר באַוויזן, אַז ער גלויבט יאָ אין דער מעגלעכקייט פֿון אַזעלכע שרעקלעכע מיספאַרשטענדענישן.

אַלע אויפֿן פראָנט האָבן געוווסט, אַז די באַשולדיקונג וואָס מען האָט אומעטום געפּריידיקט קעגן „יידישן פּאַרראַט" און „יידישן סאַבאָטאַזש" זענען בייזוויליקע פאַנטאַזיעס און אַז די אומשולדיקע קרבנות, די הונדערטער און הונדערטער געהאָנגענע און דערשאָסענע זענען געפאַלן נאָר דערפאַר, ווייל די אמתע שולדיקע האָבן געדאַרפט האָבן עמיצן אויף וועמען מען קאָן אַרויפֿלייגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווייל זיי וועלן זיך אפילו נישט קענען פֿאַרטיידיקן.

אָט אין דער צייט, נאָר עטלעכע חדשים נאָך דעם אָנהויב פון דער מלחמה, איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער גענעראַל־שטאַב פון דעם הויפּט־קאָמאַנדיר האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל אויפהערן אַרויסגעבן אַזוי פּיל אויסצייכענונגען יידישע סאָלדאַטן פאַר זייער העלדישקייט. די אינטעליגענץ און די פעאיקייטן פון דעם יידישן סאָלדאַט האָט געפירט דערצו, אַז ער איז געווען בעסער צוגעגרייט צום קאַמף קעגן דעם אַ סך בעסער מושטרירטן דייטשן סאָלדאַט. מאַסן יידישע סאָלדאַטן זענען אויסגעצייכנט געוואָרן מיט דעם געאָרגיעווסקי קרייץ, די וויכטיקסטע מיליטערישע אויסצייכענונג פון יענער צייט, דאָס האָט מען געמוזט אָפּשטעלן. דאָס האָט נישט געפּאַסט דער פאַרברעכערישער פּאָליטיק פֿון דעם הויפּט־קוואַרטיר פון ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש.

***

אַ קורצע צייט פאַר דעם ווי די וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן האָט י. ל. פּרץ אָנגעהויבן שרייבן אין וואַרשעווער „היינט". דאָס זענען געווען זייער קורצע אַרטיקעלעך אין אַ באַזונדערער רובריק וואָס האָט געהייסן „אין מיין ווינקעלע". ווי איז דאָס געשען, אַז אין דער צייטונג, אין וועלכער דוד פרישמאַן האָט אַזוי שאַרף און אַזוי לאַנג אַטאַקירט דעם דיכטער, זאָלן זיך באַוויזן פּלוצלונג זיינע אַרטיקלען איז מיר נישט געווען קלאָר. איך בין אָבער געווען אַן עדות פון דעם ווי מען פלעגט נעמען אַ לענגערן מאַנוסקריפּט

פון דעם דיכטער, אויסמעקן און אַרויסשניידן דעם גרעסטן טייל זיי־נעם און אַרויסוואַרפן אין פּאַפּיר־קאָרב. און געטאָן איז עס גע־וואָרן מיט אַ געוויסן סאַדיזם. עס האָט געהייסן, זאָל ביי אונז אין דער צייטונג זיין דער נאָמען פון דעם גרויסן דיכטער, אָבער זאָל ער נישט מיינען, אַז מיר קענען נישט אויסקומען אָן אים...

„אין מיין ווינקעלע" — דאָס איז געווען דער ריכטיקער נאָמען אויף צו כאַראַקטעריזירן די פּאָזיציע פון י. ל. פּרץ אין דעם יידישן וואַרשע די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. ער האָט זיך דערווייטערט פון דער שרייבערישער משפּחה און די משפּחה האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט טאָלערירן זיין האַלטן זיך און זיין גרויסקייט ביי זיך. מען איז געווען אינגאַנצן צעריסן.

עס איז נישט קיין צווייפל, אַז י. ל. פּרץ האָט שטאַרק געליטן פון זיין איינזאַמקייט אין אַ צייט ווען דער גאַנצער ישוב איז געווען אַרומגעכאַפּט פון אַ פּאַניק און דאָס פייער האָט זיך צושפּרייט אין אַלע זייטן. ער איז געשטאַנען אין סאַמע מיטן פון די אומגליקלעכע מאַסן, ער האָט יעדן טאָג, יעדע שעה געזען זייערע ליידן, געהערט זייער געוויין און קלאָגן. אָבער אין זיין איינזאַמקייט האָט ער פּאָרט געפונען אין זיך גענוג כוחות אָפּצוגעבן זיך זיין ליטעראַרישער אַר־בעט. און זיין גאַנצע פּרייע צייט, האָט ער פאַרבראַכט ביים שרייב־טיש — ביי יענעם שרייב־טיש, ביי וועלכן ער האָט מיט עטלעכע חדשים שפּעטער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. זיין קאָפּ איז גע־ווען קלאָר און פריש.

איך האָב געהאַט דעם זכות צו זיין אַ בן־בית אין הויז פון איי־נעם פון דעם דיכטערס נאָענטסטע פריינט, דר. מיניץ, אַ באַרימטער ספּעציאַליסט פון מאָגן־קראַנקהייטן און אַ העברעאישער שרייבער. די פרוי פון דר. מיניץ איז געווען אַ געבוירענע גאָלדע, אַ שוועס־טער פון איינער פון די גרינדערינס פון דער פּ. פּ. ס. מיט אַ ברודער פון דער פרוי מיניץ, יולעק גאָלדע, האָב איך מיט יאָרן צוריק שטו־דירט אַגראָנאָמיע אין בערלין, (ער האָט שפּעטער אָנגעפירט מיט דער קאָלאָניזאַציע פון יידן אין דרום־רוסלאַנד בשעת די סאָוויעטישע עקספּערימענטן מיט יידישער קאָלאָניזאַציע).

דאָס זענען געווען פאַר מיר אומפאַרגעסלעכע אָוונטן ווען דר. מינץ און זיין פרוי פלעגן זיצן אַרום דעם טיש פון דעם דיכטער און הערן אים לייענען פון די ריין און שיין געשריבענע פּאַפּירלעך די ערשט פאַרענדיקטע איבערזעצונגען פון קהלת, פון רות א. א. וו. פרץ פלעגט צענדליקער מאָל ריין איבערשרייבן זיינע מאַנוסקריפּטן, ווידער און ווידער זיי „רייניקן" און אויסבעסערן.

איך פלעג ברענגען די אַלע נייעסן פון דעם פראָנט וואָס פלעגן אויפגענומען ווערן מיט אַ ברענענדן אינטערעס. אָבער אין וואַרשע גופא האָב איך אויך געהאַט אַ „פראָנט", דער פראָנט פון די באַרימטע רביים, וועלכע זענען אָנגעקומען פון זייערע שטעט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גירוש. דר. מינץ האָט מיך אַריינגעפירט ביים רויט־בערדיקן־ראַדזימינער רבין, וועלכער איז געווען זיינער אַ פּאַציענט און אין גיכן האָב איך געהאַט אַ באַזונדער מזל אויפגענומען צו ווערן פון דעם גערער רבין אליין. דער חסידישער גערער גדול ר' יואל וואַגמייסטער, וועלכער האָט אַראַנזשירט פאַר מיר דעם דאָזיקן אוידיענץ און איז געווען אָנוועזנד בשעת דעם שמועס, האָט נאָך דעם אַרויסגענומען זיין זייגער און מיר פייערלעך דערקלערט: „איר זענט אין אַ זיידענעם העמדל געבוירן, דער רבי האָט מיט אייך גערעדט 29 מינוט..."

אָבער פיל אינטערעסאַנטער זענען געווען די באַגעגענישן מיט די אַלטע רבנים וואָס זענען אָנגעקומען מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג פון זייערע שטעטלעך, אָפט צו פוס אָנגעקומען פון אַ מהלך פון צענדליקער מיילן. זייער איבערגעגעבנקייט צו זייערע קליינע קהילות, זייער זאָרגן זענען באמת געווען רירנדיק. די רבנים האָבן געבילדעט זייער אייגענעם קרייז, זיך אָפט פאַרזאַמלט און אויסגעאַרבעט זייערע פּלענער, זייער אַרבעט. זיצנדיק ביי די פאַרזאַמלונגען פון די רבנים האָב איך געמוזט זיך דערמאָנען אין רעמבראַנד'ס בילדער פון אַמאָליקע רבנים. די שכינה האָט אויף זיי גערוט.

די לאַגע פון אַלע פּליכטלינגע מיט וועלכע וואַרשע איז געווען איבערגעפּאַקט איז געווען שרעקלעך. עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז דאָס מיליטערישע הויפּט־קוואַרטיר טראָגט זיך אַרום מיט

דעם גערֿאנג צו עוואַקואירן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון דער פּוילישער הויפּט־שטאָט. נעמענדיק אין באַטראַכט די ווילדקייט און ברוטאַליטעט פון דער פאַרברעכער־באַנדע וועלכע איז געזעסן אי־נעם גענעראַל־שטאַב, האָט מען געקאָנט דערוואַרטן, אַז זיי וועלן אויך דאָס קענען אָפּטאָן. אַ פאַקט איז אָבער, אַז אַזאַ עוואַקואַציע וואָלט פיזיש ניט מעגלעך געווען דורכצופירן: אַ האַלב יאָר נאָכן אָנהויב פון דער מלחמה האָט הינטער דעם פראָנט געהערשט אַ פול־שטענדיקער כאַאָס. מען האָט מאָביליזירט אַזאַ מאַסע מענטשן און זיי געשלעפּט צום פראָנט נישט קענענדיק צוגרייטן פאַר זיי קיין קליי־דער, קיין שיך, קיין ביקסן.

אינמיטן פון דעם כאַאָס און דער פּאַניק צווישן די פּליכטלינגע האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ ספּעציפיש יידישע קינדער־דראַמע: אַלע האָבן געוואָלט „ראַטעווען” די קינדער, אָבער אַלע האָבן געוואָלט דערביי מאַכן פּאָליטישע געשעפטן — קיין אַנדער וואָרט קען מען דאָ נישט באַנוצן. די גרופּע פון די פרומע דאָזאָרעס פון דער גמינע מיט פאַרבשטיינען אין דער שפּיץ האָבן אָרגאַניזירט שטרענג העב־רעאישע קינדער־היימען. די אַסימילאַטאָרן מיט דער פרוי פון דעם קאָנסול יעגער אין דער שפּיץ האָבן געשאַפן קינדער־היימען שטרענג פּוילישע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתער געיעג נאָך יידישע קינ־דער נשמות. עס זענען געווען צענדליקער טויזנטער היימלאָזע יידישע קינדער און יעדער ווער עס האָט נאָר געהאַט חשק דערצו האָט זיך געקענט איינהאַנדלען אַ פּאַרטיע קינדער און מען האָט געהאַנדלט, מען האָט זיך נישט געשעמט — נישט פאַר גאָט און נישט פאַר לייט...

די דאָזיקע אומדערטרעגלעכע הפקר־לאַגע האָט געפירט דערצו אַז די וויכטיקסטע קולטור־טוערס מיט י. ל. פּרץ אין דער שפּיץ זע־נען סוף כל סוף אַרויסגעטרעטן מיט אַ פאָדערונג תיכף צו שאַפן אַ יידיש־וועלטלעכע שולע פאַר יידישע קינדער. די ערשטע נישט פאַר־מעלע פאַרזאַמלונגען זענען פאָרגעקומען אין הויז פון י. ל. פּרץ. דער רוף צו ראַטעווען יידישע קינדער נישט נאָר פון הונגער און קראַנק־הייטן, נאָר אויך פון די אייגענע נשמה־כאַפּערס האָט זיך געגוי-

טיקט אין אן אויטאָריטעט. די אַרבעט האָט פֿאַרלאַנגט ריינע הענט און אן אָרנטלעכן צוגאַנג צום גאַנצן פּראָבלעם פון דערציען יידישע קינדער, בפרט אין אזא עת צרה. ווארשע האָט נישט געהאַט קיין גרע־סערן גייסטיקן אויטאָריטעט ווי דעם דיכטער. דער רוף האָט געפירט צו גרויסע רעזולטאַטן...

אן אומגליקלעכער צופאַל, די קראַנקהייט און דער פּריצייטיקער טויט פון מיין שוועסטער, האָט מיך געצווונגען פלוצלונג צו פאַרלאָזן ווארשע אויף עטלעכע טעג. ביים אָנקומען קיין פּעטערסבורג האָב איך דערהערט די נייעס, אַז י. ל. פּרץ איז געשטאָרבן פֿון האַרץ־שלאַג. ערשט מיט אַ פּאָר טעג פריער זענען מיר געגאַנגען צוזאַמען פאַרביי דעם ווארשעווער ווינער באַן־הויף אהיים פון דער גמינע צו י. ל. פּרצ'ען, וועלכער האָט דעמאָלט געוווינט אויף יערוזאַלימסקע אַלעע. פונעם באַנהויף האָט זיך ארויסגעשאָטן אַ מאַסע יידן, ערשט אָנגעקומענע פון אַ וויטן עוואַקואירטן שטעטל. עס איז געווען אַ בילד פון טיפן יאָמער. יידן אָנגעלאָדן מיט קאַסטנס און פּעק, פרויען, קינ־דער, זקנים. פּרץ איז געבליבן שטיין, באַקומען אַ שאָק אין אַ פּוס, נישט געקענט ווייטער גיין. אין עטלעכע מינוט אַרום איז מען געגאַנ־גען ווייטער, אָבער דאָס האַרץ האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן...

***

דער גרעסטער שונא פון דעם צארישן רעזשים און אוודאי נישט די פאַרבינדעטע פון רוסלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד, האָבן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער שטאַרקער לייטענער גולם וועט אזוי גיך נעמען זיך ברעכן און איינפאַלן. די מלחמה איז פאַר רוסלאַנד געווען פאַרלוירן פּאַקטיש אין די ערשטע פינף־זעקס חדשים. אַ דאַנק דעם רעזשים, אויסגעפוילט דורך און דורך, קאָרומפּירט פון אויבן ביז אונטן, האָט אַן אַרמיי פֿון קנאַפּע פופצן מיליאָן נישט געקענט פאַרזאָרגט ווערן ווי עס דאַרף צו זיין. אין דער אייגענער צייט, ווען מען האָט צוגענומען טויזנטער און טויזנטער פראַכט וואַ־גאָנען אויף צו טראַנספּאָרטירן די יידן פון די מערב־פּראָווינצן קיין סיביר, האָט מען נישט געהאַט קיין וואַגאָנען אויף צו ברענגען צום פראָנט אַמוניציע פאַר די גרויסע שלאַכטן. עס זענען אומגעקומען

ביים פראָנט צענדליקער טויזנטער פערד, פֿאַר וועלכע מען האָט נישט געקאָנט ברענגען קיין פאַשע אויף צו האָדעווען זיי. בשעת דעם מאַרש איבער די קאַרפּאַטן־בערג האָבן גאַנצע רעגימענטן געמוזט פאַלן, ווייל זיי זענען געבליבן אָן ביקסן, אָן אַמוניציע, אָן ווינטער-קליידער.

מען האָט אָנגעהויבן פון ערשטן טאָג קייקלען זיך באַרג אַראָפּ. אויב עס פלעגט אַמאָל קומען צו אַ מין רוסישן נצחון, איז אויף מאָרגן געקומען אַ נייע גרויסע קאַטאַסטראָפע. מען האָט געמוזט פאַרלאָזן פוילן און מען איז געצוווּנגען געווען צו עוואַקואירן גאַליציע — אַ רוסישע קאַטאַסטראָפֿע וועלכע האָט געפירט צו אַ געוואַלדיקן יידישן אומגליק. בשעת דעם אָפּטרעטן פון גאַליציע האָט די רוסישע אַרמיי אָנגעהויבן באַפאַלן די יידישע געמיינדעס און פאַרשלעפּן מיט זיך ערובניקעס, זאַקלאַדניקעס. אַ „שטרענג געהיימער" באַפעל פונעם גענעראַל־שטאַב אונטערגעשריבן פון גענעראַל יאַנושקעוויטש האָט געהייסן נעמען יידישע זאַקלאַדניקעס און ברענגען זיי מיט זיך כדי נישט צו דערלאָזן, אַז די איבערגעבליבענע יידישע באַפעלקערונג זאָל קאָלאַבאָרירן מיטן שונא...

דער דאָזיקער באַפעל האָט אַרויסגערופֿן אויפרעגונג צווישן די יידישע כלל־טוערס אין פּעטערסבורג. אין דער אייגענער צייט איז באַקאַנט געוואָרן אַ רייע מיט פאַלן ווען אָפיצירן האָבן פאַרזוכט אויפצורייצן די סאָלדאַטן קעגן יידישע סאָלדאַטן — אַלץ מיט דעם אויסרייד, אַז יידן אַרבעטן פאַר דעם שונא.. עס איז קלאָר געווען, אַז נישט די פראַנצויזישע און נישט די ענגלישע רעגירונג ווייסן נישט וועגן דער טיפער דעמאָראַליזאַציע, וואָס האַלט זיך אין פֿאַרשפּרייטן אין דער רוסישער אַרמיי. עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט איידער די דאָקומענטן זענען באַקאַנט געוואָרן אין אויסלאַנד. אָבער עס האָט גענומען נאָך אַ לענגערע צייט איידער גרויס-פירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש און זיין גענעראַל־שטאַב־שעף יאַנושקעוויטש זענען באַזייטיקט געוואָרן פון דער אָנפירערשאַפט פון דער רוסישער אַרמיי. דאָס וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן האָט שוין קיינער נאָך זיי נישט געקענט גוט מאַכן.

אין איינעם פון די קאַלטע און נאַסע אָוונטן האָב איך שפּאַצירט איבער די גאַסן פון וואַרשע צוזאַמען מיט אַ רוסישן מענטשן פון אַ זעלטענער פיינקייט, געוועזענער מיטגליד פון דער ערשטער דומע און שפּעטער הויפּט־סעקרעטאַר פון דער ליבעראַלער קאַדעטן־פּאַרטיי קאַליובאַקין. אַלס איינער פון די, וואָס האָבן אונטערגעשריבן דעם אַזוי גערופענעם „וויבאָרגער אויפרוף" און פאַרלוירן נאָך אַ משפּט פּאָליטישע בירגער־רעכט האָט ער נישט געקענט אַריינטרעטן אין דער ארמיי, הגם ער איז געווען אַ רעזערוו־אָפיציר. ער האָט געהאַלטן אין איין דערלאַנגען בקשות צו דער רעגירונג, אַז מען זאָל אים דערלויבן טאָן זיין בירגער־פליכט און ווערן ווידער אַן אַקטיווער אָפיציר.

איך האָב געקענט קאָליובאַקין פון זיינע אָפטע באַזוכן אין דער דומע און פאַרברענגען אין דער פּרעסע־לאָזשע. זייער אַ הויכער און אַ שלאַנקער, אַן ערנסטער און ס'רוב שווייגנדיקער מענטש, איז ער געווען דער אמת'ער אַלט־מאָדישער רוסישער אידעאַליסט, אָן בראַוור און אָן קונצן. ער האָט שטענדיק געוואָלט הערן און זען, אַריינטראַכטן זיך אין די רייד פון דעם אַנדערן, איך האָב פאַרזוכט צו איבערצייגן אים ווי נוצלאָז עס איז פאַר אים דאָס אַריינטרעטן אין דער אַרמיי, וו עס פעלן נישט קיין מענטשן און וו אַלץ גייט צום טייוול.

עס האָט געגאָסן אַ רעגן. פּאַטרולן וואָס זענען באַשטאַנען פון סאָלדאַטן און פּאָליציי, צוזאַמען מיט רייטער־פּאָליציי, האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן און געכאַפּט דעזערטירן פונעם פראָנט. מען האָט פאַרהאַלטן סיי סאָלדאַטן און סיי אָפיצירן. טויזנטער אַנטלאָפענע פון דער אַרמיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַרשע און מען האָט זיי געזוכט ביי טאָג און ביי נאַכט.

קאָליובאַקין האָט געוווּסט, אַז אַלע שפּיטאָלן אין וואַרשע און אין אַלע שטעט אַרום וואַרשע זענען איבערגעפּאַקט מיט פאַרוווּנדעטע, אַז די צאָל געפאַלענע איז אומגעהויער גרויס, און אַז די רוסישע אַרמיי וועט נישט זיין אימשטאַנד אָפּצושטעלן דעם מאַרש פון דער דייטשער אַרמיי. אָבער אויף אַלע מיינע רייד וועגן דעם, אַז

אין אזעלכע מענטשן ווי ער וועט רוסלאַנד זיך נויטיקן נאָך דער מלחמה, אז ער טאָר נישט ריזיקירן מיט זיין לעבן, האָט ער געענט־פערט:

— ניין, דער וואָס פרײדיקט פאַרטיידיקונג פון זיין פאָטערלאַנד מוז זיך אליין שטעלן אין די רייען פון די פאַרטיידיקער...

קאָליובאַקין האָט סוף כל סוף באַקומען דאָס וואָס ער האָט גע-בעטן: מען האָט אים דערלויבט צוריק אַריינצוטרעטן אין אַקטיוון דינסט. עס זענען אַוועקגעגאַנגען נאָך עטלעכע טעג נאָך אונזער לעצטן טרעפן זיך — בין איך געגאַנגען צו זיין לוויה. ער איז דער־הרגעט געוואָרן אין איינער פון די ערשטע אַטאַקעס, וואָס די רוסישע אַרמיי האָט אונטערגענומען אויף דעם וואַרשעווער פראָנט. מען האָט זיין קערפּער געפונען און אים געבראַכט קיין וואַרשע. אַ רעגן האָט געגאָסן בשעת דער לוויה, ווי אין יענעם אָוונט ווען מיר זענען אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און גערעדט וועגן דער טראַגישער לאַגע פון דער אַרמיי.

פאַר מיר איז דער טויט פון דעם דאָזיקן פיינעם רוסישן מענטשן געווען עפּעס מער ווי זינלאָזער בלוטיקער מאָרד — עס איז געווען זעלבסטמאָרד. עס איז פאַר אים געווען אוממעגלעך צו לעבן און צוקוקן זיך פּאַסיוו צו דער טראַגעדיע...

דאָס איז געווען אַ רוסישע טראַגעדיע, צו זעען ווי עס גייט אונ־טער דאָס לאַנד. ווי גרעסער איז אָבער געווען די יידישע טראַגעדיע — דאָס צופאַלן זיך פון אַ פאַרייניקטן זעקס־מיליאָניקן ישוב אויף עטלעכע טיילן. רוסלאַנד איז פּאָרט געבליבן דאָס גרויסע מעכטיקע לאַנד, פוילן און ליטע האָבן אַ צוקונפט פאַר זיך, אזוי אויך די באַל־טישע פּראָווינצן, אָבער דער גרויסער יידישער ישוב איז צוטיילט און צוברעקלט געוואָרן, כדי שפּעטער אינגאַנצן, טיילווייז, אָבער סיסטעמאַטיש, פאַרניכטעט, אָפּגעווישט צו ווערן!...

דריי מאָל דייטשלאַנד.

דאָס יאָר 1946, באַלד נאָך דער מלחמה, האָב איך פֿאַרבראַכט אין דייטשלאַנד, אין דעם געשלאָגענעם, חרוב׳ען און אָקופּירטן דייטשלאַנד. איך בין געווען פֿאַרנומען מיט „אָרט״־אַרבעט אין די לאַגערן ווו מיין הויפּט-קוואַרטיר האָט זיך געפֿונען אין אַראָלסען, פּירשטענטום וואַלדעק, ביים הויפּט־קוואַרטיר פֿון דער „אונרא״ פֿאַר גאַנץ דייטשלאַנד, אונטער דעם ענגלישן גענעראַל מאָרגאַן. עס האָט זיך נאָך געפֿילט די לופֿט פֿון דער מלחמה. די ווונדן זענען נאָך געווען אָפֿן און דער ווייטיק פֿון דעם יידישן חורבן האָט זיך נאָך געטראָגן אין דער לופֿטן. אין בעלזען זענען נאָך געשטאַנען נישט ווייט פֿון דעם לאַגער די אייזערנע פֿעלד־אויוונס, אין וועלכע די דייטשן האָבן פֿאַרברענט די טויטע קערפּערס. אויף דער ערד אַרום זיי זענען נאָך געלעגן קליינע הייפֿלעך פֿון אַש מיט נישט אינגאַנצן פֿאַרברענטעביינדלעך פֿון מענטשן. נאָך מיין ערשטן באַזוך פֿון בעלזען מיט זיינע דענסטמאָל צען טויזנט יידן און כמעט אַזוי פֿיל פּאָליאַקן האָב איך נישט זעלטן געהאַט אַ געפֿיל, אַז איך גיי אַראָפּ פֿון זינען. דערשטיקטע קולות האָבן זיך געטראָגן פֿון אַלע זייטן. ווען איך פֿלעג פֿאַרבייפֿאָרן דאַכאַו האָב איך קיין מאָל נישט געהאַט קיין מוט אַריינגיין און באַקענען זיך מיט דעם שרעקלעכן גיהונם... גאַנץ דייטשלאַנד איז געווען דאַכאַו...

מען האָט ביי זיך געטראַכט:

— איך האָב אַ מאָל, אין אָנהויב פֿון דעם יאָרהונדערט, גע־לעבט אַ לאַנגע צייט אין בערלין, שטודירט צוזאַמען מיט דער דייט־שער יוגנט, געלערנט אַ סך פֿון די דייטשן און פֿון זייער פּאָליטישן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. טויזנטער און טויזנטער יידישע יונגע

ליט פון רוסלאַנד, פּוילן און ליטע האָבן נישט געקענט באַקומען אין רוסלאַנד קיין העכערע בילדונג צוליב דער פּראָצענט־נאָרמע אין די רוסישע אוניווערסיטעטן. פֿלעגן זיי מאַסנווייז פֿאָרן קיין דייטשלאַנד און שטודירן אין די דייטשע אוניווערסיטעטן. אָן שום שוועריקייטן, אָן אַ שפּור פון דיסקרימינאַציע האָבן די דייטשע אוניווערסיטעטן אָנגענומען די „אָסט־יודן". אַפילו די אָרעמסטע פון אונזער יוגנט האָבן געקענט אויסקומען אין דייטשלאַנד, אַזוי ביליק און באַקוועם איז עס דענסטמאָל געווען. מען האָט זיך געקענט לערנען און מען האָט געקענט פריי אָטעמען, מען האָט זיך געפילט גוט צווישן די דייטשן.

— וואָס זשע איז געשען מיט יענע געמיטלעכע און פריינטלעכע דייטשן?

— אין יענע אַלטע צייטן איז אין דייטשלאַנד אויך געווען גענוג אַנטיסעמיטיזם און אַנטיסעמיטן. עס איז מיר אפילו אויסגעקומען צו האָבן דאָס פאַרגעניגן צו הערן אויף אַ באַגייסטערטער מאַסן־פֿאַרזאַמלונג דעם באַרימטן אַנטיסעמיט און „הויף-פּריידיקער" שטעקער, הערן זיין אויסלאַכן די יידישע סאָציאַליסטישע באַרימטקייטן פֿון יענער צייט, ראָזע לוקסעמבורג און קלאַרא צעטקין. דער זאַטער און געמיטלעכער דייטשער עולם האָט האַרציק געלאַכט פון דעם רעדנערס קלאָונסקע שטיק, אָבער ווייטער איז עס נישט געגאַנגען. איך בין אַוועקגעגאַנגען פון דער פאַרזאַמלונג מיט גאַנצע ביינער.

עס זענען געווען די צייטן פון ווילהעלם דעם צווייטן, אויך נישט קיין קליינער קלאַון און נישט קיין גרויסער יידן־פריינט, הגם דייטשע יידן האָבן שטענדיק אָנגעוויזן אויף דעם, וואָס דער קייזער איז אַ פריינט פון דעם יידישן קונסט־קענער און גביר דזשעמס סימאָן און פון באַלין, דעם בויער און שעף פון דער האַמבורג־אַמעריקע ליניע. די האָהענצאָלערן האָבן זיך געשטיצט אויף די פּרייסישע אַגראַריער, האָבן זיי נישט געקענט זיין קיין יידן־פריינט. די שנאה צו היינע, וואָס האָט אַזוי בלוטיק אָפּגעשפּאָט פֿון דעם פּרייסישן קעניגלעכן אָדלער, איז נאָך געווען לעבעדיק ביים בירגערטום און די פּרייסישע הערשאַפֿטן האָבן זייער גערן פאַרגעסן די וואַרימע ווערטער פון בים־

מארק אַליין וועגן דעם ייד פערדינאַנד לאַסאַל, מיט וועלכן ער האָט זיך זייער גערן און נישט איין מאָל אונטערהאַלטן.

עס איז געווען די צייט, ווען דער רייכסקאַנצלער פירשט בילאָוו און די הויף־קאַמאַרילאַ, און אַדמיראַל טירפּיץ מיט זיין אייגענער קאַמאַרילאַ, האָבן געפירט אַזאַ העץ־פּאָליטיק קעגן ענגלאַנד, אַז שוין בשעת דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה האָט אָנגעהויבן ווערן קלאָר, אַז גאָר אינגיכן וועט אויסברעכן אַ וועלט־מלחמה. אַזוי איז דאָס אויך געשען. אָבער דאָס זענען אויך געווען די צייטן פון אַ געוואַלדיקן וווקס פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אויגוסט בעבעל, איינעם פון די גרעסטע פּאָליטישע רעדנערס, אַ שרייבער און אַ פּאָליטיקער פון אַ קרישטאָ־לענער ריינקייט. עס קלינגען אין מיינע אויערן ביז היינט זיינע רע־דעס אין דעם דייטשן רייכסטאַג, וואָס פלעגן שטענדיק פאַרכאַפּן אַלע צוהערער. די רעגירונג האָט זיך געמוזט רעכנען מיט אים.

אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָבן דענסטמאָל גע־שפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע יידן ווי זינגער, עדואַרד בערנשטיין און שטאַדהאַגען, און ווי יידיש האָבן די דאָזיקע יידן אויסגעזען אין דייטשן רייכסטאַג!

די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אָפן געשטורעמט קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּראַקטיק פון דער דייטשער רעגירונג און אירע געמיינהייטן, וואָס זייער צוועק איז געווען הויפּטזעכלעך אויסצודי־נען זיך ביי דער צאַרישער רעגירונג פון רוסלאַנד. איין מאָל, ווען די פּרייסישע רעגירונג האָט אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד אַ גרופּע יידישע סאָציאַליסטן און פירשט בילאָוו האָט אויף אַ סאָציאַליסטי־שער אינטערפּעלאַציע אין רייכסטאַג דערקלערט, אַז מען וועט נישט דערלויבן די „זילבערפּארבס און מאַנדעלשטאַמס" צו טאָן אין דייטש־לאַנד פראַנק און פריי אַלץ, וואָס זיי געפעלט, האָט די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע פּאַרטיי געענטפערט אויף דעם מיט מאַסן־פּראָטעסט־פאַר־זאַמלונגען איבערן גאַנצן לאַנד אונטער דעם לאָזונג „זילבערפאַרב און מאַנדעלשטאַם". הונדערטער טויזנטער דייטשן האָבן אָפן פּראָ־טעסטירט קעגן דער אַנטיסעמיטישער ביוראָקראַטיע. עס איז געווען

אַ סיסטעמאַטישער און פאַרביסענער קאַמף. נישט סתם אַ קאַמף קעגן דער רעאַקציע, נאָר אַ קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם.

— וואָס זשע איז געוואָרן פון יענע מאָסן דייטשע סאָציאַליסטן?

— עס איז צו יענער צייט געווען אויסערגעוויינלעך שטאַרק דער איינפלוס פון יידישע פובליציסטן אין דער דייטשער פרעסע. „בערלינער טאַגעבלאַט", „פֿאָסישע צייטונג" און „פראַנקפורטער צייטונג" זענען געווען אין די הענט פון דייטשע יידן, געלייענט געוואָרן פון מיליאָנען אינטעלעקטועלע לעזער נישט נאָר אין דייטשלאַנד, נאָר אין גאַנץ אייראָפע. דאָס איז געווען אָן שום צווייפל די בעסטע פרעסע אויף דעם קאָנטינענט.

אין דעם קליינינטשקן חודש־זשורנאַל „די צוקונפט" האָט דער ייד **מאַקסימיליאַן האַרדען געשטורעמט קעגן דער קייזערלעכער הויף־**קאַמאַרילאַ אויף אַזאַ אופן, אַז גאַנץ דייטשלאַנד האָט זיך צוגעהערט צוו זיינע רייד. אַ גלענצנדער פובליציסט, אַן אומגעהויערע ליטעראַרישע קראַפט, האָט האַרדען געהאַט זיין אייגענעם קרייז צווישן די העכערע שיכטן פון דער דייטשער געזעלשאַפט. סוף כל סוף האָט ער טאַקע געבראָכן דעם רוקן־ביין פון דער הויף־קליקע און די גאַנצע גרופע פון גראַף איילענבורג, אַן אינטימער פריינט פון דעם קייזער אַליין, האָט געמוזט ליקווידירט ווערן.

— ווו זשע זענען אהינגעקומען די דאָזיקע ליבעראַלע און ראַדיקאַלע קרייזן פון דער דייטשער געבילדעטער געזעלשאַפט? וואָס איז געוואָרן מיטן הויך־ציוויליזירטן דייטשלאַנד?

איך דערמאָן זיך זייער גוט די געשעענישן פון יענע צייטן. מען קען זיי נישט פאַרגעסן.

ים איז נאָך דער מפּלה פון דער דייטשער אַרמיי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

איך בין אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד פון דענעמאַרק אין 1918, אין דער צייט פון דעם אויפשטאַנד פון די מאַטראָסן אין קיעל. ביים אָנקומען אין וואַרנעמונדע זענען מיר באַגעגנט געוואָרן פון מאַטראָסן. ארומגעגאַרטלט מיט לעדערנע פאַסן און מיט אַ גרויסן רעוואָלווער. אין אַ שמוציקן צוג מיט אויסגעבראָכענע שויבן אין די פענצטער, מיט הויפנ'ס סאָלדאַטן אויף יעדער סטאַציע, אָנגעטאָן

אין צעריסענע פארברויכטע אוניפאָרמען, אויסגעמאַטערט און פאַר־לוירן, שלעפּן מיר זיך איבער מעקלענבורג קיין בערלין. אין נײַ־סטרע־ליץ בלייבט מען שטיין איבער נאַכט. מען איז נישט זיכער, צי עס וועט זיין אַ צוג קיין בערלין. מען קומט אָבער יאָ אָן קיין בערלין אויף מאָרגן. עס איז דאָס, וואָס איז אַמאָל געווען קייזערלעכער בער־לין. קיין עלעקטרישע ליכט איז נישטאָ צוליב דעם גרויסן שטרייק. עס איז אין אַלץ נישטאָ קיין אָרדנונג, אָבער דייטשן בלייבן דייטשן און נאָך אַלעמען איז אין דער אומאָרדנונג גופא דאָ אַ געוויסע אָרד־נונג, אַ געאָרדנטע אומאָרדנונג.

1918. עס איז נישט סתם אַ מפּלה. עס איז אַ שענדלעכע מפּלה: דער קייזער, דער פון גאָט אַליין געזאַלבטער קייזער, איז פונם שלאַכט־פעלד אַנטלאָפן קיין האָלאַנד, אַנטלאָפן ווי אַ מיזעראַבלער פּחדן. לו־דענדאָרף, הינדענבורג, יעדער פון זיי אָן אָפּגאָט ביי דעם דייטשן המון, האָבן מיט אַ מאָל אַלץ אויפגעגעבן. דער אייגענער לודענ־דאָרף, וואָס איז אייגנטלעך נאָך פאַר היטלערן געוואָרן דער אידעאָ־לאָג פון נאַציזם, און דער ערשטער טעאָרעטיקער פון דער „טאָטאַ־לער מלחמה", ער האָט צוזאַמען מיט דעם „אייזערנעם" הינדענבורג ביי די דייטשן איז עס שטענדיק „דער אייזערנער": דער „אייזער־נער קאַנצלער", דער „אייזערנער קרייץ" און נאַטירלעך אויך דער „אייזערנער הינדענבורג" — האָבן פאַרלאַנגט וואָס גיכער אָנצומט־מען פּרעזידענט ווילסאָנ'ס באַדינגונגען פאַר שלום. נישטאָ קיין שום האָפענונג אויף אַ נצחון, נישטאָ, נישטאָ!!!

נאָך איין העלד, אַ צוקונפטיקער דיקטאַטאָר, האָט זיך אָפּגע־טראָגן; דער משוגענער געריגנג, דענסטמאָל אַ באַרימטער פליער, איז אַוועק קיין שוועדן. זיין פרוי איז אַ שוועדישע. מען האַלט אים אין אַ סאַנאַטאָריע פאַר משוגעים אין שטאָקהאָלם, שפּעטער אין אַ צווייטער. דער משוגענער ווערט געזונט און הויבט אָן מאַכן משוגע געזונטע מענטשן... ער וועט ערשט שפּעטער ווערן דער העלד...

עס הערשט אַ כאַאָס אין גאַנץ דייטשלאַנד; נישט נאָר אַ רעגי־רונגס און אדמיניסטראַטיווער, נאָר אַ ריין גייסטיקער צוזאַמענברוך. פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקער פאַרזוכן אויסצוזען פיינער און מענטש־לעכער ווי אַמאָל אַ מיניסטער אין דייטשלאַנד. דערווייל: אַ פּאָלי־

טישע אונטערוועלט איז אויפגעקומען און הויבט אן אנצונעמען גאנץ קאנקרעטע פארמען. איין פאליטישער מארד נאכן אנדערן. דערוויל הרג'עט מען ס'רוב יידן. אין מינכען איז געפאלן אייסנער, דער יידישער פרעמיער־מיניסטער פון בייערן. דערשאסן ראטענאו, דייטשלאנד'ס יידישער אויסערן־מיניסטער, אן אייגנארטיקער גרויסער אינדוסטריעלער, א מאן פון גרויסן וויסן, אן אריגינעלער דענקער מיט גרויסן אנזען אין אויסלאנד. פארוואס דוקא שיסט מען ס'רוב יידן? פון וואסערע קרייזן רעקרוטירן זיך די מערדער, כלומרשט פאליטישע מערדער? מען זוכט, אבער מען געפינט נישט קיין ענטפער.

וואס א טאג ווייטער אלץ דייטלעכער ווערט, אז די פאליטישע אונטערוועלט אין דייטשלאנד געווינט די אויבערמאכט. דער אייזערנער הינדענבורג ווערט פרעזידענט. לודענדארף ווערט אן אפענער פריידיקער פון א אומברחמנותדיקער „טאטאלער מלחמה". עפעס א צעדרייטער קאפראל, מען זאגט, אז ער הייסט היטלער, ווערט דער אפאסטאל פון א נייער באוועגונג — נאציאנאל־סאציאליזם! מען זאגט — מען זאגט, אז דער גאנצער פראגראם איז אויפגעבויט אויף א טאטאלער אומברחמנות'דיקער מלחמה קעגן יידן, אז דייטשע אינדוסטריעלע מאגנאטן שטיצן אים מיט געלט. מאלע וואס מען זאגט: מען זאגט, אז אפילו א יידישער פינאנסיסט, וואס שטיצט א יידישע ענציקלאפעדיע, האט געגעבן א גרעסערע סומע אויף צו שטיצן די נאציאנאל־סאציאליסטישע באוועגונג פון דעם משוגענעם קאפראל.

— אבער ווו איז דאס אנדערע דייטשלאנד? ווו איז די גרויסע סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי און אירע פירערס? ווו איז דאס דייטשע קולטור־פאלק?

קיינער ענטפערט נישט אויף דער פראגע, אבער דער וואגן קייקלט זיך דערוויל בארג־אראפ, פעסטער און פעסטער. ווו וועט ער בלייבן שטיין?

עס איז נאך א שטיק צייט, ביז פאן־פאפען, דער שארלאטאן פון דעם פריסישן הערן־קלוב, וועט ווערן קאנצלער און ביז דער אומבאקאנטער קאפראל, אן עסטרייכישער וואגאבונד פון לינץ, וועט איבערנעמען די מאכט און אנווארפן א מורא אויף גאנץ אייראפע, אבער מען הויבט שוין אן צו זען דאס נייע פנים פון דעם דייטשן

פאָלק. נאָך דער שענדלעכער מפּלה פון דער ערשטער וועלט־מלחמה הויבט עס אָן קומען צו זיך.

די צייט פֿון דעם „ספּאַרטאַקוס"-אויפשטאַנד אין בערלין. עס איז אַן אמת'ער בירגער־קריג. ספּאַנטאַניש און צאָרנדיק וואַרפן זיך דייטשן אויף דייטשן. אויפן וועג קיין ווין, ווו דר. רענער איז דער קאַנצלער פון דעם שטיקל לאַנד וואָס איז פאַרבליבן פֿון דער אַמאָל מעכטיקער קייזערלעך קעניגלעכער אַפּאָסטאָלישער טאָפּל־מאָנאַרכיע פון עסטרייך־אונגאַרן, בלייב איך אַ פּאָר טעג אין בערלין, ווו דער אויפשטאַנד איז כמעט ליקווידירט. אין דעם האָטעל „עקסצעלזיאָר", נישט ווייט פֿון דעם פּאָטסדאַמער פּלאַץ, ווו איך האָב זיך אָפּגע־שטעלט, איז אַזוי גוט ווי קיינער נישטאָ חוץ אַ שטאַב פון יונגע אָפיצירן. קיין עסן איז נישטאָ. ביי טאָג, אָבער נאָך מער ביינאַכט הערט מען אַ שיסעריי אַרום דעם האָטעל. עמיצער פאַרזוכט עמיצן צו כאַפּן און אַוועקצולייגן קאַלט. עס איז גאָר נישט אָנגענעם צו שלאָפן, ווען מען דערהערט דאָס קנאַקן פון אַ מאַשינגעווער ערגעץ גאַנץ נאָענט אויפֿן דאַך.

סוף כל סוף איז די סטאַציע אַנטקעגן דעם האָטעל און איך בין אויפן וועג קיין ווין. דאָ איז אויך דאָס אמת'ע פאַרגעניגן. אָרימ־קייט און הונגער אינמיטן פון אַמאָליקן לוקסוס. איך געדענק נישט דעם אינהאַלט פון מיין אינטערוויו מיט דר. רענער, אָבער איך גע־דענק גוט די אַלטע האָכהערשאַפֿטלעכע דינערס אין דעם פּראַכט־פולן־פּאַלאַץ פון דעם אויסערן־מיניסטעריום. מען פירט מיך דורך אַ לאַנגער רייע פון זאַלן מיט אַטלאַס באַדעקטע ווענט און שיינע סטיל־פולע מעבל. דאָ האָט אַמאָל געהערשט פֿירשט מעטערניך, דער גרויס־אינקוויזיטאָר פון איראָפּע, דאָ האָט מען געוועבט דאָס פּאָלי־טישע שפּינוועבס פאַר אַ האַלבער וועלט. היינט זיצט דאָ דער סאָציאַ־ליסט דר. רענער און פאַרזוכט צו ראַטעווען דאָס, וואָס לאָזט זיך ראַ־טעווען פון דער אַמאָל רייכער ירושה. א רחמנות צו קוקן אויף די ווי פאַרמעט אויסגעטרוקענע ווייסע פּנים'ער פֿון די דינער!

מיט מאַטערניש זיך אַרויסגעריסן פון ווין. מיר פאָרן איבער זאַלצבורג קיין בערלין און פון דאָרט אַרויס צוריק קיין סקאַנדינאַוויע. אַ פּאָר שעה פאַר בערלין. אין אַ וואַגאָן פון צווייטן קלאַס, פול

מיט דייטשע בירגער פון ערשטן קלאַס. איך דערקענט זיי, די דאָזיקע פיין אויסגעהאָדעוועטע און אַ־לאַ־מאָד געקליידעטע דייטשע קולטור־מענטשן. לויטער פיינקייט. עס שפּריצט פון זיי מיט קולטור. יעדער צווייטער איז מסתמא אַ דאָקטאָר, אַ דר. פילאָזאָפיע...

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קליינע סטאַציע. פּלוצלונג דערהערט זיך אַ טומלדיקער געשריי פון אַ מאַסע מענטשן. אַ געשריי פון אמת'ער פרייד. מענטשן געבן זיך אָפּ מזל־טוב. מען שרייט בראַ־וואָ. אַ פרייד כאַפּט אַרום דעם גאַנצן צוג. וואָס איז געשען? וואָס פאַר נייעס אָנגעקומען? עמיצער שרייט מיט אַ ווילדער אויפגערעג־טער שטימע:

— ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג זענען דער'הרג'עט גע־וואָרן!... איך פאַרשטייט: ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג זענען צוגענומען געוואָרן און אויס, דער'הרג'עט! מזל טוב! מזל טוב!...

די נייעס איז ערשט אָנגעקומען פון בערלין. דער צוג האָט זיך אַ ריר געטון ווייטער, אָבער די שמחה, דאָס געלעכטער, די שטראַלנדיקע אויגן פון די פּנימער — עס האָט געשפּרודלט און עס האָט געקאָכט. אַזוי ווי מען וואָלט געכאַפּט און פאַרניכטעט צוויי וואַלד־מערדער. ווי די דייטשן האָבן זיך געפרייט, ווי פול מיט פאַרגעניגן האָבן גע־שיינט זייערע פּנים'ער!

מיר זענען געזעסן עטלעכע אויסלענדער צווישן די דייטשן און געקוקט אויף זיי פון דער זייט. מסתמא האָבן מיר אויסגעזען גענוג צעטומלט פון דעם טויטן־טאַנץ פון די ווילדע מענטשן. נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אָנגעזעטיקט מיט דעם ריח פון דעם ערשט פאַרגאָסע־נעם בלוט האָבן זיי זיך גענומען באַרואיקן, געקוקט אויף אונז מיט בליקן פון אויפרעגונג און שטילער שאַנדע און זיך געסטאַרעט ווידער אויסצוזען ווי מענטשן, אָבער אומזיסט, זיי האָבן עס נישט געקענט...

דאָס ביסטו „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעם"...?

***

עס איז פעברואַר 1933. אויף מיין וועג פון בריסל קיין וואַרשע בלייב איך אין בערלין נישט מער ווי עטלעכע שעה און האָב אַ מעג־לעכקייט צו טרעפן זיך און האָבן אַ שמועס מיט אַ גרופּע פון יידישע

זשורנאליסטן. אין דער שטאָט איז אַ גרויסע אויפרעגונג, אָבער זיי באַרואיקן מיך און זיך און זאָגן:

— אַלץ קען דאָ טרעפן, אָבער איינס איז זיכער — הינדענבורג וועט קיינמאָל נישט באַשטימען היטלערן פאַרן קאַנצלער... קיינמאָל נישט...

אויף מאָרגן, ווען איך בין אָנגעקומען קיין ווארשע,האָב איך געלייענט אין די צייטונגען די סענסאַציאָנעלע ידיעה, אַז דער עסט־רייכישער וואַגאַבונד און געוועזענער קאַפּראַל, וועלכער איז אַפילו נישט קיין דייטשער בירגער, איז געוואָרן באַשטימט אויף דעם פּאָסטן פון דייטשלאַנדס רייכסקאַנצלער. דער פּאָסטן,וואָס האָבן אַמאָל פאַר־נומען ביסמאַרק, בילאָוו, פּרינץ מאַקס פאָן באַדען און אַנדערע גדולים פון דער דייטשער אימפּעריע, איז פון איצט אָן אין די הענט פון אַן אָנפירער פון אַ באַנדע פאַרברעכערס. דאָס אוממעגלעכע איז אַלזאָ געוואָרן מעגלעך אין דייטשלאַנד. אַ ווייט פאַרצווייגטע קאָנס־פּיראַציע מיט דעם פירער פון דער קאַטוילישער צענטרום־פּאַרטיי „דער מיסטיקער”, דער רייכסקאַנצלער ברינינג אין דער שפּיץ האָט מיט דערפאָלג דורכגעפירט אירע פּלענער און דער „אייזערנער” הינ־דענבורג האָט געמוזט נאָכגעבן. דאָס איז אַ רעוואָלוציע.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט: דער גרויסער פּאָגראָם אויף יידן האָט זיך אָנגעהויבן. היטלערס שחיטה צווישן זיינע אייגענע קאַמעראַדן, דער מאָרד פון גענעדאַל שלייכער און זיין פרוי, גע־רינגס שרפה פון דעם רייכסטאַג און די אָפענע מאָביליזאַציע פון יוגנטלעכע מערדער־באַנדעס אין בערלין האָט געעפנט דעם וועג און געגעבן דעם סיגנאַל צו דער אָפענער אַטאַקע. מאָרד, רויב, פּייניקונג פון די אַרעסטירטע, אָפענע געוואַלד־טאַטן, אַלגעמיינער טעראָר האָט זיך אָנגעהויבן און איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, יידן זענען דער־קלערט געוואָרן הפקר.

די גאַנצע וועלט האָט זיך געפרעגט:

— וווּ זשע איז דאָס אַנדערע דייטשלאַנד, וווּ איז די אָרגאַני־זירטע אַרבעטערשאַפט, וווּ זענען אירע פירער, וווּ זענען די פרייי־געזאָנענע בירגערלעכע עלעמענטן? ווען וועט זיך מאָביליזירן דאָס דייטשלאַנד, וואָס וועט נישט טאָלערירן די באַנדע פון אונטער־וועלט

מענטשן אַלס די הערשער פון לאַנד? ווו איז די שטאָלצע אַרמיי, וואָס רעדט שטענדיק וועגן אירע נאָבעלע טראַדיציעס און אירע גרויסע אַמאָליקע פירער? ווו זענען די שרייבער, די דיכטער, די פּראָפעסאָרן, די געבילדעטע קרייזן?... מען ברענט דאָך זייערע ביכער אויף די שייטערהויפנס!

קיין ענטפער אויף דער פראַגע איז קיינמאָל נישט געקומען. אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן אָדער האָבן זיך אונטערגעגעבן. דער אַלטער האופטמאַן, דער פּראָמינענטסטער דייטשער דראַמאַטורג און קולטור-פירער, איז געוואָרן אַ מין שווייגנדיקער מיטאַרבעטער מיט די נאַציס. אַנדערע זענען אַוועק אין געפענגעניש — אָן ווידערשטאַנד. אַ טייל איז פשוט אַנטלאָפן, כדי צו ראַטעווען זייער לעבן פון די מערדער. מען ברענט ביכער — זאָל מען ברענען... עס גייט אונז נישט אָן...

עס זענען אַוועקגעגאַנגען אין אַ האַסטיקן טעמפּאָ די יאָרן פון דייטשלאַנד׳ס געפאַלנקייט, פון דייטשלאַנד אַלס מלוכה, אַלס לאַנד און אַלס פאָלק. אַלע און אַלץ איז אין דעם לאַנד געוואָרן הפקר, אָבער מער פון אַלץ די יידן. דער פירער פון דער דייטשער אונטערוועלט איז געוואָרן פאַר דייטשלאַנד דאָס העכסטע קריטעריום אפילו פאַר דעם אָפּשאַצן פון אַלע דייטשע קולטור-ווערטן. דערציאונג פון דער יוגנט, רעליגיע, קונסט, ליטעראַטור, וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, מוזיק — אַלץ לויט די בעסטע מוסטערן פון דעם רוסישן קאָמוניזם —אַלץ איז מיט אַ מאָל אָפּהענגיק געוואָרן פון זיין באַפעל, ווי אַזוי מען זאָל „איבערשאַצן די אַלטע ווערטן”. און די אַלטע טרעגער און פריידיקער פון דייטשער קולטור, וועלכע האָבן עס אַזוי ערנסט געמיינט מיט זייער „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס!” האָבן צוגעשטימט צו דעם פּסק דין פון דעם פירער אָדער אין בעסטן פאַל געשוויגן. „מיין קאַמף” איז געוואָרן די ביבל פון דעם גאַנצן פאָלק און דער אונטערוועלט-העלד האָט נישט אויפגעהערט צו זאָגן מוסר דעם פאָלק פון שילער און געטע, דעם פאָלק פון העגעל און קאַנט, געבן זיי לעקציעס וועגן פאַטריאָטיזם און מאָראַל און בירגערלעכע פליכטן. ער האָט געוואָלט שאַפן אַ סאָלידן פונדאַמענט פאַר זיין טויזנטיעריקן רייך. עס איז געוואָרן ווייניקער פון טויזנט יאָר, אָבער

אַז ער האָט פּאָרט אַ סך דערגרייכט האָבן מיר געזען, ווען דער קריג האָט אויסגעבראָכן און די דייטשע אַרמיי, ד.ה. די דייטשע פֿאָלקס־מאַסן אין אוניפֿאָרמען האָבן באַוויזן, ווי אַזוי אַן אַלט קולטור־פֿאָלק קען פֿאַרוואַנדלט ווערן לויט אַ באַפֿעל אין אַן אַרמיי פֿון ווילדע חיות, בעסטיעס אין מענטשלעכער געשטאַלט. לויט אַ באַפֿעל און אפילו אָן אַ באַפֿעל.

— ווהין זשע האָט זיך אַהינגעטון דאָס גוטע דייטשלאַנד איצט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־פֿאַרניכטונג פֿון יידן ?

— מאַסנמאָרד ! גאַזקאַמערן ! הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען אומגעבראַכטע !

— ווו זענט איר די צענדליקער טויזנטער דייטשע „דר. פיל." ? ווו זענט איר די פירער פֿון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפֿט ? ווער פילט אָן די קאַדרן פֿון דער געסטאַפּאָ, פֿון די ס.ס.־באַטאַליאָנען, פֿון די פֿאַרוואַלטערס פֿון עטלעכע טויזנט לאַגערן מיט מיליאָנען צום טויט פֿאַרמשפּטע יידן ? ווו זענען די מוטערס פֿון דער יוגנט, וועלכע ווערט דערצויגן צו פֿונקציאָנירן אַלס פּראָפֿעסיאָנעלע מערדערס? ווו זענען די פֿרויען פֿון די דאָקטוירים וועלכע מאַכן „וויסנשאַפֿטלעכע" עקספּערימענטן מיט די קערפּערס פֿון די געפֿאַנגענע ? פֿאַרוואָס שווייגט איר ?

זיי האָבן אָבער אַלע געשוויגן. צוגעקוקט און געשוויגן. מיטגע־מאַכט און ווייטער געשוויגן. ווי נישט געזען און נישט געהערט...

אַן אָוונט זיץ איך אין בערגען, דעם קליינעם שטעטל ביי בעלזן, און קוק זיך אַריין אין דער זייט פֿון דעם אַמאָליקן לאַגער פֿאַר יידן, נישט מער ווי איין קילאָמעטער פֿון בערגען. עס איז אַ קליינער האָ־טעל, וואָס מען האָט רעקווירירט פֿאַר דער „אונרא" און וואָס ווערט באַדינט פֿון די דייטשע בעל הבתים. נישט ווייט פֿון זיי זיצט אויך אַן עלטערע פֿרוי, אַ דייטשקע. איך פֿרעג ביי איר גאָרנישט, איך קוק אויף איר נישט, אָבער זי אָבסערווירט מיך און, נישט געפֿרעגט, ענט־פֿערט זי מיינע געדאַנקען:

— מיר האָבן אַבסאָלוט גאָרנישט געוווּסט, וואָס זיי טוען דאָרט מיט די געפֿאַנגענע... עס איז דאָך אַזוי ווייט...

— איר האָט גאָרנישט געוווּסט ? פֿרעג איך זי איבער — און

איר האָט קיינמאָל נישט געהערט די געשרייען פון די געפייניקטע ? עס איז דאָך אזוי נאָענט...

זי קוקט מיר אין די אויגן און ענטפערט מיט א זיפצענדיקער שטימע :

— גאָרנישט געהערט, גאָרנישט, קיינמאָל גאָרנישט געהערט...

דאָס ליד זינגט איצט גאַנץ דייטשלאַנד : „גאָרנישט געהערט, גאָרנישט געזעען!" און זיי ווערן בייז ווען זיי זעען, די דייטשן, אז קיין מענטש גלויבט נישט אין דעם וואָס זיי ווילן אונז איינרעדן. א גאַנץ לאַנד חזרט איבער דעם אייגענעם פזמון. זענען דאָס די אַמאָליקע דייטשן ? יאָ, יונג און אַלט, קליין און גרויס, פשוטע מענטשן און גאַנץ געבילדעטע דייטשן, אַלע זאָגן דאָס אייגענע : נישט געהערט, נישט געזען...

האָט דאָך היטלער עפּעס יאָ דערגרייכט מיט זיין דערציאונג פון דעם דייטשן פאָלק !

***

איך פאָר ארום איבער דייטשלאַנד, האַנאָווער, האַמבורג, מינכען, פראַנקפורט, מארבורג, קאַסעל,. איך פאָר ארום אין א „אונרא"-וואָגן. מיר באַנוצן נישט די צוגן פאַר די דייטשן. די צוגן זענען סיי ווי סיי פארלאָזן, שמוציקע, אָפּגעריסענע. העל עולם אין זיי זעט אויס ווי א המון פון שלעפּערס. גרויע, וויסטע פנים'ער מיט אויסגעלאָשענע אויגן. זיי קוקן אויף די פרעמדע מיט אַן אויסדרוק פון בייזער פאַר־אַכטונג, אָבער אויך מיט דרך ארץ. זיי זענען געשלאָגן און זיי ווייסן גוט, וואָס זיי האָבן אָנגעטאָן. אויף די טירן פון זייערע ליידיקע גע־שעפטן און רעסטאָראַנען זענען אָנגעקלעפּט פאַפּירן מיט א געדרוק־טער וואָרנונג פון דער אָקופּאַציע־מאַכט : עס איז אונז פארבאָטן אריבערצוטרעטן די שוועל פון די דייטשע פלעצער. אומעטום אויף די וועגן שטייען גרויסע שילדן מיט א פארבאָט אריינצונעמען אין וואָגן ציווילע מענטשן. מיר זענען אַלע אָנגעטאָן אין מיליטערישע אוניפאָרמען, אויף מיין לינקער האַנט איז א רויטע אָפּצייכנונג : „ארט". די דייטשן זענען איינגאַנצן איזאָלירט. כמעט ווי אין א לאַ־גער, אָבער נישט אזוי ווי יידן און אנדערע פון זייערע געפאַנגענע זענען געזעסן אין זייערע לאַגערן...

מיר פאָרן אַרום אין אַ מערקווירדיק לאַנד, וואָס האָט געהייסן דייטשלאַנד. די שטעט זענען ס׳רוב האַלב אָדער דריי פערטל צע־שטערט, עס ליגן בערג מיט שטיינער, אַנשטאָט גאַסן גרויסע הויפנס פון אָפּפאַל און צווישן זיי שמאָלע סטעזשקעס. אָבער דאָס לאַנד גופא, די דערפער, די פעלדער, די וועלדער נישט אָנגערירט. עס זעט אויס ריין און ציכטיק. די פעלדער זענען פול מיט פרויען און קינ־דער — אַלע אַרבעטן. נאָר דאָ און דאָרט זעט מען איבערגעקערטע צעשאָסענע ריזן-טאַנקן. זיי שטערן קיינעם נישט, נאָר אַ אָנזאָג אַזאַ, אַ דיסקרעטער אָנזאָג פון אַן ערשט אָפּגעשלאָסענער מלחמה. די דערפער זענען אומעטום געבליבן גאַנץ.

עס איז גוט באַקאַנט, וואָס די דייטשע אַרמיי האָט געטאָן אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער מיט די דערפער, וואָס זי האָט געטראָפן אויף איר וועג: מיטן שווערד האָט מען סיסטעמאַטיש פאַר־ניכטעט די באַפעלקערונג און מיטן פייער פאַרניכטעט דאָס דאָרף. אַזוי פאַרלאַנגט דער הייליקער פרינציפּ פון אַ טאָטאַלער מלחמה: טאָטאַלע פאַרניכטונג! אין גריכנלאַנד האָבן די דייטשן אויסגעהאַקט די וועלדער מיט דעם טייערסטן געהילץ, אַן אוצר אין דעם לאַנד׳ס נאַציאָנאַלן פאַרמעגן. עס זאָל קיין זכר נישט בלייבן. אין דייטשלאַנד שטייען דערפאַר די וועלדער אַזוי קלאָר, אַז מען קאָן ציילן אין זיי די בוימער, ווי סאָלדאַטן אויף אַ פּאַראַד. גראַדע דערפאַר ווייל זיי ווייסן וואָס אַ דאָרף און אַ וואַלד מיינט פאַרן לאַנד האָבן זיי אומעטום גע־ברענט און פאַרניכטעט. דערפאַר ווייל זיי ווייסן ווי גרויס עס זענען די ליידן פון דער ציווילער באַפעלקערונג בשעת אַ מלחמה, האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרברענען לאַנדאָן, די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט. זיי קענען גוט דעם חשבון. וואָס מער ציווילע מענטשן צו פאַרניכטן — דער אַלטער מנהג פון די באַרבאַרן.

און אַזוי האָבן זיי גע׳חשבונט די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. מיר ווייסן נאָך עד היום נישט וויפל יידן זיי האָבן אומגעבראַכט. דער חשבון פון די דייטשע „סטאַטיסטיקער״ זאָגט, אַז ס׳איז „נאָר״ איין מיליאָן, נישט מער, און נישט פינף־זעקס מיליאָנען ווי מיר גלויבן. די פראַגע איז דאָך אָבער גאָר אַן אַנדערע:

— זענען דען נישט מאָביליזירט געוואָרן פאַר דער אַרמיי יונ־גערע מאַנסבילן אין דייטשלאַנד? און זענען דען צווישן זיי גאָר נישט געווען קיין מער אָדער ווייניקער נאָרמאַלע מענטשן? איז די גאַנצע דייטשע אַרמיי באַשטאַנען פון לויטער מערדער? האָט קיינער צווישן זיי נישט פּראָטעסטירט קעגן דעם אויסוואָרצלען פון דער יידישער באַפעלקערונג, נישט סאָלדאַטן און נישט אָפיצירן? זיי האָבן דאָך אויסגעקוילעט גאַנצע געמיינדעס אין דרום־רוסלאַנד נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַרברענט און פאַרוויסט מערב־רוסלאַנד. זיי האָבן דאָך נישט געהאַט קיין שום רחמנות ביים אומברענגען פרויען, קינדער, אַלטע לייט!... — נישטאָ קיין ענטפער...

***

דאָס הויפּט־קוואַרטיר פון דער „אונראַ" פאַר גאַנץ דייטשלאַנד האָט זיך געפונען אין דעם קליינעם שטעטל אַראָלסען, די הויפּט־שטאָט פון דעם גרויספירשטענטום וואַלדעק. חוץ דעם נייעם שלאָס וווּ עס האָט זיך געפונען די „אונראַ", איז דאָרט פאַראַן נאָך אַ ריי־זן־פּאַלאַץ, אַ מין קליינע קאָפּיע פון דעם באַרימטן פּאַלאַץ אין ווערסאַיל, אַ פּאַלאַץ מיט פּראַכטפולע זאַלן, קאָסטבאַרע מעבל, בילדער, טעפּיכער. דער אַלטער פירשט איז געווען אַרום אַכציק יאָר אַלט. ער האָט גערן געלאָזט אַראַנזשירן אין דעם פּאַלאַץ פאַרווילונגען פאַר דעם פּערסאָנאַל פון דער „אונראַ". ער איז אינגיכן געשטאָרבן. זיין זון, דער יורש, איז געווען בשעת דער מלחמה איינער פון די מושלים אָדער גאָר דער אויבערשטער הער פון דאַכאַו. וועגן זיין גרויזאַמ־קייט האָט מען דערציילט שרעקלעכע זאַכן. נאָך דער מלחמה האָט מען אים געמישפּט פאַר אויסערגעוויינלעכע פאַרברעכנס און מען האָט אים פאַרמשפּט צו אַ סך יאָרן געפענגעניש. ווען נישט זיין פירשטערלעכער טיטל, זאָגט מען, וואָלט מען אים באַלד דערשאָסן. זיין טיטל און עפּעס ווירכטיקע קרובים אין האָלאַנד, זאָגט מען, האָבן אים געראַטעוועט פון אַ כשר פאַרדינטן טויט.

דאָס שטעטל — אַ קליין פאַרוואָרפן דייטש שטעטל מיט אַ גאָרטן, מיט אַ מאַרק, מיט שמאָלע קליינע געסלעך. פון די פענסטער קוקן אַרויס דייטשקעס אויף די פרעמדע בעל הבתים, אָנגעטאָן אין אַזעל־בע מאָדנע נישט אינגאַנצן מיליטערישע אוניפאָרמען. אין אַ סך הייז־

זער זענען פיל צימערן רעקווירירט פאר דעם פערסאנאל פון דער „אונרא". באקומען די הייזער דערפאר אומזיסט קוילן פאר באהייצן די הייזער, עס פאלט אויך אריין א ביסל עסן אין דער אויסגעהונגערטער פאמיליע. אויף אזא מין אופן קומט מען אין בארירונג מיט די דייטשן.

אויף מיין טיר ביים אריינגאנג איז צוגעקלאפט א קיילעכדיקער מעטאלענער קליינער שילדל מיט א סוואסטיקע: ערן־מיטגליד אין דער נאצי־פארטיי! דעם בעל הבית זע איך נישט, ער ליגט א קראנקער ערגעץ ווו אויף דעם אויבערשטן שטאק אין א קליין צימערל. די בעל־הביתטע א הויכע, אמאל מסתמא א וואזשנע דאמע, איז גרייט אלץ צו טאן פארן גאסט. זי איז אויך נישט פון די געזונטע, אבער א יונגע טעכטערל, א פרעבל־לערערין העלפט איר האלטן דאס הויז ריין. איין זון, א סאלדאט, איז א געפאנגענער אין רוסלאנד און עס איז שוין דאס צווייטע יאר, ווי זיי הערן נישט פון אים. עס איז דא נאך א זון, געוועזן אן אפיציר, איצט איז ער „א פשוטער ארבעטער" נעבעך. עס גייט א רעגן די גאנצע צייט, ער האט נעבעך נישט קיין גאנצע פאר שיך, קיין גאנצע פאר זאקן, און פארקילט זיך די גאנצע צייט. די מוטער וויינט.

איך געפין ביי מיר א פאר קאנאדער סאלדאטסקע וואלענע זאקן, גוט צו שפאצירן אין זיי ביים צפון־פאל, און גיב איר אן שום רייד. זי הויבט אן דאנקען און וויינען און איך בעט זי לאזן מיך צו רו.

אין א פאר טעג ארום, אין אוונט, עמיצער קלאפט אין דער טיר. עס קומט אריין א יונגער מאן, א בלאנדער, א שלאנקער, גיט א קנאק מיט די אפצאסן פון די שיך און פארבויגט זיך. דאס איז דער זון פון דער בעל הבית'טע געקומען אפדאנקען פאר די זאקן. איך ווארט ער זאל אוועקגיין, אבער איך זע, ער האט חשק צו רעדן. רעדן מיר!

דער יונגערמאן האט גרויסע צרות. ער פארדינט קוים אויף עסן: א האלבן מארק א שעה באקומט ער אלס טישלער. אלץ איז טייער, אבער מען קען בכלל גאר נישט קריגן. ער האט געהאט א פרוי, האט זי זיך געזעגנט מיט אים, ווייל זי וויל נישט האבן א מאן, א פשוטן ארבעטער. ווען ער איז געוועזן אן אפיציר, האט עס איר געפאסט, אבער איצט פאסט ער נישט.

איך וואַרט ער זאָל אָוועקגיין, אָבער ער וויל מיך עפּעס פרעגן. ער איז געווען זיבן יאָר אין דער דייטשער אַרמיי, ער איז שוין גע־ווען מיט דער אַרמיי אין צפון-אַפריקע, אין איטאַליע, ביי מאָסקווע, ביי לענינגראַד, געווען צוויי מאָל שטאַרק פאַרוווּנדעט...

— וואָס זשע ווילט איר? פרעג איך אים.

זעט איר, ער האָט געהערט, אַז די ענגלענדער האָבן אָנגעהויבן פאַרמירן בסוד אַן אַרמיי פון געוועזענע דייטשע סאָלדאַטן ... ער האָט אויך געהערט, אַז די אַמעריקאַנער וועלן נאָכמאַכן די ענגלענדער און גרייטן זיך אויך נעמען דייטשע סאָלדאַטן אפשר קען איך אים העלפן... ער איז גרייט ווייטער צו שלאָגן זיך...

איך קוק אים אָן און פרעג אים:

— איז עס פאַר אייך נישט גענוג דאָס, וואָס איר האָט געהאַט ביז איצט? צוויי מאָל זענט איר געווען פאַרוווּנדעט, אַ ברודער האָט איר פאַרלוירן אין רוסלאַנד, דאָ האָט איר פאַרלוירן אייער פרוי, אייערע עלטערן זענען קראַנק, די מלחמה האָט איר פאַרלוירן...

ער שמייכלט. ער שטייט פאַר מיר אויסגעצויגן ווי עס פּאַסט פאַר אַ דייטשן סאָלדאַט. מסתמא מיינט ער, אַז איך בין עפּעס גאָר אַ וויכטיקער מיליטער־מאַן:

— אָבער מיין צוקונפט... אָבער איך בין האָפענונגסלאָז... פאַרזי־כערט ער מיך. ער טרייסט מיך.

איך זאָג אים, אַז די קלאַנגען וועגן דעם, אַז די ענגלענדער און אַמעריקאַנער דינגען דייטשע זעלנער זענען אַ פּוסטע פאַנטאַזיע און אַז איך האָב בכלל נישט צו טאָן מיט אַרמייען. ער שמייכלט, פאַר־בויגט זיך, ווידער אַ קנאַק מיט די אָפּצאַסן און אַרויס פון צימער, דער האָפענונגסלאָזער יונגערמאַן...

איך קוק זיך אַריין אין דער פאַרמאַכטער טיר, אָבער פאַר מיינע אויגן שטייט נאָך לאַנג די געשטאַלט פון דעם חברה מאַן, איז דאָס היטלערס דייטשלאַנד אָדער דאָס איז בכלל דייטשלאַנד, דאָס דייטשע פאָלק אַזוי ווי מיר האָבן עס פריער נישט געקענט? יעדנפאַלס דערקען איך נישט דאָס דייטשלאַנד, וואָס מיר האָט זיך געדוכט פריער, אַז איך קען עס.

**
*

צווײ ייִדישע געשטאַלטן פֿון דײַטשלאַנד — פֿון דײַטשלאַנד אַ מאָל אין דײַטשלאַנד היינט — זע איך פֿאַר מיר שטענדיק, ווען איך טראַכט וועגן דעם גורל פֿון ייִדן אין דעם דאָזיקן פֿאַרשאָלטענעם לאַנד, וואָס האָט זיך צעלייגט אין דער ברייט און אין דער לענג אין סאַמע האַרץ פֿון אייראָפּע.

אין 1904 איז אין דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער הויכשולע פֿון בערלין געווען רעקטאָר דער באַרימטער פֿיזיאָלאָג פּראָפֿעסאָר צונץ —אַ קליינינקשקע ייִדישע געשטאַלט, מיט אַ קורץ קײַלעכדיק בערדל אַרום אַ פֿײַנעם ליבלעכן פּנים, מיט זייער קורצזיכטיקע אויגן, שטענדיק מיט אַ שטילן, פֿאַרשעמטן שמייכל אויף די ליפּן. צי ער איז געווען גע׳שמד׳ט אַלס קינד אָדער זײַנע עלטערן זענען שוין געווען קריסטן, אָבער דער פּראָפֿעסאָר האָט געהערט צו דער משפּחה פֿון דעם גרויסן ייִדישן למדן צונץ, דעם מחבר פֿון דער ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע, דער געשיכטע פֿון ייִדישע לײַדן. אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע וואָלט מײַן פּראָפֿעסאָר אויסגעזען ווי אַ פֿרומער אונטער־רב׳ל אין אַ קליין פּויליש שטעטל, אַ פּאַרטרוימטער מקובל, אַן אײַ־ביקער לערנער. ווען צונץ פֿלעגט האַלטן זײַנע פֿאָרלעזונגען האָט ער זשעסטיקולירט מיט דער רעכטער האַנט, געדרייט מיטן פֿינגער, גע־דרשנט. עס איז געווען אַ פֿאַרגעניגן אים צו הערן און צו זען.

אין זאַל זענען געזעסן דײַטשע סטודענטן, — די הויכשולע איז געווען אַ בורג פֿונעם פּרייסישן יונקערטום, — די זאַטע, שטאָלצע פּרייסישע יונגע לײַט האָבן זיך איראָניש אַרײַנגעקוקט אין דעם רעדנער, געמאַכט נאָטיצן, זיך קוים אײַנגעהאַלטן כּדי נישט צו פּלאַצן פֿון געלעכטער. מען האָט געמוזט אָבסערווירן אי דעם פּראָפֿעסאָר, אי די סטודענטן...

צונץ איז געווען אַ וועלט באַרימטע וויסנשאַפֿטלעכע קאַפּאַצי־טעט. מען האָט דערציילט שפּעטער, אַז ער איז דאָס געווען דער גרוי־סער עקספּערט אויף פֿאַבריצירן די אַזוי גערופֿענע ערזאַץ־מיטלען פֿאַר דעם הונגעריקן דײַטשלאַנד בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס איז אָבער נישט וויכטיק. וויכטיק איז, אַז אַ טיפֿער תּהום איז געלעגן צווישן דעם דאָזיקן געניאַלן פֿאַרפֿײַניקטן גע׳שמד׳טן ייִדן און זײַנע הערן, אַ תּהום וואָס וועט קיינמאָל נישט קענען פֿאַר־

שווינדן. פונקט אזוי ווי עס האָט קיינמאָל נישט געקענט פאַרשווינדן דער תהום צווישן היינע און דעם נייעם דייטשלאַנד.

אין 1946 האָב איך אַ סך צייט פאַרבראַכט אין האַנאָווער. דער „אָרט" האָט איבערגענומען אַ גרויסע ווירטשאַפט נישט ווייט פון דער שטאָט, וואָס האָט פריער געהערט דעם פאַרבאַנד פון די יידישע געמיינדעס אין דייטשלאַנד און וואָס איז באַנוצט געוואָרן אַלס אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע שולע פאַר יידישע קינדער. דער „אָרט" האָט נאָך פאַר דער מלחמה געשטיצט די שולע. ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט האָט מען פון דער פאַרם געמאַכט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר אַן ערך צוועלף הונדערט יידן. כמעט אַלע זענען אומגעבראַכט געוואָרן. אין די לעצטע טעג פון דעם נאַצי־רעזשים האָבן עטלעכע יידן באַוויזן צו אַנטלויפן און באַהאַלטן זיך. נאָר איינעם פון זיי האָב איך שפּעטער געטראָפן אין האַנאָווער. נאָך דער באַפרייאונג פון היטלערן האָבן דייטשע פליכטלינגע פון פרייסן פאַרכאַפּט די פאַרם און איך האָב בשום אופן נישט געקענט זי באַפרייען פון זיי. די „אונרא" מיט אַלע אירע פאַרבינדונגען האָט עס נישט געקענט דערגרייכן. דאָס מיליטער פון דער ענגלישער אָקופּאַציע־זאָנע האָט נישט געוואָלט מיט מאַכט באַפרייען די פאַרם.

דענסטמאָל האָב איך געטראָפן דעם ייד ב., אַ באַקאַנטער אַדוואָקאַט, אַ געוועזענער אָפיציר אין דער דייטשער אַרמיי בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַ שווער פאַרוואונדעטער, מיט אַן אויג צווייען צעהאַקטן פּנים, אָבער נאָך אַלץ מיט איין אָפענעם קלאָרן אויג.

איך בין געקומען אים זען צוזאַמען מיטן דירעקטאָר פון דעם „אונרא"־דיסטריקט, וועלכער האָט אים שוין פריער געטראָפן מערערע מאָל. ווען מיר זענען אריין צו אים אינם קאַבינעט, בין איך געבליבן שטיין ווי אַ צוגעשמידטער צו דעם באָדן: אַ הויכער ווי אַ בוים, מיט אַ צעקאַלעטשעטן אָבער פאַרט מיט אַן אויסערגעוויינלעך שיינעם פּנים, מיט אַ ווייכער הערלעכער שטימע, מיט קיין שום אויסערלעכע יידישע סימנים אין פּנים, אָבער מיט אַ ריין יידישן אויסדרוק. עס איז אוממעגלעך געוועזן צו בלייבן גלייכגילטיק, ווען ער האָט גערעדט.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך געשלאָגן פאַרן

טייערן פֿאָטערלאַנד. בשעת דער צווייטער מלחמה איז זיין הויז באַפֿאַלן געוואָרן פֿון מערדער־פּאַטריאָטן וועלכע האָבן געשלאָגן האַלב־טויט זיין פֿרוי און אים אַליין אַוועקגעשלעפּט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. מען האָט דערציילט, — נישט ער — אַז נישט קיין קלענערער ווי דער אַלטער פֿעלדמאַרשאַל פֿאָן מאַקענזען האָט פֿאַרלאַנגט שיער נישט פֿון היטלערן אַליין, אַז מען זאָל אים באַפֿרייען. מען האָט אים באַפֿרייט און איבערגעגעבן דאָס הויז. ווען איך בין געווען אין האַנאָווער איז זיין פֿרוי נאָך געווען שווער קראַנק אין אַ שפּיטאָל.

מיר האָבן גערעדט וועגן יודידישע פּאָרמאַליטעטן און די מיט־לען ווי אַזוי מען זאָל קענען צונעמען די פֿאַרם פֿאַר אונזערע קרבנות פֿון דעם נאַצי־רעזשים, וועלכע זיצן נאָך אַלץ אין די לאַגערן. מיר האָבן געוואָלט דעקלאַרירן, אַז אין דער שולע, וועלכע מיר אָר־גאַניזירן וועלן זיך אויך לערנען קינדער פֿון יידישע פֿאַמיליעס אין האַנאָווער. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפֿן:

— וועלכע קינדער? דאָ זענען נישטאָ, נישט געבליבן קיין יידי־שע קינדער...! קורץ פֿאַר דעם סוף פֿון דער מלחמה האָבן די נאַצים צונויפֿגעזאַמלט אין דער שטאָט פּופּציק יידישע קינדער און זיי אומגעבראַכט. איין קינד איז געבליבן!

ער האָט אויפֿגעהויבן אַ פֿינגער אין דער לופֿטן און נאָך אַ מאָל געזאָגט:

— איין קינד איז געבליבן!... איינס!...

און אַזוי זע איך אים פֿאַר מיר: הויך, מיט אַ צעהאַקטן פּנים, מיט אַן אָפֿענעם אויג, מיט איין פֿינגער אויפֿגעשטעלט אין דער לופֿטן...

***

מינכן. די שטאָט פֿון דייטשער ביר־קולטור און פֿון נאַציזם. דאָ האָט זיך מאָביליזירט די ערשטע קליקע פֿון די נאַצי־מערדער. אין לאַנדסבערג, אַ צענדליק קילאָמעטער פֿון מינכן, האָט דער פֿירער געשריבן „מיין קאַמף". דאָ האָט מען פֿאַרזוכט צו טויטן אים, אָבער מען איז דורכגעפֿאַלן. היטלערס גייסט וועט דאָ נאָך לאַנג שוועבן אין דער לופֿטן.

א פּאָר קילאָמעטער פֿון מינכן ליגט דער גרויסער „אונרא"־צענטער. איך האָב מיינע עטלעכע קאָנפערענצן און דאַרף אוועקפאָרן. איך דאַרף נאָך באַזוכן דעם אָפיס פון דעם אַרבעט־דירעקטאָר. איך קום צו דער אָפּגערעדטער שעה, אָבער ביי אים זיצט עמיצער, א ציווילער מאַן, און איך וויל אוועקגיין.

— ניין, זאָגט מיר דער אַמעריקאַנער באַאַמטער, זייט אַזוי גוט און זיצט דאָ...

יעדע פינף מינוט הויב איך זיך אויף, כדי צו לאָזן אים אַליין, אָבער ער פאַרהאַלט מיך. דער ציווילער מאַן מוז זיין א דייטש. עס מוז זיין א אינטערעסאַנטער פאַל. אָבער פאַרוואָס דאַרף איך זיין דערביי? ענדלעך גייט דער מאַן אוועק. דער אַמעריקאַנער באַגלייט אים ביז צו דער טיר און ווען די טיר פאַרמאַכט זיך הויבט ער אויף די הענט אין דער לופטן און שרייט אויס:

— ווי האַלט מען אויס פון די מענטשן?... דאָס איז א דייטש, וואָס קויפט איין פאַר אונז פאַרשיידענע זאַכן. מיר קענען גוט זיין געשיכטע. ער איז א סאָציאַל־דעמאָקראַט, און האָט זיך גענוג אָנ־געליטן פון די נאַצים, געזעסן אויך אין א לאַגער... איצט רעדט ער מיט מיר און עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד ציטירט ער די ווערק פון היט־לערן, איר פאַרשטייט, ער ציטירט די ווערק פון היטלערן... איך האָב צוערשט געמיינט, אַז ער לאַכט און וויצלט זיך, אָבער ער מיינט עס ערנסט. ווידער און ווידער זאָגט ער מיר: „ווי היטלער האָט געזאָגט אין זיין בוך..." ביז איך האָב אים געזאָגט: „צום טייוול מיט היט־לערן" איז ער געוואָרן אינגאַנצן צעטומלט... וואָס זאָגט איר צו אַזא מין אייזל?!...

— איר מאַכט א טעות, ער איז נישט קיין אייזל, ער איז א דייטש. א דייטש מוז שטענדיק ציטירן פֿון א בוך פון א גרויסן מאַן. פריער האָבן דייטשן ציטירט געטע און שילער, קאַנט און פיכטע, איצט וועלן זיי ציטירן היטלערן.עס מאַכט נישט אויס, וואָס היטלער איז געוועזן זיין פייניקער און האָט חרוב געמאַכט זיין וועלט, זיין גאַנצע גייסטיקע ירושה, גאַנץ דייטשלאַנד. היטלער איז פאַר אים א שאַפּנדיקער גייסט, א גדול...

***

דייטשלאַנד פון אַמאָל און דייטשלאַנד פון היינט זענען שטענ־דיק געווען און זענען געבליבן אונזער קאָנצענטראַציע־לאַגער. יידן האָבן געדינט דעם לאַנד ווי בירגער מוזן דינען זייער לאַנד. אפילו היינע, וועלכער האָט פאַראַכטעט דעם דייטש, האָט ליב געהאַט דייטש־לאַנד. דייטשלאַנד איז אַ פּערמאַנענט אומגליק פאַר אַלע זיינע שכנים — פאַר די פראַנצויזן, פאַר די פּאָליאַקן, פאַר די דענען, פאַר די בעלגיער, אָבער מער פאַר אַלע פאַר די יידן. נאָך דענסטמאָל וועט יידן וועלן פאַרלאָזן און פאַרגעסן דייטשלאַנד, וועלן זיי זיך באַפרייען פון דעם אומגליק — נישט פריער.

פּ א ר י ז

קיין שטאָט אין דער גרויסער וועלט, ווו איך האָב פֿארבראַכט אַ סך יאָרן האָט נישט געשפּילט אין מיין לעבן אַזאַ ראָלע· אַזאַ אויסערגעוויינלעכע ראָלע ווי פּאַריז. קיין שטאָט האָב איך נישט ליב געהאַט אַזוי שטאַרק, קיין שטאָט האָט מיך נישט באַגייסטערט און איינספּירירט צו דער אַרבעט ווי פּאַריז. און אין קיין שטאָט האָב איך ניט איבערגעלעבט אַזאַ דראַמע — אַ מאַרש צו פוס איבער דער גאַנצער שטאָט פון ראָטשילדס שפּיטאַל ביז צו דעם בית עולם אין באַניע, באַגלייטנדיק דעם ארון פון מיין עלטערן ברודער׳ס איינציקן זון — ווי אין דער דאָזיקער הערלעכער שטאָט. אַלץ האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין איין קנויל: געגרינדעט די אָפּטיילונג פון דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור; אַן אָרדער פון דעם „באַרימטן" פּרעפעקט פון פּאַריז, דעם ווישי־קאָלאַבאָראַטאָר קיאַפּ תיכף צו פֿאַרלאָזן פּאַריז; די גרינדונג פונם „פּאַריזער היינט"; דאָס אַרויסגעבן פון די „זיבן טעג אילוסטרירט"; דאָס פֿאַרלאָזן פון פּאַריז און צום סוף די באַלוינונג פֿאַר די אַלע שטרויכלונגען: אַ אינטערנאַציאָנאַלער פּרייז פון דער פֿראַנצויזישער רעגירונג פֿאַר אַ בוך „פּאַריז", וואָס איך האָב אָנגעשריבן אויף יידיש און אַרויסגעגעבן אין קאָפּענהאַגן אויף דעניש, ווייל עס איז ניט געווען קיין יידישער פֿאַרלאַג פֿאַר דעם בוך...

ווען איך בין איינגעלאַדן געוואָרן צו קומען אויף קיי ד׳אָרסיי אויסצוהערן די אָפיציעלע מיטטיילונג וועגן דעם פּרייז האָט אַ וויכטיקער באַאַמטער מיר אָפּגעגעבן אַ מזל טוב און דערביי געפּרעגט מיט אַ שמייכל:

— די זשורי האָט געהאַט גענוג שוועריקייטן מיט אייער בוך.

איר האָט באַקומען אַ סך שטימען, אָבער מען האָט ניט געוווּסט וואָס זאָל מען אייך פּלאַצירן, צו וואָס פֿאַרא לאַנד אייך צוצושרייבן: איר לעבט אין פּאַריז, אָבער איר זענט ניט קיין פראַנצויז; איר זענט אַליין פֿון רוסלאַנד אָבער קיין רוסישן פּאַס האָט איר ניט; אייער בוך איז געשריבן אויף דעניש, אָבער קיין דענישער בירגער זענט איר ניט, טאָ וואָס זשע געהערט איר?

— עס איז דאָ אַ פֿאָלק אַזאַ, האָב איך אויך מיט אַ שמייכל געענטפֿערט, יידן הייסן זיי, אַ פֿאָלק וואָס וואַנדערט און איז אומעטום אינדערהיים...

און דער אמת איז דאָך, אַז אין קיין שום שטאָט אין דער וועלט פילן זיך מענטשן ניט אַזוי פריי, ביי זיך „אינדערהיים" ווי אין פּאַריז. און אַזוי האָב איך זיך דאָ געפילט, צי עס איז גוט געווען אָדער שלעכט אָדער גאָר שלעכט...

***

ווי אַנדערש האָט פּאַריז און גאַנץ פראַנקרייך אויסגעזען דעמסט־מאָל, נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה אין פאַרגלייך מיט דעם היינטיקן פראַנקרייך, פראַנקרייך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה: דאָס פֿראַנקרייך פֿון קלעמאַנסאָ און פּואַנקאַרע, דאָס פֿראַנקרייך פון קאַיאָ, וויוויאַני און מאַלווי, דאָס פראַנקרייך פון דעם יונגן העריאָ און פענלעווע, אפילו דאָס פראַנקרייך פון די קאָנסערוואַטיווע באַרטו און טאַרדיע, פון די גענעראַלן זשאָפר, גאַליעני און פאָש — ווי אַנדערש האָט עס אויסגעזען ווי דאָס פֿראַנקרייך פֿון ריינאָ און בידאָ און דער גאַנצער פּאַלאַנגע פּאָליטיקער פֿון דער עפּאָכע נאָך ווישי און נאָך לאַוואַל. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען דאָך געקענט נאָך שפּירן דעם גייסט פון גאַמבעטאַ. עס האָבן נאָך געלעבט די טראַדיציעס פון וואַלדעק־רוסאָ און קאָמב, די גרויסע ראַדיקאַלע פירערס. אַ פּאָליטיזירנדער גענעראַל האָט דעמסטמאָל געמוזט גוט געדענקען, אַז דער אַוואַנטוריסט גענעראַל בולאַנזשע האָט סוף כל סוף געמוזט אַנטלויפֿן פון פּאַריז קיין בעלגיע און אריינשיסן זיך דאָרט אַ קויל אין קאָפּ. עס האָט ניט געלעבט עמיל זאָלאַ, אָבער דער דרייפוס פּראָצעס איז נאָך געלעגן אין טעם ביי אַלעמען.

נאָך דער באַרימטער „שלאַכט פֿאַרן פֿראַנק", וועלכע פּואַנקאַרע

האָט געפירט מיט דער הילף פון פראַנקרייכ'ס גרויסע יידישע באַנ־קירן די ראָטשילד'ס, די לאַזאַר'ס א.א.וו. ניט געקוקט אויף דער משו־גענער אַנטיסעמיטישער קאַמפּאַניע פון שאַרל מאַראַס און לעאָן דאָ־דע, ניט געקוקט אויף דער מאָביליזאַציע פון די גאַסן־יונגען אונטער דעם נאָמען פון „קאַמלאָ די רוא", זענען געקומען די צייטן פון דער סאָציאַליסטישער מאָביליזאַציע מיט לעאָן בלום אין דער שפּיץ און זיין „פראָנט פּאָפּולער". אין דער שפּיץ פון דער „ליגע פון מענטשנ־רעכט" איז געשטאַנען אַן אַנדער גלענצנדע יידישע פּערזענלעכקייט, פּראָפעסאָר באַש.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט ניט נאָר צושטערט גרויסע מלו־כות — עסטרייך־אונגאַרן, די דייטשע אימפּעריע, דעם רוסישן צאַ־ריזם, די אַלטע מעכטיקע טערקיי, — זי האָט אויך געעפנט דעם וועג פאַר נייע, אומבאַקאַנטע געפערלעכע שוואַרצע כוחות: די אַראַבישע פעלקער, באַפרייט פון דעם טערקישן יאָך, זענען געוואָרן פאַרכאַפּט פון דער מיליטאַנטישער פאַן־איסלאַמישער באַוועגונג; דאָס גע־שלאָגענע דייטשלאַנד האָט געבוירן דעם בלוטיקן רעוואַנש־נאַציזם, אַ מערדערישע פאָרם פון דעם אַלטן פאַן־גערמאַניזם און דאָס באָל־שעוויסטישע רוסלאַנד, האָט איבערקומענדיק אַ ווילדן בירגער קריג וואָס האָט קוים זיין גלייכנס אין דער נייער געשיכטע, זיך גענומען צו סאָציאַלע און סאָציאַליסטישע „רעפאָרמען", פון וועלכע מיליאָ־נען יידן זענען צווישן די ערשטע קרבנות.

עס האָבן זיך דערנענטערט די יאָרן פון דער גרויסער אייראָפּע־אישער קאַטאַסטראָפע, די יאָרן פון דער מאַסן־פאַרניכטונג פון יידן, פון אַ געוואַלדיקן מאָראַלישן און פּאָליטישן חורבן. אין דער צייט איז פון אַלע זייטן געפירט געוואָרן אַן אַטאַקע קעגן פראַנקרייך. אַ שווערע מלחמה אין צפון־אַפריקע, אַ פּערמאַנענטע קאַמפּאַניע מצד דעם סאָוויעטישן רוסלאַנד, אַן אמתע נאַצי־אינוואַזיע פון די דייטשן האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ צוועק אונטערגראָבן אַלע יסודות פון דער דריטער רעפּובליק. דעמאָראַליזירן דאָס לאַנד און צוגרייטן עס צו דער שענדלעכער ירידה, וואָס הייסט — ווישי.

***

אַ לאַנגע צייט, אַ פּאָר יאָר, איז ביי מיין שרייב־טיש אין פּאַריז

אנטקעגן מיר געזעסן איינע פון די אינטערעסאנטסטע יידישע פער־זענלעכקייטן, וועלכע איך האב ווען עס איז געטראפן אין מיין לעבן. לופוס בלומענפעלד האט ער געהייסן. געבוירן אין באטושאני, רו־מעניע, באזעצט זיך אין פראנקרייך, פארליבט אין דער פראנצויזי־שער שפראך און אין אלץ וואס איז פראנצויזיש. מיט רויטע האר אויפן קאפ, מיט א פירעקיקן פנים וואס מען האט בשום אופן ניט געקענט אנרופן שיין, האט ער שווער געליטן פון אסטמא און גע־רעדט לאנגזאם. אבער ליטעראטור, יידישע און פראנצויזישע, האט ער אינטענסיוו ליב געהאט. ער איז געווען נאענט פארבונדן מיט די גרעסטע פראנצויזישע שרייבערס, גענוג אנצורופן די נעמען פון אנאטאל פראנס און ראמען ראלאן, און ניט ווייניקער גוט געקענט צענדליקער פון יידישע שרייבערס, שלום אש, יוסף אפאטאשו און אנדערע. ער האט איבערגעזעצט יידישע ליטעראַרישע נייעס פאר דער פראנצויזישער פרעסע און איז געווען דער ערשטער מחבר פון א פראנצויזישער אנטאלאגיע פון דער יידישער ליטעראטור. ער האט איבערגעזעצט פראנצויזישע דראמאטישע ווערק אויף יידיש.

א קראנקער און א שווער לײַדנדער האט ער געהאט א שטארקן אפעטיט צו לעבן, חתונה געהאט מיט א שיינער און פיינער פראנ־צויזישער פרוי, געווען פאפולער צווישן פראנצויזישע שרייבער און זשורנאליסטן, ליב געהאט גוט עסן און א גלאז גוטן וויין, אבער גע־לעבט הויפטזעכלעך מיט ריין ליטעראַרישע אינטערעסן, קולטיווירט זיין פראנצויזיש און ווי א מבין באוואונדערט די פיינקייטן פון דעם פראנצויזישן „עספרי”, פון דער אלטער פראנצויזישער קולטור.

לופוס בלומענפעלד איז ניט געווען „נעבעך א רומענישער”, ניט קיין מיזאנטראפ, ניט קיין פאסיווער מענטש און ניט קיין גלות־מענטש, ניט קיין גלות־ייד. ווען מען האט אים געוואלט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ארויסשיקן פון פראנקרייך אלס פאר־דעכטיק אין דעפעטיזם האבן זיך פאר אים אנגענומען די העכסטע מענטשן פון פראנקרייך. איז ער געווארן א טרעגער פון פראנצוי־זישער קולטור צווישן יידן. און א טרעגער פון יידישער קולטור צווישן פראנצויזן. דער רומענישער ייד פון באטושאני האט מיט

זיך פֿאַרגעשטעלט אַ פֿאַרטרעטער פֿון דעם מין אינטערנאַציאָנאַל־איינגעשטעלטע יידן, וועלכע האָבן אין זייער בלוט די פעאיקייט איינ־צוזאַפּן פרעמדע קולטורן און באהאלטן דאָס יידישע פּנים צוזאמען מיט אַ יידישער נשמה און אַ יידישן הארץ.

אונזער אָפּיס האָט זיך געפונען אויף רי עטיען מארסעל פּראַ־לאַנזשע, אַ קליין געסל אין דער געגנט פון פּלאַץ באסטיל, ניט ווייט פֿון די סענט אַנטואַן, דעם צענטער פֿון דער יידישער מעבל־אינדוס־טרי, וועלכע יידן פון רומעניע האָבן דאָ פֿאַרפּלאַנצט און אויסגעבויט מיט צענדליקער יאָרן צוריק. ארויסגייענדיק פון אונזער הויז האָט מען געדאַרפט זיך פֿאַרנעמען אויף לינקס, כדי אין אַ פּאָר מינוטן ארום אַריין אויף דעם אַמאָל אַריסטאָקראַטישן און היינט שטארק פֿאַרלאָזענעם פּלאַץ דע וואָזש. דאָ האָט געלעבט אַ מאָל אַ סך יאָרן וויקטאָר הוגאָ און דאָ געפינט זיך אין זיין אַמאָליקער וווינונג דער וויקטאָר הוגאָ מוזייאום. עס איז דאָ אינגם מוזייאום אומהיימלעך און ניט ליבטיק, אָבער ווען מען טרעט נאָר אַריבער די שוועל און מען קומט אַריין דערשפּירט מען, אָדער מען מיינט, אַז מען פילט און מען זעט שאָטנס פון יענע צייטן ווען דער מחבר פון „נאָטר דאם דע פּאַריז" און „לע מיזעראַבל" איז געווען דער גרעסטער דיכטער און דראַמאַטורג פֿון פראַנקרייך. דער גאַנצער פּלאַץ דע וואָזש, די גאַנצע אַלטקייט פֿון דער ארומיקער געגנט איז פול מיט אַזעלכע שאָטנס, פול מיט געשיכטע.

***

ווי פֿאַרשידן איז היינט די פּאַסי־געגנט וו עס האָבן אין דער צייט פון וויקטאָר הוגאָ געלעבט באַלזאַק, לאַמאַרטין און אַנדערע שטערן פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. מיר איז אויסגעקומען דאָ צו וווינען אַ געוויסע צייט שוין דענסטמאָל ווען די געגנט אַרום דעם בולאָנער וואַלד איז פארבויט געוואָרן מיט גרויסע מאָדערנע הייזער און איז געוואָרן אַ צענטער פון דער רייכער בורזשואַזיע.

קנאַפּע אַכט יאָר האָב איך אויך געוווינט אויף רי מאָנזשי אַ פּאָר מינוטן פֿון דעם פּאַנטעאָן און פֿון דער זשענעוויעוו ביבליאָ־טעק, אַ פּאָר מינוטן פון „ארען לוטעס", דעם אויסגעגראָבענעם רי־זעדיקן צירקוס פון די רוימישע צייטן, אַ פּאָר מינוטן פֿון דער סאָר־

באַנע און בולוואַר סען מישעל. אַ פּאָר שריט פֿון מיין וווינונג איז געלעגן דער וויין מאַרק — „האַל אַ ווען", גאַנץ נאָנט דער קלויסטער נאָטר דאַם דע פּאַרי, די פּרעפֿעקטור, דער פּאַלעי דע זשוסטיס און אַ פּאָר שריט פֿון דאַנען די צוויי טעאַטערס, סאַראַ בערנאַרד און שאַטלע. אַלץ צוזאַמען דאָס האַרץ פֿון פּאַריז.

דער טאָג איז ניט געווען גענוג אויף אַרומצובלאָנדזשען דאָ און איינאָטעמען אין זיך דאָס וואָס הייסט פּאַריז. גאַנצע נעכט האָט מען געדאַרפֿט דאָ פֿאַרברענגען, כדי צו קענען באַגרייפֿן די מיסטעריעזע וואַרימקייט פֿון דער שטאָט, איר צויבער, איר צוציאונגס־קראַפֿט. פּאַריז איז אַן איינציקע מיסטעריע פֿון פֿעלקער, קולטורן, עפּאָכן, צוזאַמענגעגאָסן אין איין איינהייט...

***

דער „פּאַריזער היינט" אַרויסגעגעבן פֿון ש. יאַצקאַן און נח פֿינקעלשטיין, די אַרויסגעבער פֿון וואַרשעווער „היינט", איז געווען די ערשטע טעגלעכע יידישע צייטונג אין פֿראַנקרייך. מיין פֿיל יעריקע אַרבעט אינם וואַרשעווער „היינט" אַלס זיין פּעטערסבורגער קאָרעספּאָנדענט, מיין נאָענטע פֿריינדשאַפֿט מיט די צוויי געבילדעטע און קלוגע יידן, מיט וועלכע מען האָט געקענט טעג און נעכט אינטערעסאַנט שמועסן און קיינמאָל ניט ווערן מיד, זייער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די פּראָבלעמען פֿון אַ מאָדערנער טעגלעכער צייטונג האָט פֿאַר מיר געמאַכט גרינגער די שווערע אַרבעט פֿון דעם ערשטן רעדאַקטאָר פֿון דער צייטונג. איך בין געווען פּאַקטיש פֿאַרנומען דעם גאַנצן טאָג און אַ האַלבע נאַכט. קיין געניטע מיטאַרבעטער זענען ניט געווען, דאָס פֿראַנצויזישע צייטונגס־וועזן איז געווען זייער אָפּגעשטאַנען, די געלט־מיטלען פֿון דער נייער אונטערנעמונג זענען געווען זייער באַגרענעצטע, אָבער דערפֿאַר איז דער חשק און די אַמביציע צו מאַכן אַ גוטע טעגלעכע צייטונג געווען זייער שטאַרק. נח פֿינקעלשטיין איז ניט געווען קיין פֿרעמדער אין מערב־אייראָפּע, האָט גוט געקענט אייראָפּעאישע קולטור, אָבער ש. יאַצקאַן איז דאָך געווען דאָ אינגאַנצן אַ נייער מענטש. האָט מען געדאַרפֿט נאָר זען, ווי אַזוי ער איז געוואָרן אין אַ קורצער צייט אַן אמתער פּאַריזער, ווי ליב ער האָט באַקומען די הערלעכע שטאָט, ווי גוט ער האָט זיך דאָ איינ־

געלעבט ריין גייסטיק, ווי גוט ער האָט דערשפּירט און פאַרשטאַנען דאָס ספּעציפיש פראַנצויזישע, ווי געשמאַק ער האָט גענאָסן פון דעם שטייגער פון דעם פּאַריזער לעבן. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון פּאַריז, פלעגט זעלטן אוועקפאָרן קיין וואַרשע.

דאָס דערשיינען פון דער טעגלעכער יידישער צייטונג און דאָס פאַרשפּרייטן זי איבער דער גאַנצער שטאָט — די צייטונג האָט מען געקענט קריגן אין אַלע קיאָסקן, אויף אַלע גאַסן און בולוואַרן — האָט ארויסגערופן די גרעסטע פיינטשאַפט מצד די פראַנצויזישע יידן. דער געוויינלעכער פראַנצויז איז געווען צוגעוווינט דערצו, אַז דאָ גייען ארום צענדליקער פרעמד־שפּראַכיקע צייטונגען און דאָס האָט אים ניט געאַרט, אָבער פאַר די פראַנצויזישע יידן, ספּעציעל פון נע־וויסע קרייזן פון עלזאַסער יידן און אפילו רבילעך, אַמאָליקע פּויליר־שע יידן, וואָס האָבן געוואָלט שפּילן די ראָלע פון פראַנצויזישע וואַרטזאָגערס. איז די טעגלעכע יידישע צייטונג געווען אַן אומגליק. צו וואָס זייער שנאה האָט געקאָנט פירן באַווייזט אַלס ביישפּיל פאָל־גענדער עפּיזאָד:

מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, ווען דער פּאַריזער „היינט" האָט זיך שוין פאַרשפּרייט גאַנץ גוט און געהאַט אַ צירקולאַציע פון אַכט ביז צען טויזנט, איז אין אַלע פּאַריזער פראַנצויזישע צייטונגען פּלוצ־לונג געדרוקט געוואָרן פאַר פּסח אַ גרויסער אַנאָנס פון דער „פּיקאַ" — פּאַלעסטינער יידישע קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפט" — וועגן אַ טראַנספּאָרט מצות פון פּאַלעסטינע. די איינציקע צייטונג וועלכע האָט דעם אַנאָנס ניט באַקומען, איז געווען די יידישע צייטונג, דער „פּאַריזער היינט". די דאָזיקע חוצפּה האָט פאַר מיר באַדייטעט אַ ספּעציעל ראַפינירטע געמיינהייט, נאַטירלעך ניט צוליב דעם געלט־ווערט פון דעם אַנאָנס. איך האָב אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אונטער דעם נאָמען „מצות פאַר גוים". האָבן די פיינע לייט געענטפערט מיט אַ זידל־בריוו צום רעדאַקטאָר פון „פּאַריזער היינט", אין וועלכן זיי האָבן געדראָט מיט אָנגעבן אין געריכט. איך האָב אָפּגעדרוקט דעם בריוו און איבערחזרנדיק דעם אינהאַלט פון מיין אַרטיקל געבעטן די חברה צו ווענדן זיך צום גע־יכט. צום באַדויערן האָבן זיי אונז

ניט געטאָן די טובה און ניט געגעבן אונז די געלעגנהייט דערציילן דעם ברייטן עולם וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר דער קאַמף פֿון יידן קעגן דער יידישער צייטונג.

ווי געזאָגט, דאָס איז נאָר אַ ביישפּיל פֿון אַ גאַנצע סעריע פֿון אַזעלכע מעשיות און מעשה׳לעך...

***

וואָס פֿאַראַ אינטערעסאַנטע יידישע פּערזענלעכקייט איז געווען שלום שוואַרצבאַרד, דער באַשיידענער פּאַריזער זייגערמאַכער אָבער שוין גאָר ניט קיין באַשיידענער נאַציאָנאַלער נוקם וגוטר פֿאַר יידישע ליידן, אַ ענטוזיאַסטישער און אומדערמידלעכער קול קורא אין אַ וועלט פֿון אומרעכט און פֿון יידישע ליידן! ווען ער האָט אַריינגעשאָסן זיינע פֿינף קוילן אין פּעטליוראַ, דעם אוקראַאינישן פֿירער, אויף בולוואַר סען מישעל און אוועקגעלייגט אים אַ טויטן, האָבן פּאַריזער יידן, ביי וועלכע שלום שוואַרצבאַרד איז געווען זייער פּאָפּולער אַלס האַלבער אַנאַרכיסט, האַלבער דיכטער און האַלבער גראַפֿאָמאַן, זיך פֿלוצלונג אַרומגעזען, אַז דער דאָזיקער בלאָנדער ייד מיט אַ בלייכן פּנים און רויטלעכע האָר, באַקאַנט מיט זיין גוטסקייט און ריין מענטשלעכער וואַרימקייט, האָט אין זיך געהאַט אַ האַרץ פֿול מיט פֿייער און פֿלאַם. מענטשן האָבן געמיינט, אַז ער איז אַ מין רעוואָלוציאָנערער „טשודאַק״, אַ טשעקאַווער „רויטער יידעלע״, ער איז אָבער באַשאַפֿן געוואָרן צו זיין אַ העלד, דער אמתער יידישער העלד וועלכער האָט געדאַרפֿט אָנזאָגן דער וועלט, אַז יידיש בלוט איז ניט סתם עפּעס אַ מין וואַסער וואָס מען מעג פֿאַרגיסן אומבאַשטראָפֿט. קיין ספֿק שלום שוואַרצבאַרדס האָבן מיר ניט געהאַט אין אונזער געשיכטע.

דער פּראָצעס פֿון שלום שוואַרצבאַרד האָט געדויערט ניין טעג און איך בין געזעסן אין זאַל פֿונם פּאַריזער געריכט פֿון דער ערשטער מינוט ביז צו דער לעצטער, ווען מען האָט אים באַפֿרייט און אין די קאָרידאָרן פֿון געריכט האָט מען געקענט זען ווי די געריכטזשאַנדאַרמען האָבן פֿון פֿרייד אַרומגעכאַפּט שוואַרצבאַרדס פֿרוי און זי געקושט פֿון באַגייסטערונג. שלום שוואַרצבאַרד האָט געמוזט געבן זיין וואָרט דעם פּאַרטיידיקער זיינעם, דעם באַרימטן אַדוואָקאַט

אנרי טאָרעס, אַז ער וועט שווייגן בשעת דעם פּראָצעס. דער צד שכּנגד איז אויך געווען פאַרטרעטן מיט אַ גרויסן אַדוואָקאַט, קאַפּינטשי. פון ביידע זייטן זענען געווען אַ סך עדות, צווישן זיי דער אומפאַרגעסלעכער וולאַדימיר יאַנאָוויטש טיאָמקין, אַ באַקאַנטער יידישער פירער, באַליבט און פּאָפּולער אין ברייטע קרייזן, גענריק באַריסאָוויטש סליאָזבערג און אַנדערע באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן.

אַ גרויסע ראָלע אויף שלום שוואַרצבאַרדס פּראָצעס האָט געשפּילט „די פינפטע קויל", וועלכער ער האָט אַריינגעשאָסן אין פּעטליורא, ווען יענער איז שוין געלעגן אַ טויטער. די שאלה איז געווען: איז ער טאַקע געווען שוין טויט — אין אַזאַ פאַל וואָלט עס געווען אַ סימן פון אַ באַזונדערער ברוטאַליטעט פון דעם מערדער — אָדער פּעטליורא האָט נאָך געאָטעמט און דער וואָס האָט געשאָסן האָט געקאָנט מיינען, אַז ער לעבט נאָך.

נאַטירלעך, האָט שלום שוואַרצבאַרד צוגעגרייט זיין אַקט פון נקמה; ער האָט יאָרנלאַנג געזוכט זיין קרבן ביז ער האָט אים געפונען; אָבער קיין ברוטאַליטעט און בלוטדורשטיקייט האָט ער ניט אַרויסגעוויזן. ווען דער פּרעזידענט פון געריכט האָט אים געפרעגט ביים פּראָצעס, ווי האָט ער געקענט אַזוי פיל יאָרן טראַכטן וועגן מאָרד און נקמה איז שלום שוואַרצבאַרד אויפגעשפּרונגען און אויסגעשריען:

— איך פּראָצווייזן האָט 44 יאָר געוואַרט אויף צונעמען צוריק אייער עלזאַס לאָטרינגען פון די דייטשן...

די ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען אין גאַנץ פראַנקרייך.

„דער פּאַריזער היינט" האָט געבראַכט פונם פּראָצעס יעדן טאָג זייער אויספירלעכע באַריכטן אויף אַכט גרויסע זייטן. די צירקולאַציע פון דער צייטונג איז דערגאַנגען ביז צוואַנציק טויזנט עקזעמפּלאַרן. דער פּראָצעס פון שלום שוואַרצבאַרד האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע יידישע וועלט, אָבער גאַנץ באַזונדערס פּאַריז. אויפן פּראָצעס איז פונאַנדערגעוויקלט געוואָרן פאַר דער עפנטלעכער מיינונג די שרעקלעכע געשיכטע פון אוקראַינער פּאָגראָם. די נעמען פון די פאַרבלוטיקטע שטעט אין דער אוקראַינע, איינגאַנצן פרעמד דעם

פראַנצויז, זענען פּלוצלונג געוואָרן ביז גאָר פּאָפּולער. דער נאָמען פון פּראָסקוראָוו, די שטאָט פון איינעם פון די ווילדסטע פּאָגראָמען, האָט באַקומען אַ גאַנץ ספּעציעלע פּראָמינענץ.

***

די פראַנצויזישע קולטור־וועלט האָט אין יענע יאָרן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט צוויי גרויסע יידישע קולטור־גע־שעענישן, ביידע געבוירן און אויפגעבליט אין מזרח-אייראָפּע, ביידע אַנטשטאַנען אין מאָסקווע: דאָס זענען געווען די גאַסטראָלן צוערשט פון דער העברעאישער „הבימה" און שפּעטער פון דעם יידישן מלו־כה־טעאַטער אונטער דער אָנפירערשאַפט פון גראַנאָווסקי. ביידע טע־אַטערס זענען געווען אַ גרויסע טעאַטער־סענסאַציע פאַר פּאַריז. די „הבימה", אויסגעוואַקסן אַלס אַ סטודיאָ פון דעם מאָסקווער קונסט־טעאַטער, דערצויגן קינסטלעריש פון סטאַניסלאַווסקים בעסטן שי־לער, דעם פרי פאַרשטאָרבענעם וואַכטאַנגאָוו, האָט נאַטירלעך דע־ביוטירט מיט אַנ־סקים „דבוק". די מעשה מיטן דבוק, מיטן מיראָפּאָ־לער רבין, מיט די ווילדע סטיליזירטע בעטלער-טענץ האָט דערשי־טערט און באַצויבערט דאָס פראַנצויזישע טעאַטער־פּובליקום ווי אַ מין רעליגיעזע פּערווערזע סעקטאַנטישע מיסטעריע. מענטשן האָבן זיך געמוזט פרעגן, וואָס איז דאָס פאַר אַ סאָרט יידן, פון וועל־כע עס קומען ארויס די דאָזיקע מקובלים, די דאָזיקע פאַרדיבוקעווע־טע יידן און יידענעם; זענען דאָס פאַרצייטיקע יידן אָדער לעבן נאָך היינט אַזעלכע יידישע באַשעפענישן?

די „הבימה" איז באַשטאַנען פון ערשטן קלאַס טאַלאַנטירטע און גוט אויסגעשולטע ליבהאַבער־שוישפּילער, גוט דיסציפּלינירטע און נאָך מער פאַנאַטיזירטע מיסיאָנערן פון העברעאיש. צווישן זיי ניט ווייניק פיינע טאַלענטן. אין דער פּראַוואָסלאַוונער מאָסקווע זענען זיי פּאַטראָניזירט און פאַוואָריזירט געוואָרן פון די גויאישע באָלשעוויס־טישע פירערס, גאַנץ באַזונדערס פון דעם בילדונגס מיניסטער לונאַ־טשאַרסקי, און רוסן ווי מאַקסים גאָרקי און אַנדערע, אָבער שרעקלעך פאַ־פאָלגט געוואָרן פון דער יעווסעקציע.

פאַר דער „הבימה" איז עס געווען אַ גליק וואָס זי האָט זיך סוף כל סוף לעבעדיקערהייט ארויסגעריסן פון דעם רוסישן גיהנום. אויף

איך גאנצן וועג פון מאסקווע ביז ניו יאָרק, אין ריגע, ווארשע, ווין, בערלין און פאריז, האָט מען דעם מערקווירדיקן טעאטער אויפגע־נומען מיט דער גרעסטער באגייסטערונג און מיט אן לעבהאפטן אינטערעס. עס איז געווען איין טריאומפאלער צוג. דער דערפאָלג אין פאריז איז געווען אויסערגעוויינלעך גרויס.

אָבער דער דערפאָלג פון דעם טריומפאלן טורנע אונטער דער אָנ־פירערשאפט פון צמח האָט ניט געהאָלפן בייצוקומען די אינערע קאָנפליקטן פון דער טרופע און אין ניו יאָרק האָט זי זיך געשפאָלטן. פון ניו יאָרק איז די טרופע אוועקגעפאָרן אָן צמח און אָן א רייע פון אירע בעסטע קינסטלער...

א סך א גרעסערע סענסאציע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער גאסטשפיל פון גראנאָווסקיס יידישן טעאטער מיט די צוויי גרויסאר־טיקע שוישפילער, מיכאעלס און זוסקין אין דער שפיץ. כאָטש זייערע פאָרשטעלונגען זענען אויך געווען שטארק סטיליזירט, אָבער די פאָלקסטימלעכע יידישע מוזיק און דער פאָלקסטימלעכער כאראק־טער פון די צוויי דערפאָלגרייכסטע פיעסן, שלום עליכמס „צוויי הונ־דערט טויזנט" און מענדעלעס „מוסעות בנימין השלישי" האָבן פאַרכאפט ניט נאָר דאָס יידישע פובליקום, נאָר אויך די פראנצויזן. מען האָט דערציילט, אז אפילו שטאַטסמענער ווי העריאָ זענען גע־גאנגען עטלעכע מאָל אין טעאטער זען די יידישע טרופע. די דעקאָ־ראציעס פון אלטמאן און שאגאל און די רעזשי פון גראנאָווסקי האָבן ארויסגערופן א באגייסטערונג, וועלכע מען האָט געקענט פאר־גלייכן מיט די באַרימטע ערשטע דערפאָלגן פון דיאגילעוום באלעט־טרופע אין פאריז. די פראנצויזישע קינסטלער־וועלט האָט גע־פייערט גראנאָווסקי ווי איינעם פון די גרעסטע רעזשיסערן פון יע־נע צייט.

צו דער צייט האָב איך פארלאָזן דעם „פאריזער היינט" און האָב אָנגעהויבן ארויסגעבן אליין א וועכנטלעכן אילוסטרירטן זשור־נאל „זיבן טעג אילוסטרירט". דער ערשטער נומער פון דעם זשורנאל איז געווען געווידמעט דעם מאָסקווער יידישן טעאטער און זיינע קינסטלער. איך האָב פאַרבראַכט א סך צייט צוזאַמען מיט דעם ווי

א וואָלקאַן אומרואיקן גראַנאָווסקי און אייניקע פֿון זיינע קינסטלער. א באַזונדערן פֿאַרגעניגן האָט פאַרשאַפֿן דאָס צוזאַמענזיין מיט דעם באַשיידענעם און קלוגן זוסקין. די גאַנצע טרופּע האָט געלעבט ווי איין משפּחה. צום סוף פֿון די פּאַריזער גאַסטשפּילן האָט מיין זשור־נאַל אַראַנזשירט א נאַכטבאַנקעט פֿאַר דער גאַנצער טרופּע, ד.ה. נאָך דער פֿאָרשטעלונג אין דעם ייִדישן רעסטאָראַן פּלאַמבאַום אויף פּאָבורג מאָנמאַרטר. ביים טיש פֿון די ערן־געסט איז געזעסן דער סקולפּטאָר נחום אַראָנסאָן, מאַרק שאַגאַל, גראַנאָווסקי און א רייע אַנדערע ייִדישע און פֿראַנצויזישע פּערזענלעכקייטן. מען האָט געגעסן און געטאַנצט ביז פֿאַרטאָג. ס׳איז געווען אַן אמתע פֿאָלקסטימלעכע שמחה.

אָבער די אָרטאָדאָקסאַלע יעווסעקעס, סיי די פּאַריזער און סיי די „צופּעליקע" אָבסערוואַטאָרן פֿון דער זייטנס, האָבן ניט געקענט פֿאַרטראָגן דאָס וואָס דער טעאַטער און זיינע קינסטלער האָבן אַזוי פֿיל צו טאָן מיט פּשוטע ייִדן, ד.ה. ניט־קאָמוניסטן. עס זענען אָוועק מסירות קיין מאָסקווע און פֿון דאָרט איז אָנגעקומען איינגיכן א שטרענגער פּריקאַז: „א היים!..." די טרופּע האָט גאַסטראָלירט אין בעלגיע און עס איז געווען די רייד וועגן פֿאָרן קיין אַמעריקע. די מאָסקווער יעווסעקעס האָבן נאָך א מאָל איבערגעחזרט דעם פּריקאַז: „א היים!" די טרופּע איז אַוועקגעפֿאָרן אַהיים, נאָר דער שטורמישער אָנפֿירער פֿון דער טרופּע, גראַנאָווסקי אַליין, האָט „אויסגעקליבן די פֿרייהייט" און איז געבליבן אין אויסלאַנד, וואו ער איז מיט א פּאָר יאָר שפּעטער געשטאָרבן. מיט א פּאָר יאָר שפּעטער איז דער ייִדישער טעאַטער אין מאָסקווע ליקווידירט געוואָרן...

מיינע „זיבן טעג אילוסטרירט" האָבן געלעבט ניט מער ווי ניינצן וואָכן, אָפּגעקאָסט א פֿאַרמעגן, אָבער אַזאַ לוקסוס ווי א קינסטלע־רישער זשורנאַל, פֿול מיט פֿיינע בילדער און געדרוקט אויף א פֿיי־נעם פּאַפּיר האָט די ייִדישע גאַס נאָך ניט געקענט פֿאַרטראָגן. עס איז געווען צו פֿיל צו פֿאַרלאַנגען פֿון איר אַזאַ לוקסוס צו יענער צייט, אָבער אָפּטימיסטן מאַכן שטענדיק דעם חשבון אחר המעשה און באַצאָלן פֿאַר זייער אָפּטימיזם א טייערן פּרייז...

**
*

א טראַגישע געשעעניש האָט מיך דערמאָנט, אַז איך בין געווען אַמאָל דער גרינדער און פאַרוואַלטער פון דער פּאַריזער אָפּטיילונג פון דער יידישער טעלעגראַפן אַגענטור. עס איז דעם טאָג געגעבן געוואָרן אַ באַנקעט פאַר דעם גרויסן סאָציאַליסטישן פירער עמיל וואַנדערוועלדע, וועלכער איז ערשט אָנגעקומען צוזאַמען מיט זיין פרוי פון אַ רייזע קיין פּאַלעסטינע. חוץ וואַנדערוועלדע האָבן ביי דעם באַנקעט גערעדט קערענסקי, דער אַמאָליקער רוסישער פּרעמיער מיניסטער און נאָך אַנדערע באַרימטקייטן. בשעת דעם באַנקעט איז באַקאַנט געוואָרן, אַז אַ גאַנץ יונגער יידישער בחור, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס אַן אומבאַדייטנדער אָנגעשטעלטער אין דעם אָפּיס פון דער יידישער טעלעגראַפן אַגענטור, האָט דעם טאָג דערשאָסן אויף טויט דעם דירעקטאָר פון דער אַגענטור, אַ געוויסער דר. גאָלד-בערג. דער שעף פון דעם אָפּיס און זיין אָנגעשטעלטער זענען ביידע געווען אומבאַלאַנסירטע נערוואַסטעניקער, אָבער דער דערשאָסענער, אַ סך עלטער פון דעם יונגן מערדער, האָט חוץ אַלעמען געליטן פון אַ פאַרפאָלגונגס־מאַניע. וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט בשעת אָדער פאַר דעם פאַרברעכן האָט קיינער ניט געוווסט. דעם בחור האָט מען גע-משפּט און פאַרמשפּט צו אַ שווערער שטראָף.

דער „אינצידענט" האָט געמאַכט אין דער שטאָט זייער אַ שווערן איינדרוק. איך האָב גאָר ווייניק געקענט די אָנטיילנעמער פון דער דראַמע. עס איז ניט געווען קיין יידישע געשעעניש, כאָטש דער קרבן און דער שיסער זענען געווען יידן און די דראַמע האָט זיך אָפּגע-שפּילט אין הויז פון אַ יידישער אינסטיטוציע.

***

איך האָב זיך געגרייט צו פאַרלאָזן פּאַריז, פאָרן קיין פּוילן און ליטע, אַרומפאָרן איבער די קליינע יידישע ישובים וואָס איך האָב אַזוי גוט געקענט פון מיינע פריערדיקע נסיעות און וואָס איך האָב אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, נאָך אַמאָל צו באַזוכן דעם לעבעדיקן קוואַל פון פאָלקסטימלעכער יידישקייט, נאָך אַ מאָל צו פאַרברענגען אין די אָרימע פאַרוואָרפענע ליטווישע שטעטלעך, און די פרומע גאַליצישע שטעטלעך.

אָפּרייסן זיך פון פּאַריז איז געווען ניט גרינג. פאַרלאָזן די גאַסן פון פּאַריז, זיינע קונסט־אוצרות, ניט צו פילן מער דעם אָטעם פון דעם כלומרשט צופרידענעם, אָבער אין דער אמתן אייביק אומרו־איקן פּאַריזער המון איז זייער שווער. פאַר מיין אוועקפאָרן האָב איך אָנגעשריבן דאָס ביכעלע „פּאַריז", אָנגעשריבן אויף יידיש און „ע־דרוקט אויף דעניש אין אַ גרויסן דענישן פאַרלאַג, וואו עס איז פריער און שפּעטער דערשינען אַ רייע מיינע ביכער וועגן דעם אַלטן און נייעם רוסלאַנד און וועגן אַמאָליקן יידישן לעבן אין רוסלאַנד. איך האָב געוואָלט כאַראַקטעריזירן דעם פּאַריזער „המון" און איך האָב דערציילט וואָס איז געשען אין פּאַריז ווען דער טויט־אורטייל איבער די צוויי איטאַליענער אַנאַרכיסטן, סאַקאָ און וואַנזעטי, איז דורכגעפירט געוואָרן אין באָסטאָן. סאַקאָ און וואַנזעטי זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פאַר אַן אויפרייס פון אַ באָמבע כאָטש עס זענען קיינמאָל ניט געבראַכט געוואָרן קיין עדות פון זייער כלומרשטן פאַרברעכן, קיין באַווייזן און קיין עדות. זיי זענען געווען אַנאַרכיסטן און דאָס איז געווען גענוג כדי צו מאַכן זיי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אויפרייס. פון דער גאַנצער וועלט זענען געשיקט געוואָרן קיין אַמעריקע פּראָטעסטן און בקשות וועגן באַגנעדיקן די צוויי איטאַליענער. רעגירונגען, אַלערליי באַרימטע אינסטיטוציעס און פּערזענלעכקייטן האָבן געבעטן אַז דער טויט־אורטייל זאָל ניט אויסגעפירט ווערן, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן.

ווען די מעלדונג איז אָנגעקומען קיין פּאַריז, אַז מען האָט אויסגעפירט דעם טויט־אורטייל איבער סאַקאָ און וואַנזעטי, איז די הויפּטשטאָט פון פראַנקרייך דערשיטערט געוואָרן ווי פון אַן ערד־ציטערניש. הונדערטער טויזנטער מענטשן זענען אַרויס אויף די גאַסן כדי צו פּראָטעסטירן. דאָס נאָרמאַלע לעבן, די אַרבעט אויף די פאַבריקן, דער האַנדל אין די גרויסע געשעפטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט זיך געפילט ווי אין אַ צייט פון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע. דעמאָנסטראַציעס און מאַניפעסטאַציעס קעגן דעם מאָרד פון באָסטאָן זענען אָנגעגאַנגען עטלעכע טעג, די באַפעלקערונג פון דער שטאָט האָט זיך ניט געקענט באַרואיקן. עס האָט געדויערט אַ לאַנגע

צייט איידער דער שטורעם פון דעם ריזיקן מענטשן־ים האָט זיך בארואיקט...

דאָס וואָס מען רופט אַן מיטן וואָרט המון איז די פאַריזער מענטשן מאַסע ניט. עס איז כלומרשט אַ פאָרמלאָזע מאַסע, כלומרשט אַ גלייכגילטיקע און זעלבסטצופרידענע מאַסע מענטשן, אָבער דאָס איז עס ניט. עס איז אַ ים פון שטאַרק סענסיטיווע און צייטנווייז געפערלעך־אימפולסיווע הערצער, אַ ספּעציעלער מין פון וועלטבירגער, ניט קיין היציקע, אין זיך פאַרליבטע פאַטריאָטן. דערפאַר פילט זיך אין פאַריז יעדער פרעמדער ווי ביי זיך אינדערהיים און קען זיך דאָ אויסלעבן ווי זיין האַרץ גלוסט...

אויפבוי

איך בין מסתמא אַלט געווען נישט מער ווי זעקס זיבן יאָר ווען אין הויז ביי אונדז האָט מען זיך גענומען טומלען מיט אַ מיס־טישן קאַסטן וואָס איז אָנגעקומען גאָר פון דערווייטן, פון וואַרשע אָדער פון אָדעס. דער קאַסטן האָט אַנטהאַלטן עפּעס אַזוינס וועגן וואָס מען האָט געקענט רעדן נאָר שטילערהייט. בסוד סודות. דעם קאַסטן האָט מען אַריינגעטראָגן אין אַ באַזונדערן צימער און קיי־נער פון די פרעמדע מענטשן האָט נישט געטאָרט אַריינגיין אַהין. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז עס מיר פּאָרט געלונגען צו דערוויסן זיך אין וואָס באַשטייט די מיסטעריע און אַפילו דערזען זי מיט מיינע אייגענע אויגן. דאָס איז געווען אַ קליינע מאַשין אויף צו שטריקן אויף איר זאָקן... פאַר וואָס זשע איז דאָס געווען אַזאַ גרויסע מיס־טעריע?

איינע פון מיינע שוועסטער האָט זיך געוואָלט אויסלערנען אַ פאַך ווי אַזוי זי איז געקומען אויפן געדאַנק און פאַרוואָס האָט זי גראַ־דע באַשלאָסן צו לערנען זיך דעם פאַך פון טריקאָטאַזש און ווי לאַנג עס האָט ביי איר גענומען צו פועלן ביי די עלטערן, אַז זיי זאָלן מסכים זיין אויף איר פּלאַן, האָב איך נישט געוווּסט. געוווּסט האָב איך נאָר, אַז די גאַנצע מעשה איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ משונהדיקן און זייער געוואַגטן קאַפּריז און אַז מענטשן דאַרפן נישט באַקומען דעם חשד, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ געשעפט צוליב דאַ־גות פּרנסה. מען דאַרף זיך באַהאַלטן מיט דער מאַשין ווי מיט אַ מין שאַנד־פלעק וואָס איז געפאַלן אויף אַזאַ חשובער פאַמיליע ווי מיר זענען געווען. פאַרפאַלן, דאָס מיידל האָט אויסגעפירט און מען האָט איר געקויפט די מאַשין.עס איז אַן אָנשיקעניש, אָבער

זאָלן יידן נישט מיינען, אז ר׳איילים אַ טאָכטער ווערט עפּעס אַ מין אַרבעטאָרין. נאָך דאָס האָט געפעלט, אַ בעל מלאכה אין הויז...

פון דעם גאַנצן פּלאַן איז נאַטירלעך גאָרנישט געוואָרן. די מאַשין האָט מען געדאַרפט גוט קענען, קיין מעכאַניקער איז אין אונזער קאָזאַקן־שטעטל נישט געווען, די לאַנגע, ספּעציעלע נאָדלען האָט מען געדאַרפט באַשטעלן אין אַ גרויסער שטאָט. די מאַשין איז געווען צוגעשרויפט צו אַ טישל און ביי דעם טישל איז זי אויף שטענדיק געבליבן — אָן אַרבעט נאַטירלעך. דער כבוד פון דער פאַמיליע איז געראַטעוועט געוואָרן. מען האָט נאָר זעלטן געהערט די מאַשין זשיפּיען...

מיט יאָרן שפּעטער, אין דער שטאָט קערטש, האָב איך געטראָפן אַ היבש ביסל יידישע בעל מלאכות,אָבער איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס באַדייט אַז אַ חוץ דער „גרויסער שול” און חוץ דער „סאָלדאַטסקע שול” און חוץ עטלעכע קלענערע בתי מדרשים איז נאָך דאָ אַ גאַנץ גרויסע „שניידערשע שול”. וואָס הייסט עס, האָב איך געטראַכט, דאָ דאַוונען נאָר שניידערס, אָדער שניידערס לאָזט מען נישט אַריין אין די אַנדערע שולן. ניין, די שניידערשע שול איז געווען אָנגעפירט פון שניידערס, אָבער אויך אַנדערע בעלי מלאכות האָבן דאָ געקענט אַריינגענומען ווערן. עס איז מיר אָבער נאָך אַלץ נישט קלאָר געווען, צי דאָס איז די אַמביציע פון די שניידערס צו האָבן אַן אייגענע שול אָדער מען לאָזט זיי נישט אַריין אין די אַנדערע שולן, די דאָזיקע „פּראָסטע מענטשן”.

אין דער שטאָט זענען געווען אַ היבש ביסל פאַבריקן און אינדוסטריעס, הינטער דער שטאָט איז שוין אויפגעבויט געוואָרן ריזעדיקע אייזן און שטאָל־גיסעריי מיט עטלעכע טויזנט אַרבעטער. די שטאָט האָט שוין געוווסט, אַז עס איז דאָ אַן אַרבעטער־קלאַס מיט אַרבעטער־באַוועגונגען, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי שטרייקן און פּאָליציי מיט זשאַנדאַרמען, וועלכע אַרעסטירן שטרייקנדע אַרבעטער. אָבער אין אונזער אייגענעם וועלטל האָט מען נאָך אַלץ גערעדט וועגן „פּראָסטע מענטשן” און „שיינע יידן”, וועגן „רעמעסלעניקעס”, ד. ה. האַנטווערקער און בעלי מלאכות אלס דריטער

אָרם יידן. אמת, מלכות און אפילו קליינע רוסישע באאַמטע פלעגן באַטראַכטן יידן בעלי מלאכות מיט אַ געוויסער טאָלעראַנץ, אָבער — אָבער ביי יידן זענען די יידן בעלי מלאכות פּאַרט געווען נישט מער ווי בעלי מלאכות...

אמת'ע יידישע אָרימקייט, יידן אָן פּרנסות, האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען אין אָדעס. איך בין קוים געווען פופצן יאָר אַלט ווען איך האָב דערזען דעם אָדעסער מאַרק, די יידישע הינ־טערגעסלעך, די מאַסן פון יידישע בעטלערס, מענער און פרויען מיט צופלאַמטע פון שווערער אַרבעט און הונגער אויגן, די וועגע־לע־שטופּערס און לאַסט־טרעגערס, אַ ים פון האָפנונגסלאָזער נויט און אָרימקייט מיט אַזוי פיל מענטשלעכן אָפּפאַל און געפאַלנקייט.

איך האָב דאָ אויך צום ערשטן מאָל דערזען איינע פון די ערשטע יידישע פאַבשולן אין אַלטן רוסלאַנד, וואָס האָט געהייסן „טרוד" ד. ה. אַרבעט, אַ שולע מיט אַ גרויסן און גוטן נאָמען, אָבער איך בין געווען צו יונג כדי צו פאַרשטיין דעמאָלט די באַ־דייטונג און דעם ווערט פון אַזאַ וויכטיקער אַנשטאַלט. אָדעס איז געווען אַ בליענדע שיינע שטאָט מיט ברייטע גאַסן, מיט דעם קאָ־לאָסאַלן האַפן און מיט דער ווייטערער ים-פּערספּעקטיוו, מיט די בולווארן און די גרויסע הייזער, אָבער מער פון אַלץ מיט איר גע־מישטער באַפעלקערונג פון די דרום-לענדער, ס'רוב פון'ם באַלקאַן, און מיט אַן אויסערגעוויינלעכן אימפּעט. יידן זענען געווען גוט פאַר־טרעטן אין האַנדל און אינדוסטרי, עס זענען געווען באַקאַנטע יידישע פירמעס, באַנקירן, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, אָבער קיין שום רייכקייט האָט נישט געקענט פאַרדעקן די שרעקלעכע, די מאַסנ־האַפטע יידישע אָרימקייט, אַ נאַקעטע, אַ שענדלעכע אָרימקייט.

די געשיכטע פון יידישער עקאָנאָמיק, פון'ם פינצטערן מיטל־אַלטער אָן, האָט אירע ספּעציפישע שפּורן אין די יידישע נעמען: אַזוי פיל יידישע נעמען זענען פאַרבונדן מיט גאָלד און זילבער, דיאַמאַנטן און רובינען און אַנדערע קאָסטבאַרע שטיינער — גאָלד־מאַן, גאָלדשטיין, זילבערשטיין, רובינשטיין און סאַפּירשטיין און דיאַמאַנט, גאָלדבערג און זילבערבערג און אַזוי ווייטער אָן אַ שיער.

ביי די רוסן זענען דאָס גאָר אַנדערע נעמען: זשעלעזניאַקאָוו, סטאַ־ליאַראָוו, קוזנעצאָוו, פּלאָטניקאָוו און באָנדאַריאָוו, ד. ה. מענטשן וואָס האָבן צו טאָן מיט אייזן און טישלעריי און שמידעריי, מיט האָלץ ארבעט און פּעסער מאַכערס. אָרים ווי די נישט־יידישע אַר־בעטנדיקע באַפעלקערונג איז געווען האָבן די רוסן פּאָרט נישט אויסגעזען אזוי אויסגעריסן און אויסגעמאַטערט ווי אונזער לומפּן־פּראָלעטאַריאַט, וואָס מען האָט געקרוינט מיט אַזאַ איידעלן נאָמען ווי „לופט־מענטש".

נישט קיין וואונדער, וואָס די דאָזיקע וואונדערבאַרע הויפּט־שטאָט אין דרום־רוסלאַנד האָט שוין אין יענער צייט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דעם קולטור לעבן פון דעם גאַנצן לאַנד. און דער יידישער ישוב, איינער פון די גרעסטע אין אלטן רוסלאַנד, איז אויך ממילא געווען איינער פון די וויכטיקסטע אין דעם לעבן פון׳ם רוסישן יידנטום. פאַרוואָס זענען מיר אָבער געווען אזוי געפאַלן ?

אַזעלכע שולן ווי די אָדעסער פאַך־שולע „טרוד", קלענערע אין פאַרנעם און קלענערע אין זייער פּראַקטישן ווערט, האָבן צו יענער צייט פונקציאָנירט אין עטלעכע אַנדערע יידישע ישובים אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע. פון׳ם יאָר 1880 האָט אין פּעטערסבורג וועגעטירט אן אומבאַדייטנדע, אָבער לעגאַליזירטע געזעלשאַפט פאַר פאַרשפּרייטן מלאכות און לאַנדווירטשאַפט צווישן יידן, — „אָרט", — געגרינדעט פון אַ גרופּע וויכטיקע יידישע מנהיגים אונטער דער פירערשאַפט פון י. האַלפּערן, אַ נאָבעלע יידישע פּערזענלעכקייט, דער ערשטער און איינציקער ייד וועלכער האָט פאַרנומען איינעם פון די העכסטע פּאָסטנס אין דעם יוסטיץ־מיניסטעריום. די גע־זעלשאַפט האָט נישט געהאַט קיין ספּעציעלן פּראָגראַם און קיין שום מיטלען אויף צו אַנטוויקלען אַ באַדייטנדע טעטיקייט. די פאַרשידענע קלאַסן און קורסן פאַר לערנען אַ פאַך אין איניקע שטעט און שטעטלעך האָבן עקזיסטירט ס׳רוב צוליב אייגענער, לאָקאַלער איניציאַטיוו, האָבן אָבער פון צייט צו צייט באַקומען פון פּעטערסבורג אַ געוויסע שטיצע אין דער פאָרם פון מאַשינען אָדער

ווערקציינג. עס איז געווען א פארם פון א פילאנטראפיע, נישט אהין און נישט אהער.

די ארבעט האט אנגענומען א ברייטערן און ערנסטן כאראקטער ווען די יק"א — די יידישע קאלאניזאציאנס־געזעלשאפט — האט באשלאסן צו נעמען זיך צו א פלאנמעסיקער און סיסטעמאטישער ארגאניזירונג פון פראפעסיאנעלער פאך־אויסבילדונג. אין דער שפיץ פון דעם צענטראל־קאמיטעט פון דער יק"א אין רוסלאנד איז געשטאנען באראן דוד גינצבורג, צום קאמיטעט האבן געהערט די באדייטנדעסטע יידישע פערזענלעכקייטן און אין דער שפיץ פון דער פארוואלטונג איז געשטאנען לעאנטי מאיסעעוויטש בראמסאן, א מאן פון אייזערנעם ווילן און ענערגיע, אן ארגאניזאטאר פון ערשטן ראנג, א פירער וועמענס בעסטע איינגעשאפט איז באשטאנען אין דער פעאיקייט צוציען צו דער ארבעט די בעסטע כוחות. זייענדיק אליין ענג פארבונדן מיט דער רוסישער דעמאקראטיע, א וויכטיקער פירער אין די רייען פון דער סאציאליסטישער פויערם־פארטיי פון די טרודאוויקעס (קערענסקי,פעשעכאנאוו און אנדערע), איז בראמסאן געווען מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן יידישע אינטערעסן.

די אפטיילונג פון פראפעסיאנעלער בילדונג ביים צענטראל־קאמיטעט פון דער יק"א אונטער דער לייטונג פון פרוי בער און אינזשינער סאנדאמירסקי איז באשטאנען פון ערשטקלאסיקע פאך־לייט, וועלכע האבן גוט געוווסט וואס זיי ווילן. איז געגרינדעט געווארן א גאנצע סיסטעם פון פאכשולן. די אפטיילונג האט פאקטיש איבערגענומען אויך די לייטונג פון דעם „ארט", וועמענס אדמיניסטראטיווער דירעקטאר איז געווען דענסטמאל דער אומדערמידלעכער אינזשינער באלאטין, אן אויגעצייכנטער פאכמאן.

מיט דעם גרעסטן יראת הכבוד דערמאן איך זיך איצט אין די מענטשן, די ערשטע יידישע אקטיווע כלל טוערם וועלכע איך האב געטראפן ווען איך האב אין 1906 אנגעהויבן מיין ארבעט אלס איינער פון די סעקרעטארן אין דער אפטיילונג פאר עמיגראציע און קאלאניזאציע ביים צענטראלקאמיטעט. עס איז געווען שוין נאך דעם ווען בראמסאן איז אויסגעקליבן געווארן אלס דע־

פופאט אין דעם ערשטן רוסישן פארלאמענט, און האט פארלאזן די אדמיניסטראציע פון דער יק"א. זיין גייסט איז אבער פארבליבן דארט אויף לאנגע, זייער לאנגע יארן, אויף שטענדיק פארבליבן.

דאס רוסישע יידנטום האט דענסטמאל געמאכט העראאישע אנ־שטרענגונגען צו שטעלן זיך אויף אייגענע פיס, ארייננבלאזן א נייעם און פרישן גייסט אין די פארארימטע מאסן. הונדערטער טויזנטער יידן האבן אין יענע יארן פארלאזן אין א צושטאנד פון פאניק רוסלאנד, פוילן און ליטע. מען איז געלאפן איבער דעם אטלאנ־טיק גנבנדיק די גרענעץ, אזוי ווי מען אנטלויפט, ווען מען ראטעוועט זיך פון א שרפה. אבער מיליאנען יידן זענען דאך פארט פאר־בליבן אין די אלטע היימען און פאר זיי האט מען באדארפט שאפן נייע לעבנס-באדינגונגען און נייע לעבנס־מעגלעכקייטן.

***

דער גרויסער גירוש פון 1914 — 1915 איז היינט כמעט ווי פארגעסן. איבער זעקס הונדערט טויזנט נפשות זענען דענסטמאל אן שום רחמנות ארויסגעטריבן געווארן פון פוילן, ליטע און די באלטישע פראווינצן. אן אלטער, אן איינגעפונדעוועטער ישוב פון הונדערטער יארן איז צושטערט געווארן מחמת מען האט געדארפט געפינען א שולדיקן פאר דער מפלה וואס די רוסישע ארמייען האבן געליטן אין סאמע אנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיט דער גרויזאמקייט פון א בעסטיע, וואס ווייסט אז אירע לעצטע טעג זענען געקומען, האט די רוסישע ארמיי פארניכטעט דאס ביסל האב און גוטס וואס יידן האבן געהאט און די יידן אליין האט מען ווי שטויב צוזייט און צושפרייט איבער דעם ריזעדיקן שטח פון דעם אייראפעאישן און אזיאטישן רוסלאנד. דאס רוסישע יידנטום האט אבער נישט געוואלט אונטערגיין און א ווייט פארצווייגטע הילפס־אקציע איז מאביליזירט געווארן. עס איז געווען א פראגע פון ראַ־טעווען די מענטשן, ראטעווען זיי פיזיש און מאראליש, נישט דער־לאזן, אז די קרבנות פון דעם צאריזם זאלן זיך פארוואנדלען אין א הילפסלאזער מאסע פון ציגיינער. דער גרויסער אפאראט פון די י"קא־אינסטיטוציעס פאר ביליקן קרעדיט, פאר פראפעסיאנעלער בילדונג, פאר עמיגראציע, פאר אגראנאמישער הילף איז צוזאמענ־

געפאלן פונקט אזוי ווי די קהילות זענען פארשוואונדן. דאס איז גע־ווען דער אנהויב פון א גרויסן חורבן.

אַט אין דער אייגענער צייט און אין די דאזיקע קאטאסטראָפאַ־לע אומשטענדן האט מען צוזאמען מיט אנדערע אקציעס אנגעהויבן אָרגאניזירן גיכע הילף אין דער פארם פון שנעלער פאך־אויסביל־דונג. אינדיווידועלע און קאָאפעראטיווע ווערקשטאטן זענען אין א סך צענדליקער ערטער אנטשטאנען כדי מענטשן זאלן זיך תיכף ומיד נעמען צו דער ארבעט. גרויסע מיטלען זענען געשאפן געוואָרן, מאשינען און ווערקצייג און רוי־מאטעריאלן זענען צוזאמען געבראכט געוואָרן און א אינטענסיווע טעטיקייט אויף דעם דאזיקן ספעציעלן געביט פון פאך־אויסבילדונג איז אנטוויקלט געוואָרן. אינמיטן פון חורבן א סאָציאלער אויפבוי אין א גרויסן מאסשטאב.

עס איז אמת, אז דער טיפער תהום וואס האט זיך מיט עט־לעכע יאר שפעטער געעפנט פאר גאנץ רוסלאנד האט סוף כל סוף ווידער א מאל פארניכטעט דעם יידישן ישוב און צונישט געמאכט די גאנצע מי און אלע פארזוכן צו ראטעווען דעם ישוב. אָבער די גרויסע הילפס־אקציע איז נישט געווען אומזיסט. זי האט באוויזן אז צי עס האנדלט זיך וועגן דעם אלטן רוסלאנד אדער וועגן דעם נייעם רוסלאנד דאס יידנטום מוז בויען זיין צוקונפט אויף זיינע אייגענע כוחות און מיט די אייגענע כוחות זיך ווידער אויפהויבן, ווערן א סאָציאל געזונטער קערפער א פראָדוצירנדער און שאפנ־דער נאציאָנאלער אָרגאניזם, א פאלק מיט אלע פעלקער גלייך, א געזונטער טייל פון דער באפעלקערונג אין יעדן לאנד, ווו יידן לעבן.

***

דאס ווידעראויפשטיין פון דעם „ארט” נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיין פארשפרייטן זיך אין א אינטערנאציאָנאלן מאס־שטאב און זיין פארוואנדלען זיך אין א אינטערנאציאָנאלער יידי־שער אָרגאניזאציע פאר פאך־אויסבילדונג, איז דאס ווערק הויפט־זעכלעך פון דריי פירערס, פון וועלכע צוויי זענען שוין היינט נישטאָ צווישן די לעבעדיקע: לעאָנטי מאיסעעוויטש בראמסאן, וועגן וועלכן מיר האבן פריער גערעדט, און דאוויד וולאדימיראָוויטש לוואָוויטש, א זעלטענע יידישע פערזענלעכקייט, אין א געווסן זין אן איין און

איינציקע דערשיינונג און אהרן סינגאַלאָווסקי. די ערשטע צוויי האָבן נאָך דעם שטורם פון דער וועלט־מלחמה און דעם צוזאַמענברוך פון דער רוסישער אימפעריע ארויסגעטראָגן פון דעם סאָמע פייער די פאָן און די לאָזונגען פון דעם „אָרט", ארויסגעטראָגן דעם אוצר אויסערהאַלב די גרענעצן פון רוסלאַנד און אַוועקגעלייגט דעם יסוד פון דער היינט וועלט־פאַרצווייגטער „אָרט"־אָרגאַניזאַציע.

א הויכער, א שלאַנקער, א ביסל קורצזיכטיק און שטענדיק פאַרטראַכט פלעגט לוואָוויטש אין די יונגערע יאָרן ארומפאָרן מיט א וויאָלאָנטשעל. א גוטער מוזיקער און א גרויסער ליבהאָבער פון מוזיק האָט ער זיך נישט געוואָלט שיידן פון דער וויאָלאָנטשעל. מיר זענען געווען נאָענט פאַרבונדן אין פאַרלויף פון פערציק יאָר אָבער איך האָב אים קיינמאָל נישט געהערט שפּילן אויף דעם פיינעם אינסטרומענט. ווען איך האָב אים געבעטן שפּילן פלעגט ער אָנהויבן רעדן צו מיר וועגן זיין אַמאָליקן ליבלינגס-געדאַנק וועגן גרינדן א יידישע עמיגראַציע-באַנק. שפּעטער איז געווען קאָלאָניזאַציע, טעריטאָריאַליזם, יידישע אַגריקולטור און צולעצט ביז צו די לעצטע טעג פון זיין לעבן – „אָרט"; „אָרט" אין איראָפּע, „אָרט" אין קאַנאַדע, „אָרט" אין די לענדער פון דעם בריטישן קאָמאָנוועלט; „אָרט" אלס אַן אָרגאַניזאַציע פאַר פאַך־אויסבילדונג; „אָרט" אלס באַוועגונג ביי יידן; „אָרט" אין דער פאַרגאַנגענהייט און „אָרט" אין דער צוקונפט. און אזוי ארום האָב איך אים קיינמאָל נישט געהערט שפּילן אויף זיין וויאָלאָנטשעל. אָבער זיין שטימע, זיין גאַנץ אָריגינעל וועזן, זיינע פאַרטראַכטע אויגן, זיין ענטוזיאַזם, ווען ער איז געווען פאַרכאַפּט פון אַן אידעע – דאָס אַלץ שפּילט אין מיינע אויערן ביז צום היינטיקן טאָג ווי אַן אָרקעסטער וואָס באַשטייט נאָר פון וויאָלאָנטשעלן; עס וויינט און עס רייסט זיך צום הימל, עס רופט און עס רעדט צו מענטשן, צום געוויסן פון מענטשן...

קיינער ווייסט נישט ביז צום היינטיקן טאָג אויף וואָס פאַר א שפּראַך האָט לוואָוויטש אייגנטלעך גערעדט פּערפעקט. ער האָט אין דער אמת'ן אויף קיין שום שפּראַך נישט גערעדט פולשטענדיק פריי און קאָרעקט. אָבער אפילו גאַנץ פרעמדע מענטשן, אפילו די אינ-

טערגאַציאָנאַלע פּני, סיי יידן און סיי נישט יידן, פּלעגט מיט אַ מאָל פאַרכאַפּט ווערן פון דער ערלעכקייט און וואַרימקייט וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון אים, ווען ער פלעגט אָנהויבן רעדן וועגן איינער פון זיינע נייע אידעען. מען איז פאַרכאַפּט געוואָרן און מען האָט אים געשטיצט. מען האָט אים געגלויבט און מען איז מסכים געווען מיט אים.

מענטשן האָבן פּאַרזוכט צו געפינען אַ דערקלערונג פאַר אַזאַ מין פענאָמען און אָנגערופן דאָס מיטן וואָרט „שאַרם", חן, אַ וואָרט וואָס זאָגט אייגנטלעך גאָרנישט. לוואָוויטש האָט פאַרכאַפּט מענטשן דערמיט וואָס זיין באַגייסטערונג איז געווען אַ ריינע און אָן׳ערלעכע. ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין עגאָצענטריקער און געוואָלט שטענדיק קאָאָפּערירן מיט פריינט, אַמאָל אויך אַפּילו מיט פיינט. זיין אידעאַליזם האָט ער נישט געדאַרפט באַווייזן, ווייל ער איז געוועזן געוועבט פון אידעאַליזם. דערפאַר איז ער געווען אויסערגעוויינלעך טאָלעראַנט צו זיינע קעגנער און אויסערגעוויינלעך לאָיאַל צו זיינע פריינט.

יעדע גרויסע קאָנסטרוקטיווע אידעע מוז האָבן אַ מאַן מיט וויזיע, מיט אַ וויטן קאָנסטרוקטיוון בליק אויף דער צוקונפט און לוואָוויטש איז געווען דער וויזיאָנער פון דעם „אָרט", וואָס דאַרף ערשט ווערן ביי יידן אַ באַוועגונג. די אָרגאַניזאַציע באַזיצט איצט אַ גרויסע צאָל שולן און לאָזט אַרויס אין דער וועלט טויזנטער און טויזנטער אויסגעבילדעטע אַרבעטער. די אָרגאַניזאַציע מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען אויף אויסצוברייטערן דאָס פעלד פון איר אַרבעט און די צאָל פון אירע שולן. אָבער קיין באַוועגונג פון גרויסע קרייזן וואָס זאָל זיך שטיצן אויף די אידעען פון „אָרט" איז ביז איצט נישט געשאַפן געוואָרן. יידן זענען צו פיל פאַרנומען מיט פּאָליטיק, מיט טאָג־טעגלעכע פּראַקטישע אויפגאַבן, מיט דיין פילאַנטראָפּישער אַרבעט און זאָרגן זיך צו ווייניק וועגן דעם גרונט און באָדן, אויף וועלכן מיר שטייען.

די גרויסאַרטיקע אַרבעט וועלכע דער „אָרט" טוט אין ישראל — און וואָס אַנגאַזשירט דעם גרעסטן טייל פון זיינע כוחות — דאַרף אין דער אמתן טאָן די רעגירונג פון׳ם לאַנד אַזוי ווי דאָס איז

אין אַלע לענדער. פאַך־אויסבילדונג איז מער נישט קיין לוקסוס און נישט קיין צוגאָב צו דער אַלגעמיינער עלעמענטאַרער בילדונג. יעדע רעגירונג באַטראַכט עס איצט פאַר איינער פון אירע הויפּט־אויפגאָבן צו געבן דער יוגנט די מעגלעכקייט צו באַקומען פאַך־אויסבילדונג. פאַר וואָס זאָל עס זיין אַנדערש ביי יידן?

פאַרקערט, אין די נייע יידישע ישובים, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע, ווי אויך אין די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער, וואָלט דער „אָרט" באַדאַרפט אַרויסרופן אַ גרויסע באַוועגונג פאַר פאַרשפּרייטן אַרבעט און מלאכות צווישן יידן. די צאָל פון יידישע אַרבעטער אין די אַמאָל כמעט הויפּטזעכלעך יידישע יוניאָנס פאַלט פון יאָר צו יאָר סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן און סיי אין קאַנאַדע. די פירערשאַפט אין די גאָר גרויסע יוניאָנס ליגט נאָך דערווייל אין יידישע הענט, אָבער עס איז נישט ווייט די צייט ווען דאָס בילד וועט זיך ראַדיקאַל ענדערן און יידן וועלן גאָרנישט האָבן וואָס צו זאָגן אין די דאָזיקע יוניאָנס, וועלכע זענען אויפגעבויט געוואָרן אַמאָל פון יידישע אַרבעטער.

עס איז ליידער אַ ירושה פון הונדערטער יאָרן דער טראַדיציאָנעלער אפשיי פון יידן צו פיזישער אַרבעט. די נייע צייטן און די נייע אידעען, די חשיבות פון אַרבעט און פון'ם אַרבעטער־קלאַס, אין דער גאַנצער וועלט, די גרויסע ענדערונגען אין דעם יידישן לעבן און דער נייער אויפבוי פון דעם יידנטום אין פאַרשידענע לענדער האָבן פאָרט נישט געהאַט אַ ראַדיקאַלע ווירקונג אויף אונזער מענטאַליטעט, בפרט נאָך אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער פון דעם אָריענט. עס איז נאָך אַ לאַנגער וועג צו גיין. און די אידעען פון דעם „אָרט" מוזן טיפער און טיפער אַריינדרינגען אין דעם יידישן פאָלק. עס איז נישט דאָס וואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט, נאָר דאָס אינטענסיפיצירן פון דער אַרבעט, דאָס אַריינגעמען ברייטערע קרייזן דאָרט, ווו די אָרגאַניזאַציע האָט שוין פאַרנומען אַ באַשטימטן פּלאַץ.

„דער דריטער מאַן" — איינער פון די דריי פריער אָנגערופענע פירער פון „אָרט" — וועלכער שטייט איצט אין דער שפּיץ פון דעם „אָרט", איז אויף זיין אייגענעם אופן אויך אַ פענאָמען: ער באַזיצט

די אומדערמידליכקייט פון בראמסאן, דעם וויזיאנערישן שווונג פון לוואוויטש און די הייליקע אמביציע פון די צוויי צו פליען „נאך העכער", נאך ווייטער, צו באדייכערן דעם היינטיקן אינהאלט. דאס האט ער געשאפן דאס גאנצע „ארט"-שול-סיסטעם אין ישראל. דאס האט ער פארטיפט די אידעאלאגיע פון „ארט" אלס א טעמפל פון יידישער ארבעט.

וואס איז אבער די צוקונפט פון דער גרויסער ארגאניזאציע אין א וועלט, וועלכע האלט זיך אין איבערבויען אויף נייע סאציאלע און עקאנאמישע יסודות? וואו זענען די יידישע געזעלשאפטלעכע כוחות וועלכע זאלן זיך קענען באפרייען פון ריין פאליטישע אמביציעס און זיך אפגעבן דער פונדאמענטאלער קאנסטרוקטיווער דערציאונג פון א נייעם יידישן דור? ווער וועלן זיין די יורשים פון דער היינטיקער פירערשאפט פון „ארט"?

דאס זענען ערנסטע און שווערע פראגן. דאס זענען פראבלעמען וועלכע דארפן שטארק אינטערעסירן דעם גאנצן יידישן כלל.

אין די פּרעריעס פון קאַנאַדע

עס איז געווען אַן אַלטער חלום צו פאָרן אוו צו זעען דאָס לאַנד פון די אומענדלעכע פעלדער, באַדעקט מיט דעם „גאָלדענעם ווייץ״; דאָס לאַנד וואָס האָט אַזוי פיל מאָל געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע אין איי־ראָפּע און גערופן צו זיך מענטשן וואָס ווילן אָנהויבן אַ נײַ גליקלעך לעבן; דאָס לאַנד וואָס מען האָט אַ מאָל געגלויבט, אַז עס קען ווערן אַ מין גן עדן אויך פאַר ייִדן, וועלכע זענען אינטערעסירט, אין אַגריקולטור; אַ לאַנד וווּ עס געפינען זיך שוין ייִדישע קאָלאָניעס, געגרינדעט נאָך פריער איידער די „יקא״ האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אים און אויך גענומען באַזעצן ייִדן פון רומעניע, פון בעסאַראַביע, בכלל ייִדן וואָס ווילן לעבן ווי פּויערים.

עס איז סוף 1919. נאָך דעם חורבן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געקומען דער חורבן פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. פּאָגראָמען אין פּוילן, פּאָגראָמען אין דער אוקראַינע. מסתמא ווערט שטענדיק דער אָנהויב פון אַ נייער עפּאָכע פאַרגאָסן מיט טייכן בלוט און מסתמא איז דאָס געווען דער גורל פון דעם רוסישן, פּוילישן און ליטווישן ייִדנטום צו באַצאָלן אַזאַ טייערן פּרייַז פאַר דעם איבער־גאַנג פון אַלטע צייטן צו די נייע צייטן. אָבער ייִדן לאָזן זיך נישט אָפּשרעקן, ייִדן ווילן נישט, האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט, אויפגעבן דעם קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ און פאַר אַ בעסערער צוקונפט. פון אַמעריקע הייבן אָן צו קומען שליחים פון די לאַנדסמאַנשאַפטן מיט אַ ביסל געלט צו העלפן זייערע אָמאָליקע שטעטלעך, זייערע קרו־בים, פרייַנט, באַקאַנטע. אַ מין אינדוסטריע איז אויסגעוואַקסן: שליחים פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס פאָרן זוכן די פאַרלוירענע ייִדן...

א פּאָר דעלעגאַציעס פון אַמעריקע און פון קאַנאַדע פאָרן איבער־קאָפּענהאַגן נאָך רוסלאַנד. באַקאַנטע יידישע כלל־טוערס: ברוך צוקערמאַן, קאַלדראָווסקי, בעלקין, די לעצטע צוויי אמת׳ע קאַנאַדער יידן, דער ערשטער פון זיי איז פון טאָראָנטאָ, דער אַנדערער גאָר פון וויניפּעג. מיין שרייבן אין „טאָג״, ספּעציעל די קאָרעספּאָנדענצן וועגן רוסלאַנד, וועלכע זענען עטלעכע יאָרן נאָכאַנאַנד אונטערגע־שריבן געוואָרן מיט די צוויי בוכשטאַבן א. י., האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך פריינד. מיר האָבן זיך געטראָפן ווי אַלטע גוטע באַקאַנטע, הגם מיר האָבן זיך געזען צום ערשטן מאָל. האָט מען געהאַט דאָס גע־פיל, אַז דאָס זענען „אונזערע יידן״, ד. ה. יידישע יידן, הגם איך האָב שטענדיק פיינט געהאַט דאָס קלאַסיפיצירן פון יידן, טיילן זיי אויף „אונזערע״ און „זייערע״, ד. ה. נישט אונזערע.

אייראָפּע איז געווען אין אַ צושטאַנד פון אַ האַלבן פּאַראַליז און עס האָט זיך געוואָלט אַנטלויפן, אָפּכאַפּן דעם אָטעם. מען האָט נישט געוווסט, נישט פאָראויסגעזען, אַז עס וועלן קומען ערגערע צייטן, געפערלעכע אַז אָט־אָט רוקט זיך אָן די גרויסע קאַטאַסטראָפע..

***

דאָס אריינפאָרן קיין קאַנאַדע מיט אַ שיף פונעם אַטלאַנטיק דורך דעם סאַן־לאָרענץ איז אַזוי אויסערגעוויינלעך שיין און אימפּאָזאַנט, אַז מען קען עס קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן. במעט גאַנצע דריי טעג פאָרט מען מיטן סען־לאָרענץ. וואָס ווייטער פונעם אַט־לאַנטיק און וואָס נענטער צו דער שטאָט קוויבעק ווערט דאָס וואַסער אַלץ שמעלער און ענגער. די ברעגן, דער לאַנגער פילפאַרביקער באַרג אויף לינקס און דער נידעריקער גרינער טאָל אויף רעכטס, ווערן אַ סך נענטער, אַ סך קלאָרער און וואַרימער. מען זעט נישט קיין מענטשן און מען זעט נישט קיין דערפער, אַזוי ווי די גאַנצע לאַנד־שאַפט וואָלט געשלאָפן. פאַרטאָג, ווען מען זעט נאָך נישט די ערשטע שטראַלן פון דער זון, שפּילן שוין אויפן הימל פאַרבן פון אַלערליי שאַטירונגען, ווייך, צאַרט און מילד. עס איז הערלעך און עס ווערט גרינג אויפן האַרצן. דאָס שיף שווימט נישט, עס גליטשט זיך אריין אינם נייעם לאַנד. יאָ, דאָ אָטעמט זיך אַזוי גרינג. אָדער אפשר איז עס נישט מער ווי אַן איינרעדעניש?

מיט דער אייגענער שיף פֿאָרן עטלעכע הונדערט יידישע עמיג־ראַנטן, היימלאָזע יידן אין דעם בוכשטעבלעכן זין פֿון דעם וואָרט, זיי ווייסן באמת נישט פֿון וואַנען זיי פֿאָרן. יאָרנלאַנג —, נישט חדשים־לאַנג, נאָר יאָרנלאַנג — האָבן זיי פֿאַרבראַכט אין פֿאַרשי־דענע האָפּנס, געלעבט אין די אוממענטשלעכסטע באַדינגונגען, גע־וואַרט ביז מען וועט פֿאַר זיי אויסאַרבעטן נויטיקע פּאַפּירן, האָבן זיי פֿאַרלוירן דאָס פּנים פֿון נאָרמאַלע מענטשן. עס איז זיי איצט גאַנץ גלייך וווהין מען פֿירט זיי, וואָס זיי וועלן טאָן אינם נייעם לאַנד, צי מען וועט זיי אַריינלאָזן, צי שיקן צוריק. אין קוויבעק, ווו מען נעמט זיי אַראָפּ פֿון שיף און מען פֿאַרהאַלט זיי „דערווייל", טרעפֿן זיי עטלעכע הונדערט אַזעלכע ווי זיי, וועלכע וואַרטן שוין דערווייל חדשים־לאַנג, ביז מען וועט זיי אַריינלאָזן אין לאַנד גופֿא. און אַלע צוזאַמען קערן זיי וועלטן אין דעם עמיגראַנטן־הויז פֿון דער רעגירונג ווו זיי זיצן אָפּגעזונדערט פֿון דער איבעריקער וועלט. די אַדמיניס־טראַציע קען זיך נישט געבן קיין עצה מיט זיי: זיי לאַרמען, זיי ברעכן, זיי קערן איבער דאָס הויז.

דאָס איז אַלט־אייראָפּע אינם נייעם לאַנד. די ערשטע באַגעגעניש. נישט די ערגסטע. ערגערע צייטן וועלן קומען שפּעטער. ערגערע וואָס זענען נאָך אַלעמען פֿאָרט בעסערע. ווייל דער מענטש איז דאָ פֿאָרט מער ווערט ווי „דאָרטן", אין דער אַלטער היים.

סך הכל אין עטלעכע שעה אַרום, פֿאָרן מיט דער באַן, איז מען אין מאָנטרעאַל, די גרעסטע שטאָט אין לאַנד, די גרעסטע יידישע גע־מיינדע, די יידישע געמיינדע מיט דער גרויסער צוקונפֿט.

***

דער לאַנגער וועג פֿון טאָראָנטאָ קיין וויניפּעג — עס האָט דענסט־מאָל גענומען כמעט פֿופֿציק שעה פֿאָרן מיט אַן עקספּרעס־צוג — איז אַ ריכטיקער איבערגאַנג פֿון מזרח־קאַנאַדע צו מערב־קאַנאַדע, פֿונם אַטלאַנטיק צום פּאַסיפֿיק, פֿון איין וועלט אין אַ צווייטער וועלט. „די וועסט", זאָגן פּשוט יידן ווייזנדיק מערב־קאַנאַדע. „די וועסט" - דאָס מיינט נישט סתם קאַנאַדע, נאָר אַ וועלט פֿאַר זיך, עפּעס גאָר אַן אַנדער וועלט. און דאָס איז אַן אַנדער וועלט.

מען פֿאָרט און מען פֿאָרט און מען זעט נאָר וועלדער און פֿעל־

דער. פלוצלונג שטעלט זיך אָפּ דער צוג ביי אַ קליינער סטאַציע ווו עס ליגן צוזאַמען אַ צענדליק אָדער מער הילצערנע הייזער, ס׳רוב ווי קליינע פּירעקיקע הילצערנע קאַסטנס מיט פלאַכע דעכער. אָבער אין אַ זייט שטייען עטלעכע גיגאַנטישע קאָרן־עלעוואַטאָרס, קאָלאָסאַל הויך און שטאַרק. אַהער ברענגען די פאַרמערס זייערע ווייצן, נישט אין זעק, נאָר אין פּירקאַנטיקע קאַסטנס, פון וועלכע די תבואה ווערט אַריבערגענומען מיט לופט־זויגערס אין די עלעוואַטאָרס. קליינע גרופּן מענטשן פאָרן זיך אַרום דעם סעטלעמענט און דער צוג רירט זיך ווייטער. אַ פּאָר מענטשן אַראָפּ, אַ פּאָר מענטשן אַרויף. דער לאָקאָמאָטיוו זעט אויס אין די אויגן פון אַן אייראָפּעער ווי אַ מאָנסטער, אַ געוואַלדיק גרויסער.

עס איז פעברואַר. אַזוי ווייט ווי דאָס אויג כאַפּט איז אַלץ ווייס, ווייס פון שניי. עס איז אַ ווייסע וואַלד־פּאַנאָראַמע און אַ קנאַקעדיקער פראָסט. טרוקן און קאַלט. דאָס אָטעמט מיט אַ בייסיקן פראָסט די פּרעריע, די לעגענדאַרע קאַנאַדער פּרעריע, אָן אַ שיעור אין דער לענג און אָן אַ גרענעץ אין דער ברייט, אַ מין אָקעאַן פון לאַנד און געוויקס. דאָ און דאָרט זעט מען אַרומלויפן דריי אין שניי פערד, באַדעקט מיט לאַנגע האָר, אַ נאַטירלעכער שוץ קעגן קעלט. דאָ און דאָרט זעט מען אין שניי נישט באַדעקטע גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, איבערגעלאָזן פון די פּאַרמערס איבערן ווינטער. דאָס איז קאַנאַדע, מיינט מען.

א פינף זעקס שעה נאָך ווינניפּעג. דער אמתער מערב. פון דאַנען קען מען פאָרן אין עטלעכע ריכטונגען און געפינען די צעוואָרפענע יידישע „קאָלאָניעס״. איך שרייב דאָס וואָרט אין גענזנפיסלעך ווייל דאָס וואָרט קאָלאָניע זאָגט היינט גאָרנישט. עס זענען געווען קליינע דערפער, געגרינדעטע זעלבסטשטענדיק פון יידן, וועלכע האָבן געהאַט צו טאָן אין דער אַלטער היים מיט ערד־אַרבעט אָדער געווען נעריי, אָדער יידן וואָס האָבן געגלויבט, אַז זיי וועלן קענען ווערן פּויערים, אפילו אויב זיי זענען דאָס פריער נישט געווען. דאָס זענען אויף יעדן פאַל געווען אמת׳ע פּ י אָ נ ע ר ן, צווישן זיי נישט זעלטן באַגייסטערטע אידעאַליסטן. וואָס פינסטערער עס איז געווען דאָס לעבן אין דער אַלטער היים אַלץ שטאַרקער האָט געקלונגען אין

זייערע אויערן די לעבעדיקע לעגענדע פון קאנאדע, אלץ שענער האט אויסגעזעען אין זייערע אויגן דאס בילד, וואס זיי האבן זיך אויסגע־מאלט פון א פרייער צוקונפט, זאל זיין א שווערע, אבער א פרייע צו־קונפט, פאר זיי אליין, אבער הויפטזעכלעך פאר זייערע קינדער. עס איז געווען א מין חובבי ציון־באוועגונג אן ציון.

וואפּעלאַ. א מאל געווען א קליינער, אבער א גאנץ געזונ־טער סעטלעמענט פון רומענישע יידן. נישט דערפאר האט זיך דער מערקווירדיקער נאמען איינגעגראבן אין מיין זכרון ווייל דאס איז געווען מיין ערשטע באגעגעניש אין יענעם ווינטער מיט א יידישן פארמער אין קאנאדע, נאר צוליב דעם יידן, צוליב זיין פערזענלעכ־קייט.

עס איז געווען א קאלטער, אבער טרוקענער אוונט. איך בין ארויס פון צוג אויף א גאנץ קליינער סטאציע און טאקע באלד באַ־געגנט געווארן פון דעם יידן. מען האט געלאזט צווויסן פון וויני־פעג, איז ער געקומען מיך באגעגענען. אן עלטערער ייד, א שטארקער, אבער נישט קיין דיקער, א ריינער, גוט אנגעטאן, נישט געדעדט קיין סך. א רומענער. פון דעם שפאן מיט די צוויי פערד, געזונטע אייזער־נע פערד, און פון דעם ווי אזוי ער האט זיי אנגעפירט האט מען באלד געקענט זען, אז דער ייד איז נישט קיין רעדנער, נאר א טוער. ער האט זיך אנגעפרעגט מיט א פאר ווערטער וועגן דעם לעבן אין איירא‍פּע נאך דער ערשטער מלחמה און געשוויגן. איך האב געפילט, אז אינעווייניק אין אים רעדט יעדער עבר, אבער ער האט אפגעהיט דעם גאנג פון די פערד. עס איז געווען א היבש ביסל פינסטער, אין ערגעץ זעט מען נישט קיין סימן פון א דארף, אבער די פערד קענען דעם וועג. זיי גייען אין שפאן אהיים.

און פלוצלונג, אינמיטן פון א פעלד, שטעלט מען זיך אפ ביי איינאונאייניציקן הויז, צוויי שטאק, באלויכטן מיט עלעקטריציטעט. מיר קומען אריין, עס איז שיין מעבלירט, עס איז ריין און ליכטיק. עס איז א גוט שטאטיש הויז.

— א, ווי גוט דא איז, אבער זאגט מיר פון וואנען האט איר דא ליכט?

דאָס טרוקענע, געקנייטשטע פּנים מיט צוויי ווייכע קלוגע אויגן, שמייכלט:

—קומט אַראָפּ, איך וועל אייך באַווייזן...

אונטן, אין אַ פּיין געמויערטן קעלער, איז געשטאַנען אַ מאָטאָר מיט אַ גענעראַטאָר. פון עטלעכע שעה אַרבעט איז געווען גענוג עלעקטריציטעט פאַר אַ גאַנצער וואָך. און אַזוי איז געווען אַלץ ביי דעם ייד אין זיין ווירטשאַפט. און אַזוי אויך אין דער פאַמיליע: פון 3 זין, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט, האָבן צוויי געענדיקט אַן אַגריקולטור־קאָלעדזש. די גאַנצע ווירטשאַפט איז אויפגעבויט געוואָרן מיט אייגענע הענט, מיט אייגענע פּראַצע.

עס איז געווען אַן אַלטמאָדישער רומענישער ייד. ווען איך האָב גערעדט מיט אים האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב אַמאָל, בשעת דער בלוטיקער אַגראַר־רעוואָלוציע אין רומעניע אין 1906 געטראָפן אַ סך אַזעלכע יידן אין יאַסי, באָטושאַני, ניגרעשטי, בור־טשעטשי. ס׳איז אַ שטאַרקע יידישע ראַסע, וואָס האָט זיך גענוג אָנגעליטן אין דעם דאָזיקן געפּאַלענעם לאַנד, וואָס האָט אָבער קיין מאָל נישט פאַרלוירן דעם מוט, נישט אָנגעוווירן דעם אַפּעטיט צום לעבן. אויסלעבן זיך האָבן זיי געקענט נאָר ווי יידן.

איך ווייס היינט נישט, וואָס איז געוואָרן פון וואַפּעלאַ. אַ סך יאָרן שפּעטער האָב איך געטראָפן זיין עלטערן זון וועלכער איז געגאַנגען אין די דרכים פון דעם פאָטער. צי דער סעטלעמענט עקזיסטירט היינט אָדער נישט, אָבער דענסטמאָל איז עס פאַר מיר געווען אַ גליקלעכע באַגעגעניש. יענעם אָוונט זענען אָנגעקומען אין הויז שכנים פון אַרומיקע פאַרמס. אַלץ רומענישע יידן, עלטערע אָבער פרישע, געזונטע מענטשן, אמת׳ע, „האָרעפּאַשניקעס", ווי מען האָט ביי אונז ליב צו זאָגן. זיי האָבן געוואָלט וויסן וואָס הערט זיך אין דער גרויסער ווייטער וועלט און איך האָב זיי דערציילט, וואָס יידן האָבן דורכגעמאַכט אין דער וועלט־מלחמה. אין שטוב איז געווען וואַרים, ווייל וואַרימע יידישע הערצער האָבן געקלאַפּט. זיי האָבן זיך געפילט ווי אַ טייל פון גאַנצן יידישן כלל.

***

צוויי אַנדערע קאָלאָניעס, וואָס איך האָב דענסטמאָל באַזוכט

האָבן געטראָגן צוויי גרויסע יידישע נעמען, — הירש און מאָנ־טעפיאָרע, — האָבן מיר פאַרשאַפן גרויס עגמת נפש, הגם דאָס זענען געווען גוטע און אַלטע סעטלעמענטס. אין ביידע האָב איך געפילט, אַז אויב מען וואָלט זיי געקומען צו הילף — און איך מיין דאָ נישט מאַטעריעלע הילף — אויב עס וואָלט נישט געלעגן קיין אייביקע קללה אויף אַלץ, וואָס די יורשים פון באַראָן הירש׳ס קאַ־פּיטאַל האָבן געטאָן, אויב עס וואָלט געווען איין טראָפּן פון זיין אי־דעאַליזם און זייערע אפּיטרופּסות, וואָלטן די קאָלאָניעס אפשר גע־בליט ביז צום היינטיקן טאָג.

איך בין איינגעשטאַנען אין הירש ביי אַ יידן, וואָס איז אין די יונגע יאָרן געווען אַ שוחט אין ענגלאַנד, שפּעטער באַשלאָסן צו פאָרן קיין קאַנאַדע און ווערן אַ פּאַרמער. לויט דעם אַלטן מאַסשטאַב אין אייראָפּע האָט ער געהאַט, ווען איך בין אָנגעקומען צו אים, נישט קיין פּאַרם, נאָר אַן אמתן מאַיאָנטעק : אַ סך ערד, לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר און אַ שיין הויז. אַן אומגליק איז אָבער געשעען אין דער גאַנצער געגנט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד — אַ טרוקעניש. נישטאָ קיין גערעטעניש און מען מוז איבערלעבן די שווערע צייטן. אַברייטער ייד, אַ למדן, אַ קלוגער, האָט ער מיט שטאָלץ געטראָגן די צרות. עס טרעפן אויפן לאַנד אַזעלכע שווערע צייטן און דער ייד האָט נישט מורא געהאַט פאַר דער נאַטור־קאַטאַסטראָפע. זיין פעך־שוואַרצע באָרד איז אָבער געוואָרן גרוי נישט פון דער נאַטור־קאַטאַסטראָפע. אין הויז איז געווען אַן אַנדערע נאַטור־קאַטאַס־טראָפע...

די ערשטע נאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן שלאָפן — פון אַ טיפן זיפץ ערגיץ נישט ווייט פון מיין צימער. אַ זיפץ? ניין, אַ האַרץ רייסנדער קרעכץ פון אַ פרוי. אפשר איז עמיצן געוואָרן נישט גוט? אפשר האָלט עמיצער חלילה ביים שטאַרבן? ניין, דאָס איז דעם פּאַרמערס ווייב, אַ יידענע פון האָמעל, וועלכע ליגט איין וועלטן, זי וויל נישט זיין קיין פאַרמערקע... זי האָט דורכגעמאַכט אין האָמעל דעם באַרימטן פּאָגראָם, זי האָט שווער און לאַנג געליטן איידער זי האָט געטראָפן איר מאַן, אָבער איצט האָט זי זיך באַטראַכט

און וויל נישט לעבן אויפן לאַנד, ווייל דאָ איז נישטאָ קיין קינאָ, קיין טעאַטער, נישטאָ קיין געזעלשאַפט.

מיט שרעק און מיט אַ טיפן ווייטיק אין האַרצן האָט דער מאַן מיר דערציילט וועגן זיין אומגליק — דאָס גאַנצע לעבן אין הויז איז אָנגעפילט מיט איר קרעכצן און זיפצן. ווי איך פאַרשטיי, האָט זי אויסגעפירט און דער מאַן האָט געמוזט סוף כל סוף אויפגעבן די פאַרם, זיין אַרבעט, זיין פאַרמעגן, זיין גאַנצע עקזיסטענץ...

מיט אַ גרויסן אינטערעס בין איך געפאָרן זען מאָנטעפיאָרע. אומעטום האָט מען מיר דערציילט, אַז דאָס איז איינע פון די בעסטע קאָלאָניעס, גוט איינגעפונדעוועט, דערפאָלגרייך, מיט אַ גוטער צו־קונפט. עס איז געווען זייער אַ ווייטע און שווערע נסיעה. נאָך אַכט שעה פאָרן מיט דער באַן פון סאַסקאַטון בין איך געפאָרן עטלעכע שעה מיט אַ שליטן. עס האָט געשיינט אַ העלער זון, דער שניי איז געווען איינגעפרוירן און האָט געשטראַלט ווי אַ ים מיט דיא־מענטן, אָבער עס איז געווען אַ געפערלעכער פראָסט. איך בין אָנ־געקומען קיין מאָנטעפיאָרע פשוט אַ פאַרפרוירענער. עס האָט אָבער געלוינט, האָב איך געטראַכט ביי זיך, ווען איך האָב דערזען אַרום זיך די יידן — איינער געזונטער פון דעם אַנדערן. פרישע אָפענע פנים׳ער, וואַרימע אויגן, צופרידענע, מענטשלעכע. און אַלע האָבן נאָר איינס געוואָלט וויסן: נייעס פון דער יידישער וועלט. עס איז נישט געווען קיין נייגעריקייט, עס איז געווען ערנסטע פאַראינ־טערעסירונג. אַזוי רעדן יידן נאָר דענסטמאָל, ווען זיי זענען אויפריכ־טיק און באַטראַכטן זיך פאַר אַ טייל פון דעם כלל.

אָבער אויך דאָ האָט זיך אָפגעשפּילט אין אַ הויז, וווּ איך בין געווען דער גאַסט, אַ דראַמע, נישט קיין שטילע, נאָר אַן אָפענע דראַמע, אַן אָפענע ווונד: די פרוי האָט נישט געוואָלט בלייבן אויף דער פאַרם. דאָס פּאָר פאָלק און זייערע צוויי קינדער זענען געווען שיינע שטאַרקע מענטשן. כדי צו לערנען די קינדער האָט מען געהאַלטן אין הויז אַ לערער, עס איז געווען אין הויז פון אַלדאָס גוטס, די פרוי האָט נישט געוואָלט וויסן פון גאָרנישט — זי וויל נישט זיין קיין פאַרמערקע. זיי זענען גאַנץ פאַרמעגלעך, זיי האָבן גענוג געאַרבעט אויפן לאַנד און מער וויל זי נישט.

דאָס זענען נישט געווען די צוויי איינציקע פאַלן. עס זענען געווען אַ היבש ביסל אַזעלכע פאַלן. אויך אין אַנדערע ערטער. פאַר וואָס? האָב איך זיך געפרעגט: דאָס איז דער דרוק פון דער פּרעריע, דער דרוק פון דער גרענעצלאָזער ברייטקייט און רייכקייט פונם לאַנד אין דעם מערב. און די מענטשן האָבן עס נישט געקענט פאַרטראָגן...

עס איז דאָ געווען געגנוג צו זעען ניי יידיש לעבן — נישט נאָר אין וויניפּעג, רידזשיינע, אין קאַלגארי און עדמאַנטאָן, ניי יידיש לעבן אין אַ נייעם לאַנד, אין אַ רייכן און ברייטן און גאַסטפריינט-לעכן, נאָר גראַדע אין די קליינע סעטלעמענטס, אין די גאַנץ קליינע קיבוצים, ווי עס וואָלט געקענט זיך צובלישן אַ גרויסער יידישער ישוב, אויב די פּיאָנערן דאָ וואָלטן געקריגן אַ טראָפּן, אַ קליין ביסעלע פון יענער אויפמערקזאַמקייט, וואָס איז געשענקט געוואָרן די פּיאָנערן אין פּאַלעסטינע. דאָ איז עס אָבער געווען פאַרקערט און איין פאַל מוז איך דערציילן.

אין איין סעטלעמענט ווייט אין דעם מערב, אַ גאַנץ גרוים אויס-געוואקסן דאָרף, — צום באַדויערן דערמאָן איך זיך היינט נישט דעם נאָמען, — האָב איך ביים אָנקומען באַמערקט אַ גרויסע אויפ-רעגונג. יידן האָבן דיסקוטירט, אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ, נישט גע-ווּסט וואָס אָנצוהויבן צו טאָן. מיט אַ פּאָר וואָכן פריער איז אין דאָרף געקומען אַ ציוניסטישער רעדנער. עס איז 1920 און מען האָט נאָך אפילו נישט אָנגעהויבן צו פאַרהיילן די ווונדן פון דער וועלט-מלחמה. דערוויילי קומען אָן יידן קיין קאַנאַדע פון אייראָפּע און אַ סך מער ווילן נאָך אָנקומען. אין מאָנטרעאַל, אין טאָראָנטאָ און אין וויניפּעג זוכן יידישע כלל-טוערס מיטלען, ווי אַזוי מען זאָל פּועלן ביי דער רעגירונג אין אָטאַוואַ נייע פּערמיטן, וויזעס פאַר נייע איינ-וואַנדערער. די עמיגראַנטן פון פריער זענען באַקאַנט פאַר אַרבעט-זאַמע, טיכטיקע, נוצלעכע בירגער פונם לאַנד און מען קריגט אַריין נייע עמיגראַנטן.

דער גאַסט-רעדנער אין דעם יידישן דאָרף אין מערב-קאַנאַדע קימערט זיך אָבער זייער ווייניק וועגן דעם פּראָבלעם פון די נייע עמיגראַנטן. ער באַשרייבט דעם גן-עדן אין פּאַלעסטינע, נישט נאָר

די צוקונפט, נאָר שוין איצט, באַלד. מען טאָר נישט פאַרפעלן די געלעגנהייט, מען דאַרף פאַרפאַקן די זאַכן, ליקווידירן די ווירטשאַפט און פאָרן. און כדי דאָס זאָלן נישט זיין נאָר ווערטער, נעמט מען אָן א רעזאָלוציע וועגן דעם. די רעזאָלוציע ווערט אָפּגעדרוקט אין די ענגלישע צייטונגען: יידן וואַנדערן אויס פון קאַנאַדע! אין אָטאַוואַ לייענט מען די רעזאָלוציע אין א רעגירונגס־דעפּאַרטעמענט און מען ווערט דערשטוינט, מען ווייסט נישט וואָס דאָס מיינט. און מען שיקט א באַאַמטן אין מערב אויפֿקלערן דעם ענין...

דער באַאַמטער איז ארומגעפֿאָרן איבער די יידישע סעטלעמענטס אין מערב גראַדע דענסטמאָל ווען איך בין דאָרט ארומגעפֿאָרן זוכן יידישע פאַרמערס. אין דעם דאָרף, וווּ מען האָט אָנגענומען די רעזאָלוציע איז ער אָנגעקומען צוערשט. ער האָט מסתמא געמיינט, אַז דער דאָרף איז שוין אויסגעלייזיקט געוואָרן, אַז יידן זיצן אויף זייערע פאַרפאַקטע קאַסטנס און וואַרטן נאָר אויף דער פור, וואָס זאָל זיי ברענגען צו דער סטאַנציע. אין דאָרף איז אַלץ אָבער אָנגעגאַנגען ווי שטענדיק און יידן האָבן פאַרגעסן די רעזאָלוציע. דער באַאַמטער איז אַרומגעגאַנגען פון הויז צו הויז, גערעדט מיט יידן, אויסגעפרעגט זיי און אַוועקגעפאָרן ווייטער. א פּאָר טעג נאָך אים בין איך אָנגעקומען אין דאָרף — ווען יידן האָבן גענומען פאַרשטיין, וואָס מיינט דער באַזוך פון דעם באַאַמטן, וואָס פאַר א שאָדן די מעשה קען ברענגען.

דער פאַל איז נישט קיין טראַגעדיע און אפילו נישט קיין דראַמע — עס איז א קאָמעדיע, פון וועלכער שלום עליכם האָט געקענט מאַכן א גאַנץ אינטערעסאַנטע פּיעסע. די קאָמעדיע האָט זיך סוף כל סוף געענדיקט מער אָדער ווייניקער אָן א גרויסן שאָדן. אָבער זי האָט זיך געקענט ענדיקן זייער שלעכט און אין יענע צייטן, ווען מען האָט געדאַרפט האָבן פרייע און אָפענע טירן פאַר יידישער איינוואַנדערונג אין לאַנד, האָט עס געקאָנט אָנטאָן צרות.

***

וואָס פאַר א שטאָט אָדער שטעטל אָדער סעטלעמענט איך האָב באַזוכט האָבן יידן זיך געפרעגט, צי איך בין שוין געוועזן אין א י ד ע נ ב ר י ד ז ש, צי איך האָב שוין געזען דעם גרעסטן און

דערפאַלגרייכן אַגריקולטור-סעטלעמענט, געבויט פון אַ גרופּע ליטווישע יידן אין אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט, אַרום דעם יאָר 1905. די קאָלאָניע ליגט אין סאַסקאַטשעוואַן, מיט אַ שליטן עטלעכע צענדליק קילאָמעטער צפון פון פּרינץ אַלבערט. ווען איך בין געקומען קיין אידענברידזש און האָב געזען, וואָס יידן נישט־פּויערים האָבן אויסגעבויט מיט זייערע אייגענע הענט אין אַ קיין מאָל נישט באַרירטן אורוואַלד, זייערע ווירטשאַפטן און זייערע היימען, האָב איך פאַרשטאַנען פאַרוואָס זיי זענען אַזוי פּאָפּולער, ביי יידן, און אויך ביי נישט־יידן: זיי זענען דאָס געוועזן ווערט.

די גרופּע ליטווישע יידן, פופצן נפשות, האָבן פאַרלאָזן ליטע כדי צו פאָרן קיין דרום־אַפריקע. ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין ענגלאַנד האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז אין קאַנאַדע איז אַרויס דאָס געזעץ וועגן „האָמסטעד״ — יעדער ווער ס'וויל זיך באַזעצן אויף דעם לאַנד קען באַקומען 160 אַקער לאַנד אומזיסט. ער דאַרף נאָר באַזעצן זיך אויפן לאַנד און אָנהויבן פירן אַ ווירטשאַפט. האָבן די ליטווישע יידן פאַרקירעוועט די אָגלאָבליעס און אַנשטאַט צו פאָרן קיין דרום־אַפריקע זענען זיי אַוועקגעפאָרן קיין קאַנאַדע און טאַקע אין דער הויפּט־שטאָט פון מערב: וויניפּעג. ווען מען האָט זיי געלאָזן אויסקלייבן לאַנד, ווו זיי ווילן אַליין, האָבן זיי אויסגעקליבן לאַנד וואָס איז באַדעקט מיט אַ געדיכטן וואַלד. זייער חשבון איז געווען אַ פּשוטער: לאַנד איז גוט סיי ווי סיי, וואַלד איז גאָר אַ טייערע זאַך, דאָס ווייסן זיי נאָך פון ליטע. איז דאָך קלאָר אַז ערד מיט וואַלד איז אוודאי אַ טייערע זאַך. עס איז אָבער אַ פאַלשער חשבון: אָפּרייניקן לאַנד פון אַלטע געוויקסן, אַרויסרייסן אַלטע ביימער איז אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט. צוגרייטן אַן אַקער לאַנד פאַר לאַנדווירטשאַפט נעמט אַ מאַסע אַרבעט און צייט.

די ליטווישע יידן האָבן זיך נישט דערשראָקן. זיי האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט, האָבן אָפּגערייניקט אַ סך לאַנד און זייער תבואה, דער פיינסטער ווייץ, האָט זיי אַריינגעבראַכט גוטע ריווחים. די יידן, די עלטערע וואָס איך האָב געטראָפן אין אידענברידזש, בוערס פון דער קאָלאָניע, זענען כמעט אַלע געוועזן פיזיש געבראָכן,

אַזוי שווער האָבן זיי יאָרנלאַנג געהאָרעוועט. אָבער ווי צופרידן זיי זענען געווען, ווי מוטיק און שטאַרק אין גייסט.

די קאָלאָניע איז געבויט אין דער לענג און אַזוי ווי יעדער פון די פאַרמערס האָט זיך שוין צוגעקויפט לאַנד צו זיין אומזיסטן חלק האָט זיך דער וועג פון איין עק דאָרף ביז צום צווייטן געצויגן ממש אויף עטלעכע קילאָמעטער.

דאָס שטעטל האָט געהאַט לערערס, רבנים, שוחטים און גענוג היימישע, קהל'שע מחלוקות, אָבער עס איז געווען אַ געזונטע גע־מיינדע. די יידן האָבן זיך נאָר באַקלאָגט, אַז מען פאַרנאַכלעסיקט זיי, אַז מען קומט צו זיי נאָר, ווען מען זאַמלט געלט. צום גליק בין איך נישט געקומען צו זיי אַלס אַ זאַמלער פון געלט און בין טאַקע גע־ווען ביי זיי אַן אַנגעלייגטער גאַסט...

***

זיבער איז היטלעריזם און נאַציזם געווען פאַר אונז אַ קאַטאַס־טראָפע, וואָס האָט נישט איר גלייכן אין דער מאָדערנער געשיכטע. די משוגעים אַרום דעם משוגענעם פירער האָבן מאַניפעסטירט אַזאַ ברוטאַליטעט און אַזאַ גראַד פון אוממענטשלעכקייט — גענוג צו דערמאָנען חוץ דער פאַרניכטונג פון יידן, דאָס פאַרניכטן און פאַר־ברענען אַ גרויסן טייל פון לאָנדאָן — אַז דער ענטפער פון די קעגנער האָט געמוזט פירן צו אַ נישט קלענערער ברוטאַליטעט. נאַטירלעך האָבן נישט דער ענגלענדער און נישט די אַמעריקאַנער נישט פאַר־זוכט צו „דעריאָגן און איבעריאָגן" די דייטשע באַרבאַריי. מען האָט נישט געבויט קיין גאַזקאַמערס און מען האָט נישט געמאַכט קיין „וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן" מיט לעבעדיקע מענטשן.

אָבער מלחמה איז מלחמה און עס ווערן אין אַ מלחמה־צייט גע־שאַפן אַזעלכע סיטואַציעס, ביי וועלכע אַפילו קולטור־לענדער טוען אָפּ ברוטאַלע זאַכן. צו דער קאַטעגאָריע פון ווילדע דערשיינונגען גע־הערט אָן שום צווייפל די מאַסנהאַפטע מיליטערישע עוואַקואַציע פון ענגלאַנד פון עטלעכע צענדליק טויזנט דייטשע און עסטרייכישע יידן, אַליין ציווילע מענטשן, אין פאַרשידענע טיילן פון בריטישן קאָמענ־וועלט, ווען מען האָט אין ענגלאַנד גערעכנט זיך מיט דער מעגלעכקייט פון אַ דייטשער אינוואַזיע און מען האָט מורא געהאַט, אַז צווישן

מיט די פּליכטלינגע, וואָס זענען אַנטלאָפן פון היטלערן, האָבן זיך אין לאַנד אַריינגע'גנב'עט דייטשע אַגענטן.

ווען עס איז געקומען דער צוזאַמענברוך פון דער פראַנצויזישער אַרמיי און נאָך דעם דער צוזאַמענברוך פון דער בעלגישער אַרמיי, און די ענגלישע אַרמיי האָט זיך קוים געראַטעוועט איבערן קאַנאַל, פאַרלירנדיק אויפן קאָנטינענט די גאַנצע באַוואָפענונג און אַמוניציע, איז די געפאַר פון א דייטשער אינוואַזיע געוואָרן א רעאַלע מעגלעכ־קייט. די דייטשן האָבן באַשלאָסן צו פאַרברענען לאָנדאָן. עס זענען געוועזן נעכט, ווען אין דער אייגענער צייט האָט אין לאָנדאָן געברענט אין א פּאָר הונדערט פלעצער. „טאָטאַלע מלחמה", האָט עס געהייסן ביי די דייטשן. און טשערטשיל האָט דענסטמאָל געהאַלטן זיינע באַ־רימטע רעדעס וועגן דעם קומענדיקן קאַמף קעגן דער דייטשער אינוואַזיע.

עטלעכע טויזנט אַזעלכע אומגליקלעכע, אומשולדיקע יידישע פּליטים זענען געבראַכט געוואָרן פון ענגלאַנד קיין קאַנאַדע אַלס געפאַנגענע אין מיטן פון ווינטער 1941. יידן פון אַלערליי פּרנסות און באַשעפטיקונגען, געוועזענע סוחרים, געוועזענע אינזשעניערן, אַרבעטער, דאָקטוירים, דענטיסטן און סתם יידן. יידן פון בערלין, פון ווין, פון גאַליציע, יידן פריידענקערם און יידן אָרטאָדאָקסן. און צווישן די אָרטאָדאָקסן סופּער־אָרטאָדאָקסן. א טייל פון זיי האָט מען באַזעצט אין אויף שנעל אויפגעבויטע הילצערנע באַראַקן. א טייל אין אַלטע קאַזאַרמעס און א טייל, א פיר הונדערט נפשות, אין אַן אַלטן פאַרלאָזענעם אָרט, א פערציק ענגלישע מייל ווייט פון מאָנ־טרעאַל, אויף א פאַרוואָרפענעם אינזל אויפן טייך רישעליע. אפילו קיין בריק צווישן דעם לאַנד און דעם אינזל איז נישטאָ. דער אינזל הייסט א י ל־אָ־נ ו אַ, ד. ה. אַן אינזל פון נים. זענען דאָרט קיין נים איצט אוודאי נישטאָ. דער נאָמען, זאָגט מען, קומט פון דעם, וואָס אַמאָל האָבן די פּויערים פון דעם אינזל געצאָלט שטייער מיט נים. צי דאָרט זענען אַמאָל געווען נים און צי די געשיכטע איז אַן אמת'ע ווייס איך נישט, אָבער די פּליטים, און צום טייל איך, האָב צוזאַמען מיט די געפאַנגענע געהאַט צו קנאַקן גענוג נים פון צרות... נים גאָר!

„איל־אָ־נוא" איז געוואָרן א באַקאַנטער נאָמען אין גאַנץ קאַ־

נאַדע און עס וואָלט געווען א זינד נישט צו דערמאָנען דעם דאָזיקן מערקווירדיקן קאַפּיטל פון יידישע ליידן בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, בפרט נאָך צוליב דעם וואָס די פיינלעבע געשיכטע האָט זיך פּאָרט פאַרענדיקט פאַרהעלטניסמעסיק גוט. און די געשיכטע איז געווען, מילד צו זאָגן, זייער אַ פיינלעבע. איידער די געפאַנגענע זענען אָנגעקומען אין די לענדער, ווּהין מען האָט זיי אַוועקגעשיקט, האָט אין ענגלאַנד אויסגעבראָכן אַ שטורם פון פּראָטעסטן קעגן דער ברוטאַלער האַנדלונג. אין פּאַרלאַמענט האָט מען פאַרלאַנגט אַן אויס־פאָרשונג און אַן אויספאָרשונג האָט זיך תיכף אָנגעהויבן: מען האָט גענומען אונטערזוכן די פּאַפּירן פון די ארויסגעשיקטע און אייניקע פון זיי האָבן באַקומען דאָס רעכט אומצוקערן זיך צוריק קיין ענגלאַנד. די געפאַנגענע זענען געווען שרעקלעך פאַרביטערט. אַנטלאָפן פון היטלערן און אריינגעפאַלן אין אַן אַלטער פעסטונג אין קאַנאַדע אין מיטן ווינטער...

די קאַנאַדער רעגירונג האָט זיך געפונען אין נישט קיין אָנגענעמער לאַגע. אַליין שטאַרקט באַטייליקט אין דער מלחמה, לאָיאַל צו ענגלאַנד ביז צום העכסטן גראַד, האָט די קאַנאַדער רעגירונג געפילט, אז אַ גרויסער פעלער איז געשען. האָט די קאַנאַדער רעגירונג גע־טון אַלץ, וואָס איז געווען מעגלעך, כדי גרינגער צו מאַכן די געפאַנגענע־שאַפט פון די אומשולדיקע מענטשן. ביסלעכווייז האָט מען געענדערט דעם שטרענגן מיליטערישן רעזשים פון די לאַגערן. געמאַכט אייגנטלעך ציווילע לאַגערן פון דעם מיליטערישן רעזשים. דאָס איז געווען זייער וויכטיק, ווייל נישט ווייניק האָבן אָפיצירן און סאָל־דאַטן, אַלץ אויסגעדינטע אַלטע מיליטער־לייט, וואָס מען האָט מאָ־ביליזירט פאַר דעם דינסט אין דער היים, פאַרזוכט צו שפּילן זיך דאָ מיט מיליטערישער דיסציפּלין, אַזוי ווי זיי וואָלטן געהאַט צו טאָן מיט געפאַנגענע דייטשע סאָלדאַטן.

דאָס איז אָבער אַלץ געווען אַ פאָרשפּיל צו דער געשיכטע וואָס טראָגט אַזאַ אומגעוויינלעכן נאָמען: איל־אָ־נואַ, דער אינזל פון נים...

***

די רעגירונג האָט זיך באַצויגן מיט דער גרעסטער אויפמערק־זאַמקייט צו אַלע פאָרשלאָגן פון דעם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס,

וועלכער האָט אויף זיך גענומען צו זאָרגן פאַר דעם „ווילטאָג״ פון די געפאַנגענע. אין דער אייגענער צייט האָט דער „אַרט״ גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אַרבעט, ריכטיקער געזאָגט, דאָס לערנען פון אַרבעט אין די לאַגערן, כדי זיי זאָלן קענען ווי עס איז אויסנוצן די צייט, אויסלערנען אַ פאַך. קומען צו זיך און באַרואיקן זיך. דאָס איז געווען אַ סך קאָמפּליצירטער און שווערער ווי מען האָט זיך דעם פּלאַן פאָרגעשטעלט. די ערשטע און איינציקע „אָרט״-שולע האָט מען געבויט אָט אויף דעם אינזל און איך האָב געדאַרפט פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן.

עס האָט געהערשט אַ פראָסט פון עטלעכע צענדליק גראַד. מאָסן שניי און אייז פון אַ מעטער דיק האָט באַדעקט דעם טייך רישעליע. די ערד איז געווען דורכגעפרוירן. דער לאַגער איז נאָך געווען אַרומגערינגלט מיט שטעכיקן דראָט. סאָלדאַטן מיט ביקסן האָבן געהיט דעם אַריינגאַנג. אויף פיר הויכע טורעמס זענען געשטאַנען שטאַרקע פּראָזשעקטאָרן און סאָלדאַטן מיט מאַשין-ביקסן. עס האָט געמוזט נעמען אַ שטיק צייט ביז די געדריקטע אַטמאָספערע פון אַ מין געפערלעכן געפענגעניש וועט פאַרשווינדן.

די געפאַנגענע האָבן מיט אַ גרויסן פאַרדאַכט געקוקט אויף דעם פּלאַן אויפצוריכטן אין מיטן פונם לאַגער אַ געביידע פאַר אַ שולע. אַפילו די, וואָס האָבן פריער געוווּסט עפּעס פון דעם „אָרט״, האָבן געצווייפלט אין אונזערע כוונות. זיי האָבן מיט רעכט גע׳טענה׳ט:

— איר גייט דאָ בויען אַ שולע, ברענגען מאַשינען, אויסגעבן געלט — ס׳הייסט איר וועט דאָ אונז האַלטן אייביק... וואָס באַדייט דאָס אַלץ? מיר דאַרפן אַרויס פון דאַנען וואָס גיכער און איר מיינט, אַז מיר וועלן זיך דאָ באַזעצן...

די גרעסטע צאָל פון די געפאַנגענע האָט זיך נישט געוואָלט צורירן צו דער אַרבעט און די, וואָס האָבן יאָ געהאָלפן ביים בויען האָט מען געצאָלט פאַר דער אַרבעט. ווען דער בנין איז געווען פאַרטיק — עס איז געווען אַ באַראַק פון אַ 150 פוס אין דער לענג און עס איז געווען אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט צו ברענגען דאָס האָלץ איבער דעם אייז און נאָך דעם גראָבן די ערד, — און מען האָט געבראַכט די טייערע מאַשינען און אָלערליי ווערקציינג, און אַ ריכטיקע שולע פאַר

מעכאַנישער אַרבעט האָט געזאָלט אָנהויבן פונקציאָנירן, האָבן זיך קנאַפּע פופציק־זעכציק מאַן פאַרשריבן צום לערנען. די איבעריקע עטלעכע הונדערט מענטשן האָבן באַיקאַטירט די שולע. עס האָבן געהערשט די פריינטלעכסטע באַציאונגען צווישן מיר און דעם לאַגער. דאָס עסן אין דעם לאַגער איז געווען גוט און א סך, די יידישע געמיינדע פון מאָנטרעאַל האָט געשיקט כשר פלייש. דאָס וויכטיקסטע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער קאָמענדאַנט פון דעם לאַגער און דאָס רוב אָפיצירן זענען געווען פיינע מענטשן און האָבן זיך אָפּגעגעבן א דין וחשבון וועגן דעם טראַגישן גורל פון די געפאַנגענע. עס האָבן זיך איינגעשטעלט גוטע באַציאונגען און די יידן האָבן ביסלעכווייז פאַרשטאַנען, אַז מיט יעדן טאָג וועט זייער לאַגע ווערן בעסער און אַז אינגיכן וועט קומען די באַפרייאונג.

אָבער נאָך אַלעמען איז דאָס פאָרט געווען א מיליטערישער לאַגער און די מענטשן זענען געווען געפאַנגענע, אָפּגעשניטן פון דער אויסערלעכער וועלט, פאַרשיקט, פאַרוואָגלט. עטלעכע הונדערט מענטשן אין אַן שטיינערנעם בנין, וואָס איז אפשר הונדערט און פופציק יאָר אַלט. גאַנץ יונגע און עלטערע מענטשן צווישן וועלכע עס זענען געווען יידן, וואָס די דייטשן האָבן אומגעבראַכט זייערע פאַמיליעס. פאַרוואָס זענען זיי דאָ, אין דעם לאַגער, אָפּגעהיט פון באַוואָפנטע סאָלדאַטן ? ווען וועט זיך דאָס ענדיקן ? וואָס וועט זיין שפּעטער ?...

פאַרגווייז אָדער איינצלווייז פלעגן די מענטשן, אַלע אָנגעטאָן אין מיליטערישע ווינטער־מאַנטלען, אָפט שפּאַצירן איבערן הויף, אינעווייניק אין מיטן לאַגער, שווייגן און יעדער פון זיי טראַכטן פאַר זיך, זוכן אַן אויסוועג פון דער לאַגע וואָס האָט זיך פלוצלונג געשאַפן. אָבער ווי געפינט מען דעם וועג אָדער אַן אויסוועג, ווען מען איז אָפּגעשניטן פון דער וועלט ? און עטלעכע צענדליק מיילן פון דאַנען איז א גרויסע יידישע שטאָט, אָבער זיי לאָזט מען דאָך נישט צו צו די געפאַנגענע און די געפאַנגענע האָבן נישט קיין שום פאַרבינדונג מיט זיי, מיט די יידן פון דער פרייער וועלט. אַן אמת'ע יידישע דראַמע אויף א קאַנאַדער אינזל...

***

די נעבעכט אויפן אינזל — פאַר אונז אַלעמען איז דאָס געווען א

מין טיוול־אינזל — זענען געווען פול מיט קאַשמאַרן, פול מיט שרעקנסבילדער, וואָס זענען אָבער געווען רעאַליטעטן; עס זענען נישט געווען געשפּענסטער, נאָר די סאַמע רעאַלע ווירקלעכקייטן. איך פלעג בלייבן אויפן אינזל אַ פּאָר טעג יעדע וואָך און בין גע־שלאָפן אין דעם הויז פון די אָפיצירן, מיט די פענסטער צום הויף. מיין אויפגאַבע האָב איך געזען נישט נאָר אין אָנפירן מיט דער שול אויף אַ געהעריקן אופן, נאָר אויך אין אָנהאַלטן גוטע באַציונ־גען מיט דעם קאָמענדאַנט און די אָפיצירן און אַזוי אַרום שאַפן פריינטלעכע באַציונגען צווישן זיי און די געפאַנגענע. אין דער פאַר־לאָזענער פעסטונג, אין שניי און קעלט און בייסנדע ווינטן, אָפּגע־שניטן פון דער אויסערלעכער וועלט, האָט מען זיך גענויטיקט זייער שטאַרק אין אַ ביסל מענטשלעכע וואַרימקייט.

צייטנווייז זענען דאָס געווען שווערע, שלאָפלאָזע נעכט. איך פלעג זיך אויפכאַפּן, אַראָפּ פון דעם שמאָלן אייזערן סאָלדאַטסקע בעטל און בלייבן לאַנג שטיין ביים פענסטער. מסתּמא זענען נישט געשלאָפן אויך אַ סך פון די געפאַנגענע. דער הויף איז געלעגן טויט־שטיל. פון די טורעמס האָבן געשטראַלט די פּראָזשעקטאָרן מיט אַזאַ שטאַרקן שניידענדיקן ליכט אַז עס האָט ווי געטאָן אין די אויגן. אַ ווייסער צפון־ווינטער האָט באַהערשט דאָס גאַנצע בילד.

און זייער אָפט האָט מען זיך געמוזט אויפכאַפּן פון געשרייען, ווילדע, אוממענטשלעכע געשרייען. דאָס האָט געדאַוונט דער מנין פון די סופּער־אָרטאָדאָקסן, די חסידים. עס האָבן זיך געטראָגן פון זייער „בית המדרש״ — אויך מיט די פענסטער צום הויף — אַזעל־כע קולות, אַז דער גאַנצער לאַגער האָט עס געמוזט הערן. ביי די דאַוו־נערס האָט עס נאַטירלעך געהייסן התלהבות, פאַר אַ סך מענטשן אין לאַגער איז דאָס געווען אַ דעמאָנסטראַציע. און אָפט איז עס זיכער געווען נאָר אַ דעמאָנסטראַציע...

ווי נאָר די מענטשן זענען אָנגעקומען אין לאַגער האָט זיך גע־בילדעט אַ גרופּע פון „ליבעראַלן״ (די וואָס עסן נישט נאָר כשר) און „אָרטאָדאָקסן״, די אָרטאָדאָקסן האָבן זיך געשפּאָלטן אין עט־לעכע גרופּן. די קלענסטע גרופּע איז באַשטאַנען פון משוגענע פרו־מאַקעס, אָנגעפירט הויפּטזעכלעך פון יונגע חברה־לייט. איך האָב

פאַרזוכט מיט זיי צו רעדן, נישט כדי צו מאַכן פון זיי „ליבעראַלן", נאָר כדי זיי זאָלן אַ ביסל איינצוימען זייער התלהבות, נישט פּראָ־וואָצירן קיין סקאַנדאַלן. וואָס מער מען האָט מיט זיי גערעדט אַלץ מער האָבן זיי מאַניפעסטירט זייער פרומקייט. ווען מען האָט אויפגעגעבן דאָס ריידן מיט זיי האָבן זיי זיך באַרויקט.

איצט האָבן זיך אָנגעהויבן מעשיות מיט כשר־פלייש. די רבנים פון מאָנטרעאַל, אויך נישט קיין גרויסע „ליבעראַלן", האָבן גאַראַנטירט די כשרות פונעם פלייש און אפילו פון אַנדערע, גאָר נישט קיין געפערלעכע פּראָדוקטן, אָבער פאַר די פרומאַקעס איז דאָס נישט געווען גענוג. זיי האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל זיי געבן זאָגן, ווען האָט מען דאָס פלייש געוואַשן, געזאַלצן, געבראַכט און דער קאָמענדאַנט האָט געהאַלטן אין איין טעלעפאָנירן צו דעם ראַבינאַט. ער איז געוואָרן אַן אמת'ער בקי אין די דינים פון כשרות און האָט אַרויסגעוויזן די פיינסטע טאָלעראַנץ.

דער קאָמענדאַנט מיט די אָפיצירן האָבן שוין ביים אָנקומען פון די געפאַנגענע געוווּסט, אַז מיט קיין גאַנץ נאָרמאַלע מענטשן האָבן זיי נישט צו טאָן. אויפן וועג צום לאַגער האָט אַ גרופּע פון זעכציק אָדער זיבעציק אָרטאָדאָקסן אַרויסגעוואָרפן דורך די פענסטער פון צוג די וואַרימסטע סאָלדאַטסקע מאַנטלען, וועלכע מען האָט זיי ערשט אויסגעטיילט, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט טראָגן קיין שעטנז. עס איז נישט געווען אַזוי פּשוט צו דערציילן און דערקלערן די אָפיצירן וואָס מיינט אין העבר אמתן דער דין שעטנז און די דערקלערונגען האָבן זיי נישט געמאַכט קלוגער. נאָך ווייניקער האָבן זיי געקענט באַנעמען דעם זין פון די ווילדע געשרייען ביים דאַווענען פאַר־טאָג. זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז איך געהער נישט צו די דאָזיקע דאַווענער, אָבער אַ ייד בין איך דאָך און מוז וויסן וואָס פאַר אַ יידישע סעקטע דאָס איז. נישט איין מאָל, שפּעט ביינאַכט, ווען מיר זענען געזעסן אַרום דעם קיילעכדיקן טיש און פאַרבראַכט די צייט צו־הערנדיק זיך צום וואָיען פונם ווינט פלעגט איינער פון די אָפיצירן זיך נעמען ריידן וועגן די געפאַנגענע און פרעגן:

— יאָ, יאָ, דאָס איז אַלץ גוט, אָבער זאָגט אונז וואָס זענען דאָס פאַר מענטשן, פון וואַנען קומען זיי?

קאַנאַדע האָט צו טאָן זייט צענדליקער יאָרן מיט די רוסישע דוכאָבאָרן, די ווילדע סעקטע פון די רוסישע פּראַוואָסלאַוונע אָרטאָדאָקסן וואָס איז אַריבערגעפירט געוואָרן פון רוסלאַנד קיין קאַנאַדע מיט אַ זעכציק אָדער זיבעציק יאָר צוריק. מען האָט זיי באַזעצט אויפן לאַנד ביים פּאַסיפיק, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען די געוויינלעכע קאַנאַדער געזעצן : זיי גייען אַרום נאַקעט, ווילן נישט שיקן זייערע קינדער אין די שולן. זיי פּראַוועז רעליגיעזע אָרגיעס און צינדן אונטער די דערפער, ווען מען פאַרזוכט דאָרט איינפירן אָרדנונג. פון צייט צו צייט זענען די קאַנאַדער צייטונגען פול מיט די סקאַנדאַלן אַרום און מיט די דוכאָבאָרן.

די חסידישע גרופּע פון דעם לאַגער אין איל־אָ־נוא האָט נישט אויסגעזען ווי די דוכאָבאָרן און נישט אָפּגעטאָן אַזעלכע זאַכן ווי די רוסישע סעקטאַנטן, אָבער אין אַ געוויסן זין האָבן זיי זיך אויפגעפירט העצעריש און פּראָוואָקאַטאָריש, פאַרזוכט מיט אַלע מיטלען אַרויסרופן אַ טומל, קריגערייען און סקאַנדאַלן.

אָבער אין אַ יאָר אַרום האָט זיך די לאַגע געענדערט אינגאַנצן. מען האָט געלאָזט די סאָלדאַטן פון דער וואַך אַרומגיין אָן ביקסן, מען האָט צוגענומען די סאָלדאַטן פון די טורעמס א.א.וו. וויכטיקער איז געווען דאָס וואָס די וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט צו אַרבעטן אין דער „אָרט"־שולע האָט מען גענומען באַפרייען. איינוואַנדערונגס־באַאַמטע פלעגן קומען אין לאַגער, דורכפירן די פאָרמאַליטעטן און „אַריינלאָזן אין לאַנד" די פריער געפאַנגענע ווי פריי איינגעוואַנדערטע. מען פלעגט זיי געבן אַרבעט און דער גרעסטער טייל פון זיי האָט זיך אויף אַזאַ אופן באַפרייט, געוואָרן קאַנאַדער בירגער.

***

דער ערשטער יידישער פאַרמער וועמען איך האָב געטראָפן אין מערב־קאַנאַדע איז געווען, ווי איך האָב פריער דערציילט, אַ רומענישער ייד, אָבער אויך דער ערשטער יידישער כלל טוער, וועמען איך האָב געטראָפן אין מאָנטרעאַל ביים אָנקומען פון אייראָפּע, איידער איך בין אַוועק זוכן יידישע פאַרמעריי און פאַרמערס אין קאַנאַדע, איז געווען אַ רומענישער ייד, אַ זעלטענער פּראָדוקט פון יידישן לעבן אין דעם אַלטן רומעניע, אין מאָלדאַוויע — כאַנאַניע

קייזערמאַן. ווייניקער פֿון אַלץ וואָלט פֿאַר אים געפּאַסט דער נאָמען גלות־ייד — אויף זיין קיילעכדיקן פֿרישן פּנים האָבן געשטראַלט אַ פּאָר גרויסע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק געשמייכלט און גערופֿן צו זיך. איידער ער האָט נאָך אָנגעהויבן ריידן האָט געשפּריצט פֿון אים מיט וואַרעמקייט און פֿריינטלעכקייט. שטורמיש און סענטימענטאַל אין דער אייגענער צייט; אַ יידיש פֿאָלקסטימלעך, אַ רומעניש ציגיינעריש. אַ מענטש און אַ מענטשן־פֿריינט...

איין שעה נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך געטראָפֿן האָבן מיר זיך ביידע געפֿילט אַזוי ווי מיר וואָלטן געווען פֿריינט אין משך פֿון צען יאָר צייט. ער האָט געהאַט ביי זיך די גאַנצע זאַמלונג פֿון מיינע אַרטיקלען אין „טאָג" אונטערגעשריבן מיט די בוכשטאַבן א. י. און איך האָב אים נישט געקענט אַ סך דערציילן: דאָס וואָס ער האָט נישט געוווּסט, האָט ער שטאַרק געפֿילט.

דאָס יידישע לעבן אין קאַנאַדע איז אין די צוואַנציקער יאָרן נאָך געווען נישט אָרגאַניזירט. מאָנטרעאַל האָט דענסטמאָל געהאַט אַן ערך פֿערציק טויזנט יידישע נפֿשות, ווייניקער פֿון אַ העלפֿט פֿון דער היינטיקער צאָל. יידן זענען נישט געווען אָרים, אָבער דאָס יידישע לעבן איז געווען אָרים און פֿאַרלאָזן. איינגעקלאַמערט צווישן אַזעלכע צוויי אַלטע קולטור־גרופּן ווי די פֿראַנצויזישע קאַטאָליקן, די אמת'ע פּיאָנערן פֿון לאַנד, און די ענגלישע פּראָטעסטאַנטן, ס'רוב שאָטלענדער מיט אַן איינגעבוירענעם דראַנג צו דיסציפּלין און זעלבסטקאָנטראָל, האָבן יידן געזוכט וועגן ווי בעסער צו גיין און ווי בעסער צו אָרגאַניזירן זיך. די יידישע געמיינדע איז נאָך אַלץ געווען אַ פּראָדוקט פֿון עמיגראַציע און עמיגראַנטן־לופֿט האָט געהערשט אויף דער יידישער גאַס. צוזאַמען מיט כלל טועריי איז געווען נענוג הפקר.

צווישן די צוויי נישט יידישע גרופּן פֿון דער באַפֿעלקערונג איז אָנגעגאַנגען נישט קיין קאַמף, נאָר אַ מין קולטור־קאָנקורענץ. די קאַטוילישע וועלט איז אַ מייסטער־ווערק פֿון אַן אָרגאַניזירטער געזעלשאַפֿט בפֿרט אין אַזאַ ווייטן פּרימיטיוון און אָפּגעשטאַנענעם לאַנד, ווי קאַנאַדע איז געווען מיט פֿופֿציק יאָר צוריק. די ענגלענדער האָבן זיך דאָ נישט אויפֿגעפֿירט ווי אין אַ קאָלאָניע. זיי האָבן

געוווסט אַז די אַלטע אימפּעריע גייט באַלד דורכמאַכן אַ פּראָצעס, בשעת וועלכע מען דאַרף זוכן און געפינען נייע פאָרמען פון צוזאַמענלעבן מיט אַנדערע פעלקער. און די צוויי פאַרשידענע פעלקער לעבן גוט און פרידלעך צוזאַמען, היטן אָפּ צוזאַמען די אומאָפּהענגיקייט פון זייער לאַנד — אי פון ענגלאַנד, אי פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַ גרויסע אויפגאַבע איז דאָ געשטאַנען פאַרן יידישן כלל. יידן האָבן זיך גוט איינגעאָרדנט עקאָנאָמיש, דאָס נייע לאַנד האָט געגעבן יעדן איינציקן אַ מעגלעכקייט צו מאַכן אַ לעבן, אָבער דאָס איז נישט געווען אַלץ, וואָס זיי האָבן געדאַרפט האָבן. מען האָט זיך געדאַרפט גוט באַזעצן אין לאַנד, זיך אָרגאַניזירן, באַקומען אַ פּנים פון אַ קולטור־ישוב, באַווייזן וואָס יידן זענען און וואָס יידן קענען שאַפן ווען מען לאָזט זיי. מען האָט געדאַרפט האָבן פירערס מיט וויזיע און מיט פאַרנעם — דאָס האָט געהאַט קייזערמאַן.

אַ מאַן אָן אַקאַדעמישער בילדונג האָט ער פאַנאַטיש ליב געהאַט ביכער און געלייענט אָן אַ שיעור. ער האָט נישט געקענט שרייבן אָבער ער האָט געהאַלטן אין איין שרייבן און מען האָט שטענדיק געפונען אינהאַלט אין זיין שרייבעריי. ער איז געווען אַ מאַסן־רעדנער און עס איז געווען אינטערעסאַנט אים הערן ריידן, ווייל אַ צאַפּלדיק הארץ האָט גערעדט וועגן יידישע פּראָבלעמען און יעדעס וואָרט איז געווען געפילט און געמיינט. עס האָט געצאַפּלט און געשפּרודלט פון אים.

זיין צענטראַלע אידעע איז געווען צו אָרגאַניזירן די צעוואָרפענע יידישע ישובים אין לאַנד אין איין יידישן צענטער און די אידעע האָט ער פאַרווירקלעכט דורך עקשנותדיקער אַרבעט אין משך פון צענדליקער יאָרן. דער הייניטיקער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס, אַ מוסטערהאַפטע יידישע רעפּרעזענטאַטיווע אינסטיטוציע, איז זיין ווערק.

נאַטירלעך איז ער געווען נישט איינער אַליין. ראובן ברייניןאון חיים זשיטלאָווסקי און אַ סך אַנדערע פירנדע יידישע גייסטער האָבן בייגעטראָגן געניג צו דער אָרגאַניזירונג פון דעם קאַנאַדער ישוב. נישט גלאַט איז די אַרבעט געגאַנגען און נישט ווייניק האָט

ווען דער פֿירנדער גייסט, די עקזעקוטיווע קראַפֿט, דער ציל־באַוווס־
מען געהאַט צו קעמפֿן מיט מענטשן וואָס קומען שטענדיק אויף
גרייטן און זעצן זיך אויבן אָן ביים טיש. אָבער קייזערמאַן איז גע־
ווען דער פֿירנדער גייסט, די עקזעקוטיווע קראַפֿט, דער ציל־באַוווס־
טער פֿירער.

אַ פֿאַנאַטישער פּועלי ציון און אַ לאָיאַלער, דיסציפּלינירטער
מיטגליד פֿון זיין פּאַרטיי איז ער פֿאַר מיר געווען אַ איבערגעגעבע-
נער טייערער פֿריינט, ווייסנדיק אַז איך בין אַ שאַרפֿער קעגנער פֿון
זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען. ער האָט גוט געקענט אַלע שוועריי־
קייטן פֿון מיין אַרבעט אין קאַנאַדע און אַלע פּיינלעכע שטערונ־
גען וואָס איך האָב געהאַט אויסצושטיין פֿון די גדולי העיר, פֿון
די אויפֿגעקומענע געלט־מענטשן און זייערע נאָכלויפֿערס. ער איז
געווען באַגייסטערט פֿון דעם וואָס איך בין געוואָרן אַ פֿעסטער מיט-
אַרבעטער אין דער פּראָמינענטער ענגלישער צייטונג „מאָנטרעאַל
גאַזעט” און ער האָט גענומען דעם גרעסטן אינטערעס אין מיין ענג־
לישן „קאַנאַדער יידישן יאָר־בוך”.

אין אַן עלטער פֿון אַכט און זעכציק יאָר, פֿאַרברויכט ווי אַן
אויסגעברענטער ווולקאַן, אויסגעמאַטערט פֿון אַרבעט און נאָך מער
פֿון מענטשלעכע אומדאַנקבאַרקייט, דערנידעריקט, אָבער גליקלעך
מיט די רעזולטאַטן פֿון זיין מי און אויפֿבוי, איז ער פּלוצלונג גע־
פֿאַלן אַ טויטער. יידן האָבן דעמאָלט פֿאַרשטאַנען וועמען זיי האָבן
געהאַט און וועמען זיי האָבן פֿאַרלוירן...

איז נישט דאָס גרעסטע און העכסטע גליק אין לעבן צו קענען
זיין אומאָפּהענגיק, צו קענען גיין זיין אייגענעם וועג און רעכנען זיך
נאָר מיט זיין אייגענעם געוויסן, נישט זיין געבונדן און געפּענטעט,
נישט זיין געצוווּנגען צו דינען אַ פּאַרטיי אָדער אַ קליקע, נישט
בויגן זיך נישט פֿאַר ביוראָקראַטיע פֿון כּל המינים און נישט פֿאַר
גוויראָקראַטיע ?

אָבער פֿאַר אומאָפּהענגיקייט קומט אויס אָפֿט צו צאָלן אַ טייי־
ערן פּרייז — בפֿרט ווען מען איז אַן עקשן און מען איז גרייט צו
קעמפֿן ביז צום סוף. די יאָרן וועלכע איך האָב געלעבט אין געאַר־
בעט אין קאַנאַדע האָבן מיר געגעבן אַ לעקציע, וואָס איך וועל לאַנג־

געדענקען, נישט זייענדיק אפילו פארביטערט. און אלטער פארמער האט מיר אמאל געזאגט: די גאנצע וועלט איז געגליכן צו א פארם: עס מוזן דא זיין הינט און ווערים און אלערליי שרצים און עס איז נאריש צו דערוואַרטן עפעס אנדערש. דאס זענען גאָלדענע ווערטער..

פון 1936 האב איך באקומען דעם אויפטראג פון דעם וועלט־פארבאנד „ארט" צו שאפן אן „ארט" ארגאניזאציע אין קאנאדע און צו דעם צוועק גרינדן אן „ארט" קאמיטעט אין מאנטרעאל. איך בין געקומען דענסטמאל אין באריִרונג מיט דעם פאפולערן מיטגליד פון דעם פעדעראלן פארלאמענט ס. וו. דזשייקאבס, דער איינציקער יידישער מיטגליד פון פארלאמענט, א קלוגער, געבילדע־טער, איינער פון די וויניקע אלטע תושבים וואס האבן זיך נישט באצויגן צו די מזרח־אייראפעאישע יידן מיט ביטול. עס האט זיך אנגעהויבן א קאפיטל פון „ארט"־ארבעט וועלכע האט זיך נישט גע־קענט א ריר טאן פון ארט ווייל איך האב נישט געוואלט האבן צו טאן מיט די אויפגעקומענע כבוד-זוכערס און גבירים וועלכע פלעגן פארכאפן אלע געזעלשאפטלעכע פאזיציעס, בשעת איך האב געוואלט גיין מיט די וועגן פון יידישער געזעלשאפטלעכער ארבעט אין אלטן רוסלאנד. עס איז א קאפיטל וועלכע געהערט אייגנטלעך צו דער געשיכטע פון „ארט". פערזענלעכע אמביציעס פון א לאקאלן כא־ראקטער האבן געפירט צו א שווערן קאמף וועלכער האט מיר פאר־שאפט געגנוג עגמת נפש, ווייל נישט איך האב געהערט צו וועלכער עס איז פארטיי, וועלכע וואלט מיך געשיצט און נישט איך בין געווען פארבונדן מיט וועלכער עס איז קליקע. דאס אייגענע קאן איך זאגן וועגן די געציילטע פריינט, וועלכע האבן געשטיצט מיין ארבעט. עס איז געווען א פארשפילטער שפיל...

א גרויסע גייסטיקע באפרידיקונג האט מיר פארשאפן מיין זשור־נאליסטישע און שריפטשטעלערישע ארבעט אין דער ענגלישער צייט־טונג „מאנטרעאל גאזעט", ווו איך פלעג צייטנווייז דרוקן צוויי דריי ארטיקלען א וואך, געווידמעט לויפנדע אינטערנאציאנאלע פאליטי־שע פראבלעמען, און אין דעם בארימטן ענגלישן פארלאג מאקמיליאן אין טאראנטא, וועלכער האט ארויסגעגעבן אין 1944 מיין בוך „פאנגערמאנישער שפינגעוועב" („פאן זשערמאניק וועב"), א בוך

וועלכעס איז אויפגענומען געוואָרן זייער גוט אי אין קאַנאַדע אי אין ענגלאַנד. דאָס בוך האָט וויסנשאַפטלעך באַהאַנדלט דאָס איינענע פּראָבלעם וואָס איך האָב אויספירלעך זשורנאַליסטיש באַהאַנדלט מיט 40 יאָר צוריק אין מיין ערשטן רוסישן אַרטיקל אין אַ גרויסער צייטונג אין כאַרקאָוו, רוסלאַנד, אונטער דעם טיטל „בעבעל און בילאָוו”; די דייטשע עקספּאַנסיע אויפן חשבון פון דייטשלאַנדס שכנים.

די דאָזיקע ליטעראַרישע אַרבעט האָט גאַנץ אומדערוואַרטעט געפירט דערצו, אַז איך בין געוואָרן באַערט מיט אַן אָרדן פון דער דענישער רעגירונג, און וואָס פאַר אַ אָרדן: „קעניג כריסטיאַנ׳ס פרייהייטס־מעדאַל”, אַ וויכטיקע אויסצייכנונג וואָס דענעמאַרק האָט אויסגעטיילט נאָך דער באַפרייאונג פון דער דייטשער אָקופּאַציע. אין מיינע אַרטיקלען, ווי אויך אין מיין בוך, האָב איך אויספירלעך דערציילט וועגן דער פרייסיש דענישער מלחמה פון 1864, וועגן דער דייטשער רויבער־פּאָליטיק פון ביסמאַרק׳ס צייטן אָן. דערביי האָב איך פּובליצירט אויך וויכטיקע געהיימע דאָקומענטן וועלכע זענען פריער קיינמאָל נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. מיט דריי יאָר שפּעטער, זייענדיק צופעליק אין קאָפּענהאַגן אויפן וועג קיין שטאָסהאָלם, האָב איך זיך דערוווסט, אַז דאָס דענישע אויסערן־מיניסטעריום „זוכט מיך אַרום”. איך בין געוועזן נערוועז: וואָס עפּעס ״זוכט מען מיך”? פאַרוואָס? ווען איך האָב זיך אַליין געמאָלדן האָב איך באַקומען דעם אָרדן...

די אַרבעט מיט די ענגלענדער אין קאַנאַדע, די אַרבעט אין דער צייטונג, די פאַרבינדונג מיט דעם פאַרלאַג, דער קאָנטאַקט מיט דער רעגירונג צוליב דער גרויסער „אָרט”־שולע וואָס איך האָב געבויט אין מאָנטרעאַל, דאָס אַרויסגעבן די דריי גרויסע בענדער אויף ענגליש „דאָס קאַנאַדער יידישע יאָרבוך” און ריין פּערזענלעכע גוטע באַציאונגען מיט נישט־יידישע קרייזן — אַלץ זאַכן פון וועלכע אונזערע אייגענע אויפגעקומענע קהל׳שע קליאַמקעס זענען נישט געוועזן זייער באַגייסטערט — האָבן מיך נאָך אַמאָל איבערצייגט אין דעם, וואָס איך האָב גוט געוווסט שוין פון לאַנג אָן, פון מיין אַרבעט אין רוסלאַנד, אין סקאַנדינאַוויע, אין פראַנקרייך, ווי וויכטיס

עס איז פאַר אונזערע אייגענע אינטערעסן, פאַר ריין יידישע אינ־טערעסן, אַז מיר זאָלן זיך נישט איזאָלירן, אַז מיר זאָלן זיין ענג פֿאַרבונדן מיט דער נישט יידישער געזעלשאַפט און דערביי אָפּ־היטן דאָס יידישע פּנים און זיין דאָס וואָס מיר זענען, נישט ערגער און נישט בעסער. דאָס איז דער איינציקער און דאָס איז דער בעס־טער וועג צו פירן אַ קאַמף קעגן יידנפיינטלעכע טענדענצן אין נישט יידישע קרייזן.

דאָס איז דרך אַגב אויך די איינשטעלונג ביי די נישט־יידישע קרייזן וועלכע זענען פאַראינטערעסירט אין אַ גוטן און נאָרמאַלן צוזאַמענלעבן צווישן יידן און נישט יידן.

***

דער יידישער ישוב אין קאַנאַדע איז שטאַרק געוואַקסן אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק קורצער צייט. ער דערף היינט זיין גרויס אַ צוויי הונדערט טויזנט נפשות אויף אַן אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג פון אַן ערך פופצן מיליאָן. דאָס טעמפּאָ פֿון דעם וואַקסן פֿון דער יידישער באַפעלקערונג קען מען זען פון דעם ווי אַזוי די גרעסטע שטאָט פֿונם לאַנד, מאָנטרעאַל, איז אויסגעוואַקסן אין פאַרלויף פון פופציק יאָר. אין 1901 האָט מאָנטרעאַל געהאַט אַ באַפעלקערונג פון 341,329 און יידן האָבן דאָ אויסגעמאַכט אינגאַנצן 6,975 נפ־שות אָדער 2,04 פּראָצענט. אין 1921 איז די באַפעלקערונג געווען גרויס 736,259 און די צאָל יידן 45,846 אָדער 6,22 פּראָצ. אין 1951 איז די באַפעלקערונג געווען גרויס 1,395,400 און די צאָל יידן 80,829 אָדער 5,79 פּראָצ. דאָס הייסט, אַז בשעת די אַלגע־מיינע באַפעלקערונג פֿון מאָנטרעאַל, אריינגערעכנט פראַנצויזן, ענג־לענדער, איטאַליענער, פּאָליאַקן, אוקראַינער, דייטשן, סקאַנדינאַוון א. א. וו., האָט זיך פאַרגרעסערט פיר מאָל האָט זיך די יידישע באַ־פעלקערונג פאַרגרעסערט ס'רוב אַ דאַנק דער איינוואַנדערונג עלף מאָל; פון קנאַפּע זיבן טויזנט ביז אַכציק טויזנט.

די תושבים פֿונם לאַנד, סיי די פֿראַנצויזן וועלכע מאַכן אויס מער ווי צוויי דריטל פון דער באַפֿעלקערונג פון מאָנטרעאַל, סיי די ענגלענדער, האָבן ארויסגעוויזן אַ פריינטשאַפטלעכע באַצי־אונג צו יידן, אַ נייער דירעוודיקער, ענערגישער עלעמענט אין לאַנד,

אַ געזונטע באַפעלקערונג אָן לייִדיקגייערס, שיכורים און פאַרברעכערס מיט אַ דראַנג צו בילדונג און צו אַ העכערן לעבנס־שטאַנדאַרט, געטריי און איבערגעגעבן די אינטערעסן פון לאַנד, מיט אַן אויסער־געוויינלעכער פעאיקייט פֿון צופּאַסן זיך צו די נייַע באַדינגונגען אין דעם נייַעם לאַנד. אין אַ גאַנץ קורצער צייַט איז דאָ אויפגעקומען אַ באַדייַטנדע צאָל פון גרויסע אונטערנעמערס אין אַלערליי בראַנזשן נישט רעדנדיק שוין פון דער גרויסער קאָנפֿעקציע־אינדוסטרי וועלכע יידן האָבן דאָ געשאַפן און אַנטוויקלט, די פעלץ־אינדוסטרי א. א. וו. יידן האָבן שוין געגעבן אַ באַדייַטנדע צאָל פון ערשטקלאַ־סיקע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און קינסטלער, יידן זענען געוואָרן אַ וויכטיקער קולטור-עלעמענט אין דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג פֿון לאַנד, — זייערע גרויסאַרטיקע שפּיטאָלן, זייערע מוסטערהאַפטע שולן און ביבליאָטעקן פאַרנעמען אַ חשובן פּלאַץ. אויב עס וואָלטן נויטיק געווען נייַע באַווייַזן, אַז דער שטראָם פון יידישער אויסוואַנ־דערונג פון אייראָפּע האָט געטראָגן מיט זיך אונזערע בעסטע און מוטיקסטע מענטשן, גוט און נוצלעך פאַר יעדן לאַנד, אַ ים מיט שעפערישע כוחות, האָט די יידישע איינוואַנדערונג קיין קאַנאַדע דאָס באַוויזן אין אַ פולער מאָס. יידן פון ליטע און רומעניע, יידן פון פוילן און רוסלאַנד האָבן געבויט און האַלטן אין בויען אַ גע־זונטן און שטאַרקן יידישן ישוב.

ווידער האָט די יידישע איינוואַנדערונג קיין קאַנאַדע באַוויזן, אַז די סכנה פֿון אַסימילאַציע איז מער אַ געשפּענסט ווי אַ רעאַלי־טעט. נישט נאָר דערפאַר ווייל אַסימילאַציע איז שטענדיק ווי אַ שידוך, צו וועלכן מען דאַרף האָבן דעם גוטן ווילן פון ביידע צדדים, און נישט די פראַנצויזישע תושבים און נישט ענגלישע בעל הבתים פון לאַנד האָבן אַ גרויסן חשק זיך משדך צו זיין מיט אַ גאַנץ פרעמדן ראַסן־עלעמענט, נאָר אויך יידן אַלס אַ מאַסע האָבן נישט קיין חשק, און אוודאי נישט קיין דראַנג, צו פאַרלירן זייער אייגענעם פנים, אויפגעבן זייער ראַסן-ריינקייט און זייער אייגענע קולטור. פאַרקערט, וואָס ווייניקער יידן וועלן זיך איזאָלירן, וואָס מער זיי וועלן אויפֿטרעטן אַלס יידן און אויפהערן צו שרעקן זיך פאַר דעם געשפּענסט, אַלץ חשוב'ער וועט זיין זייער שטעלונג צווישן די נישט־

יידן. עס איז נישט קיין צופאל, וואס דער ערשטער ייד וואס איז באערט געווארן פון דעם מעק־גיל אוניווערסיטעט מיטן טיטל דאק-טאר האנארים קאוזא איז א רבי, דר. ה. שטערן. דער אנפירער פון דעם טעמפל אמנו־על, איינע פון די וויכטיקסטע רעליגיעזע גע-מיינדעס אין מאנטרעאל.

עס איז גוט וואס דער יידישער ישוב אין קאנאדע וואקסט נישט צו שטארק. קאנאדע איז נישט קיין „מעלטינג־פאט״, נישט קיין קעסל אין וועלכער א ריזעדיקע מענטשן־מאסע ווערט צושמאלצן, געקאכט און איבערגעקאכט ביז עס ווערט דערפון ארויסקומען עפעס רעכטס. עס איז א לאנד, וואס נעמט אויף מענטשן, לאזט זיי צו־פאסן זיך און ארייננפאסן זיך אין די ספעציעלע אומשטענדן און באדינגונגען און זיך איינבירגערן ווי עס דארף צו זיין.

דער יידישער ישוב אין קאנאדע האט פאר זיך א גרויסע צוקונפט.

פוילן איז פארלוירן

קיין לאַנד אין דער וועלט האָט מיך נישט צוגעצויגן צו זיך אַזוי שטאַרק ווי פוילן, אין קיין שום לאַנד האָב איך נישט געזעען יידן אַזוי גוט אויסלעבן זיך ווי אין פוילן, אַרויסווייזן אַזוי פיל אייגענע איניציאַטיוו און פּראָדוצירן אַזוי פיל שאַפונגס־קראַפט.

אויב עס איז ריכטיק, ־ אַזוי האָב איך שטענדיק געטראַכט אַרומ־פאָרנדיק איבער פוילן, — אַז די פּוילישע יידן זענען דורכגעזאַפּט מיט דיין פּוילישער קולטור און טראָגן אין זיך דעם פּוילישן עלע־מענט שטאַרקער ווי יידן טוען דאָס אין וועלכן עס איז אַנדערן לאַנד, מוז אָבער אויך ריכטיק זיין, אַז פּאָלאַקן זענען שטאַרק באַאיינ־פלוסט פון יידן און יידישקייט, אַז אין דער פּוילישער קולטור און אין פּוילישן שטייגער זענען אַריינגעדרונגען אַ היבש ביסל יידישע עלעמענטן.

דאָס איז דאָך נישט קיין וווּנדער — האָב איך ווייטער ביי מיר געטראַכט — ווען מען דערמאָנט זיך, אַז יידן לעבן אין פוילן אַן ערך אַכט הונדערט יאָר, אַז יידן האָבן דאָ געהאַט אַן אייגענע קאָנ־סטיטוציע מיט אַ פולשטענדיקער קולטור־אויטאָנאָמיע, האָבן געאַר־בעט און צוזאַמענגעלעבט זיך מיטן פּוילישן פאָלק און ליב געהאַט די ערד פון פוילן, אירע וועלדער און אירע פעלדער. עס איז נישט קיין פוסטע פראַזע ביים פּוילישן נאַציאָנאַלן דיכטער מיצקעוויטש, ווען ער רעדט וועגן דעם געמיינשאַפטלעכן כאַראַקטער פון דער פּויל־ישער און יידישער געשיכטע וואָס אַנבאַלאַנגט שווערע ליידן, ליידן אָן אַ סוף. דער פּוילישער גדלות און דאָס יידישע אתה בחרתנו זענען ביידע אַ פּראָדוקט פון די אומענדלעכע ליידן. און אַזוי איז אויך מיט

דעם שטאָלצן און אַבסאָלוט באַדנלאָזן בטחון אין א גאָלדענער צו־קונפֿט. עס איז געווען די ערשטע טיילונג פון פוילן, די צווייטע, די דריטע, ס'איז שוין נישטאָ וואָס צו טיילן, אָבער זיי מיינען נאָך אַלץ, אַז פוילן איז נישט פאַרלוירן...

דער גרעסטער קענער פון דער פוילישער העראַלדיק ד.ה. די גע־שיכטע פון די גרויסע פוילישע יחוס־פאַמיליעס איז געווען דער יידישער פּראָפעסאָר אשכנזי. איך האָב געליינט און איבערגעליינט זיין מאָנומענטאַלע מאָנאָגראַפיע וועגן דעם פירשט יוזעף פּאָניאַ־טאָווסקי, איינער פון נאַפּאָלעאָנ'ס באַליבטע מאַרשאַלן, וועלכער איז אומגעקומען ביי דער שלאַכט ביי לייפּציג. זיין נאָמען רופט אַרויס דאָס הארץ־קלאַפּן ביי יעדן פּאָלאַק, צו וועלכן קלאַס ער זאָל נישט געהערן. מיט דעם נאָמען פון יוזעף פּאָניאַטאָווסקי, ווי אויך מיט דעם נאָמען פון נאַפּאָלעאָן איז פאַרבונדן איינע פֿון די גרעסטע נאַציאָ־נאַלע קאַטאַסטראָפעס אין דער געשיכטע פון פוילן. אשכנזי'ס ווערק איז נישט סתם אַן אויספירלעכע געשיכטלעכע פּאָרטרעט־שטודיע, נאָר אויך אַ וויסנשאַפטלעכע געשיכטלעכע אַנאַליזע.די אַרבעט איז דורכגענומען מיט אַ טיפן געפיל פון פּאַטריאָטיזם און ליבע צו פוילן. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט דעם מחבר אַלס איינעם וואָס איז אויס־געוואַקסן אין אַ פוילישער סביבה, מער פון דעם, אין אַ פוילישער היים, צווישן פּאָלאַקן.

איינמאָל, ווינטער 1914, בשעת די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך גענומען פונאַנדערפֿלאַקערן האָט מיר י. ל. פּרץ פאָרגעשלאָגן צו גיין מיט אים פּריוואַטיק צו נאַכט צו זייגעם א פֿריינד פאַרבריינ־גען אַן אָוונט.

— איר וועט טרעפן אַ שיינעם, אַ אינטערעסאַנטן יידן, אַ פּוי־לישן יידן.

יאָ, דאָס איז געווען א שיינער, ברייטער בעל־הבתישער פּויל־שער ייד, דאָס איז געווען דער פּאָטער פון פּראָפעסאָר אשכנזי, אַן אַלטער און נאָענטער פֿריינד פון אונזער דיכטער. אין די גרויסע צי־מערן איז געשטאַנען ברייטע, טייערע מעבל, אַלט־מאָדיש, אַלט־יידיש־בעל־הבתישע ספרים, זילבערנער שמוק. מען האָט גערעדט יידיש, נאַ־טירלעך, און מען האָט גערעדט וועגן יידישע ענינים, נאַטירלעך.

אָבער דער סטיל איז געווען יידיש־פּויליש, איך וואָלט געזאָגט יידיש־אַלט־פּויליש.

אין אָט דער סביבה האָט געבליט דער אינטערעס צו פּוילישער העראַלדיק...

אין אָפּאַטאָשו'ס „פּוילישע וועלדער" שפּירט מען נישט נאָר די סביבה פון דעם פּוילישן רייכן יידישן אַרענדאַר, נישט נאָר דעם גייסט פון דעם פּוילישן חסידישן היים, נאָר אויך די סביבה און דעם גייסט פון ריין פּוילישע פאָלקס־קרייזן, זייער אייגנאַרטיקע נשמה, זייער ווייט נישט קיין יידישן געדאַנקען־גאַנג. צוויי פאַרשידענע ראַסן־עלעמענטן און פאָרט פאַרבונדן, געבונדן איינער מיטן אַנדערן, כמעט אוממעגלעך אָפּצוּרייסן זיך איינער פון דעם אַנדערן.

***

אין פּעטערסבורג, אין דער דומע, איז די פּוילישע פראַקציע, די „קאָלאָ פּאָלסקע", באַשטאַנען אינגאַנצן פון א פּוּפּצן אָדער פּערצן מאַן. זיי האָבן נישט געהאַט צווישן זיך קיין איינציקן באַדייטנדיקן פּאָליטיקער. עס טרעפט אַזוי. אָט האָבן רוסישע יידן מיט אַזוי פיל טאַלענטירטע פּאָליטיקער און רעדנער געהאַט נאָר דריי דעפּוטאַטן און קיינער פון זיי האָט נישט געקענט האַלטן קיין רעדע אָדער זאָגן סתם א פּאָר ווערטער וואָס זאָלן ציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט. אָבער דערפאַר האָבן די פּאָלאַקן דעמאָנסטרירט זייער ספּעציעלע פּאָזיציע דערמיט וואָס זיי האָבן מיט קיינעם נישט געהאַט צו טאָן, מיט קיינעם נישט גערעדט. אין דעם גרויסן און אייביק שטורמישן ים פון דעם רוסישן פּאַרלאַמענט, אַן ערך זעקס הונדערט דעפּוטאַטן, איז די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע פון שווייגן און איזאָלירונג געווען נישט נאָר אַ קאָמישע און אומבאַדייטנדע דערשיינונג, נאָר פּשוט אַ נאַרישקייט. צוויי דריטל פון דער דומע איז באַשטאַנען פון באַמעס, גלחים, נישטיקע באַשעפּענישן אויסגעקליבן מיט דער הילף פון דער אַדמיניסטראַציע. פאַר זיי איז יאָ־פּוילן אָדער נישט־פּוילן בכלל גאַרנישט, קיין שום פּראָבלעם. זיי האָבן אַוודאי קיין אַכט נישט געלייגט אויף דער קליינער גרופּע מענטשן וואָס פלעגן אַרומשפּאַצירן איבער די קולוארן, די הענט פאַרלייגט אין די קעשענעס. אַנגעבלאָזן ווי די אינדיקעס. און אַמווייניקסטן האָבן די דאָזיקע מערקווירדיקע

דעמאָנסטראַנטן געוואָלט עפּעס האָבן צו טאָן מיט די קאַדעטן, די רוסישע ליבעראַלן, די איינציקע אויפריכטיקע פריינד פון פּוילן. די רוסישע ליבעראַלן האָבן זיך הויפּטזעכלעך פאַרזינדיקט ביי דעם „קאָלאָ" דערמיט וואָס זיי האָבן שטענדיק מאַניפעסטירט זייער פריינדשאַפט צו יידן, שטענדיק און ביי יעדער געלעגנהייט פּראָטעסטירט קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם פון דער רעגירונג. דאָס האָט מען נישט געקאָנט מוחל זיין די רוסן. מיט אַזעלכע רוסן קען מען נישט און מען טאָר נישט האָבן עפּעס צו טאָן אפילו אויב זיי זענען געטרייע פריינד פון פּוילן...

זייענדיק דער פּעטערסבורגער קאָרעספּאָנדענט פונם וואַרשעווער „היינט" פלעג איך אמאָל ריידן מיט די אָנגעבלאָזענע הערן, אָבער עס איז נישט געווען מיט וועמען צו ריידן און וועגן וואָס צו ריידן. איך האָב געזעען אַז איך שטויס זיך אָן אין אַ אידיאָטסקער מענטאַליטעט, וואָס קיין שום אַרגומענט, קיין שום לאָגיק קאָן נישט באַוועגן צו מאַכן אויף אַ מינוט דעם פּאַרזוך צו פאַרשטיין דעם שטאַנדפּונקט פון אַן אַנדערן מענטשן.

דאָס איז געווען די רוסיש־פּויליש־יידישע לאַגע בשעת אין יאָר 1912 האָבן געזאָלט פּאָרקומען די וואַלן צו דער פערטער — און דער לעצטער — דומע. אין די דאָזיקע וואַלן איז מיר אויך צוגעטיילט געוואָרן אַ קליינע, אָבער אינטערעסאַנטע זשורנאַליסטישע ראָלע.

די וואַרשעווער יידישע צייטונגען האָבן געפירט אַ געוואַלדיק שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער באַטייליקונג פון די יידישע וויילער אין די וואַלן. מען האָט געדאַרפט אויסקלייבן וואַל־מענער וועלכע וועלן פון זיך אויסקלייבן דעם דעפּוטאַט פון דער שטאָט וואַרשע. די פּוילישע פּרעסע האָט געוווסט אַז יידן קענען באַקומען אַ מערהייט פון די וואַל־מענער און מען האָט דעריבער אַפּעלירט צו דער פּוילישער באַפעלקערונג צו גיין צו די וואַלן.

איך האָב באַקומען דעם אויפטראַג צו מאַכן אינטערוויוס מיט די באַרימטעסטע רוסישע פּאָליטיקער וועגן יידיש־פּוילישע באַציונגען. איך האָב צוערשט באַזוכט דעם אַלטן פירער פון דער קאַדעטן־פּאַרטיי פּעטרונקעוויטש, וועמענס וואָרט האָט באַדייטעט זייער פיל

נישט נאָר אין רוסלאַנד גופא, נאָר אויך אין פּוילן. נאָך דעם האָב איך באַקומען פּערזענלעכע דערקלערונגען פון מיליוקאָוו, ראָדי־טשעוו, ווינאַווער. די אינטערוויוס האָבן ארויסגערופן אין וואַרשע אַן אמת'ע מהומה אין פּוילישע קרייזן, ווי באַלד עס איז געדרוקט געוואָרן דאָס אינטערוויו מיט פּעטרונקעוויטש, זייער אַ שאַרפע דערקלערונג וועגן דעם מיטלאַלטער וואָס די פּוילישע פּאָליטיקער ווילן זיך איינראָבן אין אים און פאַרגעסן, אַז מיר לעבן היינט אין אַנדערע צייטן — איז פון מאָסקווע אַריבערגעקומען קיין פּעטערס־בורג לעדניצקי, דער באַרימטער פּוילישער אַדוואָקאַט און אַליין אַ ווינטיקער מיטגליד אין דער פירערשאַפט פון דער רוסישער קאַדעטן־פּאַרטיי. ער און אַנדערע האָבן פּאַרזוכט צו דעזאַוואוירן די גע־דרוקטע געשפּרעכן וואָס איך האָב געהאַט מיט די רוסישע פּאָלי־טיקער. מען האָט געקערט וועלטן. די פּוילישע עפנטלעכע מיינונג איז געווען אַזוי איפּגעהעצט, אַז דער פּוילישער צד האָט נישט גע־וואָלט וויסן פון קיין שום קאָמפּראָמיסן. וועגן וואָס־זשע איז אָנגע־גאַנגען די דעבאַטע: יידן האָבן פאַרלאַנגט אַ דערקלערונג פון די פּוילישע קאַנדידאַטן — דאָ רעדט זיך נאַטירלעך וועגן די בירגער־לעכע קאַנדידאַטן, — אַז פּוילישע יידן זענען פול־ און גלייכבערעכ־טיקטע בירגער פון פּוילן. ניין, אַזאַ דערקלערונג האָבן זיי נישט גע־וואָלט אָפּגעבן...

עס איז געקומען דער טאָג פון די וואַלן. איך בין געקומען פון פּעטערסבורג קיין וואַרשע כדי צו זען וואָס דאָ וועט זיך אָפּשפּילן. עס האָט געלוינט צו קומען. פון פרימאָרגן האָבן זיך יידן געלאָזט גיין צו די וואַל־לאָקאַלן. יידן זענען געגאַנגען מאַסנהאַפט צו די וואַלן. סוחרים, הענטלער־שטופּערס, יידן מיט פּעקלעך אין די הענט און אָן פּעקלעך, אַרבעטער, יידן פון אַלע קלאַסן האָבן פאַרפּלייצט די גאַסן. עס איז געווען קלאָר, אַז יידן וועלן געווינען די וואַלן. און יידן האָבן טאַקע באַקומען די מערהייט פון וואַל־מענער. איצט האָבן זיי אין זייערע הענט די מאַכט און אויב זיי ווילן קענען זיי שיקן אַ ייד ער זאָל רעפּרעזענטירן די הויפּט־שטאָט פון פּוילן אינעם רוסישן פּאַר־לאַמענט. דורך אַגב, צווישן די אויסגעקליבענע יידישע וואַל־מענער איז געווען אויך י. ל. פּרץ.

און איצט האָט זיך אָפּגעשפּילט דער לעצטער אַקט פון דער דראַמע — וואָרום דאָס איז געווען אַ שווערע דראַמע, נישט נאָר אַ פּיינלעכע קאָמעדיע. דער בלאָק פון די יידישע וואַל־מענער האָט באַשלאָסן צו שאַנעווען די איבערגעשפּאַנטע נאַציאָנאַלע סענטימענטן פון די פּאָלאַקן און נישט שיקן אין דער דומע אַ ייד. מען האָט באַשלאָסן צו געפינען צווישן די פּוילישע וואַל־מענער איינעם וואָס וועט דאַרפן נאָר אָפּגעבן אַ דערקלערונג וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די פּוילישע יידן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פּרינציפּ. און אַזאַ איינעם האָט מען נישט געקענט געפינען צווישן די בירגערלעכע פּוילישע וואַל־מענער. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי די פּוילישע וואַל־מענער זענען געפאַלן אַ קרבן פון אַ מאַסן־עפּידעמיע פון בלינדקייט און געוויסנלאָזיקייט. קיין שום רייד און קיין שום אַרגומענטן האָבן נישט געהאָלפן. די וועלט האָט געהאַלטן ביי די גרויסע מלחמות, וואָס זענען געווען אַ גרויסע געפאַר פריער פון אַלץ פאַר פוילן, ביי סאָציאַלע איבערקערענישן — זיי, די פאַרטרעטער פון דעם בירגערלעכן פוילן, אין קאַמף פאַר אַ פרייען פוילן, האָבן בשום אופן נישט געוואָלט אַנערקענען דעם פּרינציפּ פון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג.

דענסטמאָל האָבן די יידישע בירגערלעכע וואַל־מענער באַשלאָסן צו שטימען פאַר דעם פּוילישן סאָציאַליסט יאַגעלאָ. עס וואָלט אויסגעזען אונטער אַנדערע אומשטענדן פּאַראַדאָקסאַל, פּשוט לעכערלעך, אַזוי איז עס געווען נישט לאָגיש. אָבער פאַר די פּוילישע סאָציאַליסטן האָט דאָך גאָרנישט געקענט זיין קיין פּראָבלעם דער פּרינציפּ פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. יאַגעלאָ איז אויסגעקליבן געוואָרן מיט יידישע שטימען צו רעפּרעזענטירן אין רוסישן פּאַרלאַמענט די הויפּט־שטאָט פון פוילן. ער איז געווען אַ באַשיידענער פּוילישער אַרבעטער, נישט קיין באַדייטנדע פּערזענלעכקייט, נישט קיין גרויסער פּאָליטיקער און נישט קיין גרויסער רעדנער — אָבער ערלעך איז ער געווען און ערלעך פאַרטיידיקט דעם כבוד פון זיין לאַנד און פאָלק.

אָבער דער פלעק אויף דעם כבוד פון פוילן איז נישט אָפּגעוואַשן געוואָרן.

דאָס באַפרייטע פוילן! באַפרייט פון דער רוסישער הערשאַפט! און ניט סתם באַפרייט, נאָר געשלאָגן די רוסישע ארמיי, שיער ניט אַריינמאַרשירט קיין קיעוו. באַפרייט פון דער רוסישער קאַטעדראַלער קירכע, אַ סימבאָל פון צאַריזם וואָס איז געשטאַנען אין צענטער פון ווארשע און וואָס איז ניט געווען אַזוי פשוט פונאַנדערצונעמען: האָט מען זי קוים אויפגעריסן מיט דינאַמיט. זינט דער ערשטער טיילונג פון פוילן האָט ניט געקענט זיין קיין אַנדער באַציאונג מצד די פּאָלאַקן צו די רוסן און צו די דייטשן. און עס וואָלט געווען שווער פאַר די פּאָלאַקן אויסצוטראַכטן אַן אַנדער „העלד" אויף צו נעמען נקמה פון רוסלאַנד ווי מאַרשאַל פּילסודסקי: אַלע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן פון אַלע פוילישע רעזשימען אין אַלע צייטן האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין דער פערזענלעכקייט פון דעם דאָזיקן דיקטאַטאָר, פון דעם דאָזיקן העלד פון קאַרטוז־בערעזע...

אָבער פון וואַנען האָט זיך גענומען ביי דעם דאָזיקן פאָלק אַזאַ מין, מילד געזאָגט, געמיינע באַציאונג צו יידן? פאַר וואָס? האָב איך זיך אָפט געפרעגט און קיין ענטפער ביז היינט ניט באַקומען. צי נישט דערפאַר, ווייל פוילישע יידן האָבן אַזוי ליב געהאַט דאָס לאַנד זיין קולטור, זיין געשיכטע? צי ניט דערפאַר ווייל פוילישע יידן האָבן אויך געהאַט גענוג פאַראַכטונג צום רוסישן קאָזאַק און צו די טרעגער פון דער קאָזאַקישער קולטור?

פריינט האָבן מיר אַ סך מאָל געראַטן צו גיין אַמאָל זען די סצענעס וואָס פלעגן זיך אָפשפּילן אויף דער גרויסער וואַרשע־ווינער סטאַנציע ביים אָוועקפאָרן פון די יידישע עולים קיין פּאַלעסטינע. בין איך סוף כל סוף געגאַנגען און האָב געזען די גאַנצע סטאַנציע באַלאַגערט פון יידן, דעם צוג איבערגעפּאַקט מיט די גליקלעכע עולים. אַ פרייד האָט געהערשט, מען האָט געזונגען, מען איז געווען גליקלעך, מען פאָרט אַוועק אויף אייביק, מען ווערט פּטור, מען רייסט זיך אַרויס פון אַ גיהנום...

עס איז אוממעגלעך, אַז יידן זאָלן זיך מער פרייען ווען משיח וועט קומען. מען קאָן גאָר ניט מער זיך פרייען. דערצו האָבן דערפירט די יידן פּאָליאַקן, פוילישע רישעות.

און ניט ווייניקער אינטערעסאַנט איז געווען אָנצוקוקן די פּאַלאַקן, וואָס זענען געשטאַנען אין אַ זייט און באַטראַכט דאָס בילד. ניט אַלע פֿון זיי האָבן געשמייכלט. געווען גענוג צווישן זיי מענטשן, ביי וועלכע די פּנימער זענען געווען ערנסט און ניט זייער צופרידן. זיי האָבן געטראַכט ביי זיך:

— וואָס פאַר אַ דראַמע! בירגער פֿון דעם לאַנד, אַ פֿאָלק וואָס האָט אָפּגעלעבט צווישן אונז הונדערטער יאָרן, צווישן אונז און מיט אונז, זיי לאָזן דאָ איבער די קברים פון זייערע עלטערן, זיי לאָזן דאָ איבער דורות און דורות. און זע נאָר, מיט וואָס פאַר אַ פרייד זיי טראָגן זיך אָפּ פון דעם לאַנד! קען פּוילן לעבן אָן יידן, אָן די פּוילישע יידן?

יאָ, איצט נאָך היטלערס שחיטות, נאָך די גאַז־קאַמערן, נאָך די מאַסן־פאַרניכטונג פֿון די פּוילישע יידן, שפּילן יענע סענטימענטן ניט קיין גרויסע ראָלע, אָבער דענסטמאָל, ווען מען האָט נאָך ניט פאָראויסגעזען, אַז עס קומען אָן שרעקלעכע צייטן, אַ סך בלוטיקערע ווי צו יענע צייטן, דענסטמאָל האָט עס יאָ געהאַט אַ סך צו זאָגן. דער דיכטער סענאַלאָוויטש האָט אפילו נאָך דער צווייטער מלחמה, נאָך דעם טרעבלינקע־און אָשוויענטשים־קאָשמאַר, דערמאָנט די אַמאָליקע אידיליע:

די וועגן פון לעבן וואו איך בין געגאַנגען —
זיי זענען געשענדעט פון גרויזאַמען מאָרד...
פאַרבלוטיקט די גראָזן, פאַרבלוטיקט די זאַנגען,
און אַלע זכרונות וואָס שטאַמען פֿון דאָרט...
ווען איך וואָלט פאַרגעסן דעם וועג פון מיין נעכטן,
וואָלט איך דאָך מיין לעבן פארגעסן געמוזט,
ווייל אָן אונזער נעכטן, אַפילו אַ שלעכטן
איז הארץ אויסגעריסן און דאָ-זיין פּוסט.
עס לויכטן די נעמען פון שטעטלעך... זאַגלעמבי,
און פּולאַוו, און זאַמאָשטש, און גרעסערע שטעט.
נאָך העלער די נעמען פון קרובים... מיין באָבע,
מיט שטאָלץ און מיט יחוס פון ריינעם געבעט...

***

עס איז אמת, די „סערטיפיקאטן־עולים" פון פוילן קיין ישראל וואלטן אויך אומגעקומען, אויב זיי וואלטן געבליבן אין דער אלטער היים. דאס איז א זיכערע זאך. אבער זיכער איז אויך, אז די גאנצע באוועגונג, „ארויס פון פוילן", און די אפענע העצע, געפירט קעגן פוילן פון געוויסע יידיש־פוילישע פאליטיקער, האבן נאך מער אונטערגעגראבן די עקזיסטענץ פון דעם פוילישן יידנטום. „פוילן האט א מיליאן יידן צו פיל" האט געשריען א מ׳שטיינס געזאגט יידישער פירער פון דער סיים־טריבונע, זיך געריצט מיט די פוילישע נאציאנאלע סענטימענטן.

מען מעג, דוכט זיך, זאגן, אז אין קיין שום אייראפעאישן לאנד האבן יידן ניט געלעבט אמאל אזוי גוט ווי אין פוילן און ניט געלעבט צולעצט אזוי שווער און ביטער ווי אין פוילן. אין קיין שום לאנד האבן יידן ניט געהאט אמאל אזא פארמעלע און אזא ברייטע געמיינדע־אויטאנאמיע ווי אין פוילן און ערגעץ ניט זענען זיי ניט אויסגעזעצט געווארן צולעצט פאר אזעלכע רדיפות ווי אין פוילן. וועגן נאציסטישן דייטשלאנד ריידן מיר ניט. היטלערס דייטשלאנד האט ניט געהערט צו אייראפע, דאס איז א קאפיטל פאר זיך.

פאר וואס זשע, פאר וואס איז עס געקומען אין פוילן צו אזא קאטאסטראפע?

פעטרונקעוויטש, דער פירער פון די רוסישע ליבעראלן און אן אויפריכטיקער פריינד פון פוילן, האט ניט מורא געהאט זיי צו זאגן, די פאלאקן, אז זייער מענטאליטעט איז געבליבן שטעקן אין מיטלאלטער און דאס איז איינע פון די סיבות פון זייער באציאונג צו יידן, דאס איז די סיבה פון א סך פון זייערע אייגענע אומגליקן. אבער דאס „ארייזאגן" זיי האט זיי נאך מער אויפגערייצט און דער ווידערשטאנד וואס יידן האבן געשטעלט דעם פוילישן אנטיסעמיטיזם האט זיי אריינגעבראכט אין אזא צארן, אז פון א פארשטענדיקונג האט שוין אונטער קיין שום אומשטענדן ניט געקענט זיין קיין רייד. איצט מאטערט זיך דאס אומגליקלעכע לאנד, — נאך דער פערטער טיילונג — אין די ברודערלעכע ארעמס פון דעם רוסישן בער. צו קיין פינפטער טיילונג וועט שוין נישט קומען פשוט דערפאר ווייל עס איז שוין ניטא וואס צו טיילן.

.4

גאַלעווקי. די דריי־ און פיר־פּאַכיקע וואַרשעווער הויפן. יידישע געשעפטן און אַ שיער און יידישע אָרימקייט אָן אַ שיער. פאַרפיייניקטע פּנימער, איינגעפאַלענע אויגן, צוהיצטע בליקן, פלאַם־און פייער־שפּריצענדע אויגן, איינגעבויגענע רוקנס מיט שווערע לאַסטן. יידן גיבן ניט אויף דעם קאַמף פאַר אַ לעבן. די „פאָלקסצייטונג", דער „היינט", דער „מאָמענט", קלענערע צייטונגען ווערן צענטרען פון אַ שטאַרקן קולטור־לעבן. מען לייענט, מען דעבאַטירט, מען ווערט פאַר־כאַפּט פון די דעבאַטן. אין דייטשלאַנד איז אַ משוגענער וואַגאַבונד אַרויף אויפן טראָן און עס הויבט זיך אָן די פינצטערע עפּאָכע אין אייראָפּעס מאָדערנער געשיכטע, אָבער וואַרשע לעבט, אָטעמט מיט היץ, נעמט אויף די צו פוס אנטלאָפענע יידן פון דייטשלאַנד. עס וואָלט געדאַרפט ווערן קלאָר, אַז דער טויט אַליין מאַרשירט אויף אונז. אָבער וואַרשע לעבט איר אייגענעם לעבן. אַזוי שטאַרק איז דער יידישער דראַנג צו לעבן און צו שאַפן און צו האָפן אויף בעסערע צייטן.

***

איך פרעג זיך: וועלן מיר זיך צוגעוווינען דערצו, אַז פּוילן איז מער ניטאָ פאַר אונז? קען מען באמת אויסמעקן פון דער גרויסער יידי־שער געשיכטע אַכט הונדערט יאָר פּוילן? קען מען לאָזן פאַרגעסן די גרויסע ירושה וואָס הונדערטער דורות האָבן געשאַפן און גע־זאַמלט און וואָס אפילו אונזערע בלוטיקסטע שונאים האָבן ניט גע־קענט פאַרניכטן?

ניין, דאָס איז ניט מעגלעך. די פּויליש-יידישע געשיכטע איז גע־וואָרן אַ אינטעגראַלער טייל פון אונזער גאַנצער געשיכטע, פון אונ־זער גאַנצן קולטור־אוצר...

אין די סקאַנדינאַווישע לענדער

עס קען קוים זיין אַ גרעסערער אונטערשיד צווישן מענטשן פון פרעמדע ראַסן ווי דער אונטערשיד צווישן די צפון־אייראָפּעאישע פעלקער און די ערשטע אין דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט אײַנגעוואַנדערטע קיין סקאַנדינאַוויע יידן. די אַ היבש ביסל אַלקאָהאָליזירטע שוועדן זענען א סך ניכטערער פון יידן, צי די יידן זענען געקומען פון דייטשלאַנד אָדער פון פוילן. די נאָרוועגער האָבן זייער ווייניק געהאַט צו טאָן מיט יידן הגם צווישן זיי איז אין דעם הײַנטיקן יאָרהונדערט, לאַנג לאַנג פאַר היטלערן, פאַרשפּרייט געוואָרן אַ מאַסע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, זענען דורך אַ פאָלק פון בערג און ימים, אײַנגאַנצן פרעמד דעם יידישן וועזן. די דענען, אַ פאָלק פון פויערים און פון זעגל־שיפן מענטשן, זענען א סך מילדער פון די ערשטע צוויי, געאָגראַפיש זענען זיי אַ קאָנטינענטאַלער און גאָר ניט קיין סקאַנדינאַווישער עלעמענט, האָבן געקאָנט בעסער און גרינגער פאַרטראָגן די לאַנגזאַמע און נוצלעכע אײַנוואַנדערונג פון דעם ביסל יידן, אָבער פאָרט צו „קריסטלעך” און צו אַנדערש כדי צו קומען מיט אַ מאָל אין אַן אמתן קאָנטאַקט מיט יידן.

וועגן נאָרוועגן, וואו די צאָל יידן איז אפילו פאַר היטלער־קווויסלינגס צײַטן געווען אַן ערך אָנדערטהאַלבן טויזנט נפשות, קען מען ניט ריידן ווי וועגן א לאַנד מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם יידישן ישוב. היטלער־קוויסלינג, דער נאָרוועגישער נאַצי־פירער האָט אומגעבראַכט איבער זיבן הונדערט יידן און הײַנט איז מסתמא ניטאָ מער ווי א הונדערט אָדער הונדערט פופציק יידישע משפחות אין אָסלאָ און טראָנדיעם. אין אָסלאָ גייען יידן יעדעס יאָר צום קבר פון דעם

גרויסן נאַרוועגישן פּאַטריאָט און דיכטער ווערגעלאַנד, וועלכער האָט אויסגעקעמפט פאַר די פּאַר יידן בירגער־רעכט לאַנג נאָך דעם ווי סרוב אייראָפּעאישע לענדער האָט געגעבן יידן פולע בירגער־רעכט, און ריכטן אָפּ דערביי אַ מין גאָטעסדינסט פאַר דעם באַפרייער, כאָטש אין דער צערעמאָניע איז ניטאָ קיין סך פון יידישער ווירדע און יידישן כבוד...

עס איז אפשר בעסער אינגאַנצן ניט צו ריידן וועגן דעם קליינעם הייפל יידן, ווי עס איז אויך בעסער ניט צו דערציילן דאָ צו פיל וועגן דער אַמאָליקער משוגענער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, געטריבן נאָך פאַר די נאַצי־צייטן פון דער נאַרוועגישער פּראָטעסטאַנטישער קירכע. מיר וועלן באַרירן דעם דאָזיקן פיינלעכן ענין אין אַן אַנדער אָרט.

אָבער אין שוועדן און דענעמאַרק איז דער „נס" יאָ געשען. ניט קוקנדיק אויף דער קליינער צאָל יידן און אויף דעם הויכן קולטור־מצב פון די לענדער זענען די ביז גאָר קליינע יידישע געמיינדעס, ישובים פון איינגעוואַנדערטע יידן, געבליבן גאַנץ, האָבן געשלאָגן טיפע וואָרצלען און זענען קולטורעל אויסגעוואַקסן ווי יידישע און דערביי זעלבסטשטענדיקע יידישע ראַסן־גרופּן מיט אַ שטאַרקן אָנשלוס אין דעם וועלט־יידנטום. דאָס זענען צוויי בכבודיקע צענטרען, דער יידיש־שוועדישער און יידיש־דענישער.

„קליינע ישובים" און „גרויסע ישובים"!

די „קליינע" ישובים האָבן אין אונזער געשיכטע געשפּילט ניט קיין קלענערע ראָלע ווי די „גרויסע". דער גרעסטער יידישער צענטער פון היינט, דאָס אַמעריקאַנער יידנטום, איז מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק געווען ביז גאָר קליין. די יידישע ישובים פון דרום־אַפריקע, פון דרום־אַמעריקע, פון אויסטראַליע זענען אַ מאָל געווען קליינע, אומבאַדייטנדע געמיינדעס און זענען היינט אַ קוואַל פון יידישער אַי־ניציאַטיוו, און ענערגיע. די גרויסע צאָל פון די בלומרשט אומבאַדייטנדע ישובים איז געווען אונזער פאַרזיכערונג פון אונטערגאַנג די וואַנדערונג — אונזער רעטונג!

מיך האָט שטאַרק אינטערעסירט דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער

צופאסונג צו פרעמדע אומשטענדן און פרעמדע קולטורן, דאָס קול־טיווירן פון יידישע טראַדיציעס און יידישן בטחון אין אַ פרעמדער סביבה, דאָס אויסהאַלטן. מיך האָט פאַרכאַפּט די אַנדערע זייט פון דעם פּראָצעס, דער יידישער בייטראַג צו פרעמדע קולטורן. גראַדע די יידישע ישובים אין דענעמאַרק און שוועדן האָבן אין דעם פּרט געגעבן ווונדערבאַרע מאַניפעסטאַציעס.

אין שוועדן

עס איז זייער שווער געווען פאַר דעם הייפל יידן, אינגאַנצן אַ פּאָר טויזנט נפשות, וועלכע האָבן געלעבט אין שטאָקהאָלם, געטע־באָרג, מאַלמע, מאַרשטראַנד, נאָרטשעפּינג, לינקטשעפּינג און אַנדערע נאָך קלענערע שטעטלעך, צו ווערן פולבאַרעכטיקטע בירגער פון שוועדן. ערשט אין 1870 האָבן זיי סוף כל סוף באַקומען די מתנה. די קירכע פון איין זייט, די פּראָטעסטאַנטישע קירכע, די קרעמער און געשעפטסלייט פון דער אַנדערער זייט האָבן ביטער זיך גע־ראַנגלט קעגן די טענדענצן פון דער קעניגלעכער מאַכט און די רע־גירונגסלייט צו לאָזן דאָס ביסל יידן לעבן און אַרבעטן צווישן זיי ווי גלייכבאַרעכטיקטע בירגער. אין אָפּיציעלע דאָקומענטן זענען יידן דענסטמאָל ניט זעלטן קלאַסיפיצירט געוואָרן צוזאַמען מיט צי־גיינער און אַלערליי וואַגאַבונדן אַלס מין אָפּפאַל. איינצעלנע יידן האָבן זיך דענסטמאָל שוין גוט אויפגעאַרבעט און פאַרנומען אַ פיינע פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט, אָבער די אַנטי־יידישע העצע איז נאָך אַלץ ברוטאַל אָנגעגאַנגען. ווען די רעגירונג פונם לאַנד האָט אין 1860 אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט מיט געוויסע פאַרלייכטערונגען פאַר יידן האָט דער המון פאַרזוכט אין שטאָקהאָלם גופא אַראַנזשירן אַ מין פּאָגראָם און אויסגעבראָכן אַלע פענסטער אין דעם הויז פונם רעגירונגס־פירער, סך הכל אַ פּאָר שריט פונם קעניגלעכן פּאַלאַץ. און מען האָט געמוזט אָפּרופן דעם דעקרעט. דרך אגב, די וויכ־טיקסטע קעמפער פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג זענען געקומען ניט פון שטאָקהאָלם, נאָר פון געטעבאָרג, די גרעסטע האַפן שטאָט פון שוועדן.

אין אפריל 1851 איז אין שוועדן, געבוירן געוואָרן ערנסט יאָ־זעפסאָן, דער גרעסטער שוועדישער מאָלער, ביז צום היינטיקן טאָג די קרוין פון דער שוועדישער מאָלעריי. דער ערשטער יאָזעפסאָן איז אָנגעקומען אין לאַנד פון פרענצלאו אין בראַנדענבורג אין 1780. דער זיידע פון דעם קינסטלער האָט געהאַט עלף קינדער. איינער פון די זין איז דער קאָמפּאָניסט יעקב יאָזעפסאָן. אַ צווייטער, לודוויג יאָזעפסאָן, איז געווען אַ דראַמאַטורג און אַ באַקאַנטער רעזשיסער. יעקב אַקסעל יאָזעפסאָן איז געוואָרן פּראָפעסאָר.

די פאַמיליע יאָזעפסאָן האָט שטענדיק געגעבן דעם לאַנד וויכ־טיקע קולטור־בויער. היינט צום טאָג איז איינער פון זיי, ראַגנאַר יאָ־זעפסאָן אַ פּראָפעסאָר פון קונסט־געשיכטע אין דעם אוניווערסיטעט פון לונד, אַ דיכטער, געדיכטעט אויך יידישע לירִיק אויף שוועדיש און געאַרבעט צוזאַמען מיט דר. עהרענפּרייז. זיינער אַ ברודער, גר־נאַר יאָזעפסאָן, איז היינט דער פּרעזידענט פון דער יידישער גע־מיינדע אין שטאָקהאָלם, און אַקטיווער כּלל טוער אין פאַרשידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס. זיינער אַ זון, ערלאַנד יאָזעפסאָן, איז אַ יונגער טאַלענטירטער שרייבער און אַ גוטער שוישפּילער. דער גלאַנץ פון דער פאַמיליע בלייבט אָבער אַלץ דער נאָמען פון ערנסט יאָ־זעפסאָן.

שוועדן האָט געהאַט און אַנדער גרויסן קינסטלער איזאַק גרונע־וואַלד, אַ פּאָטרעט מאָלער און אַ דעקאָראַטאָר, אַן אויסערגעוויינ־לעכער שאַפונגס־גייסט, אַ מאָדערניסט פון אַ גרויסן פאָרמאַט — אַ זון פון אַן אָרימער יידישער פאַמיליע.

איך האָב גערעדט פריער וועגן אַ יידישן בייטראַג צו פרעמדע קולטורן. ווי קען מען דאָס אַנדערש באַצייכענען ווען מען באַקענט זיך מיט דער געשיכטע פון דער שוועדישער ליטעראַטור? זי איז געשאַפן געוואָרן פון דריי גרויסע געלערנטע: העגריק שיק, קאַרל וואַרבורג און מאַרטין לאַם. דער ערשטער פון די דריי יידן, לאָמיר צוגעבן: פון די דריי אַסימילירטע יידן, האָט אַוועקגעלייגט דעם גרונט־שטיין פון דער שוועדישער ליטעראַטור־פאָרשונג. פון די עלטסטע צייטן ביז צו די נייע צייטן. ער האָט אָנגעשריבן צענדליקער

בענדער, צווישן זיי אויך די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַ־טור. צוזאַמען מיט קאַרל ווארבורג האָט הענריק שיק געבויט די ענ־ציקלאָפּעדיע פון דער שוועדישער ליטעראַטור. דער גאַנצער דור פון די היינטיקע שוועדישע ליטעראַטור־היסטאָריקער זענען שילער פון שיק און וואַרבורג.

דער דריטער פון זיי, מאַרטין לאַם, ערשט ניט לאַנג טראַגיש אומגעקומען (דערהרגעט פון אַ טראַמוויי), האָט געהערט צו אַן אַל־טער יידישער פּאַטריציער־משפּחה אין לאַנד. זיינע פאָרשונגען פון שוועדישער און פרעמדער ליטעראַטור זענען ווערק פון אַ היסטאָ־רישן באַדייט. איס געווען אויך די מאָנומענטאַלע ווערק וועגן דעם לעבן און שאַפן פון אויגוסט סטרינדבערג, דעם גדול פון דער שוועדי־שער ליטעראַטור.

אָן די דריי יידן וואָלט היינט ניט געווען קיין געשיכטע פון דער שוועדישער ליטעראַטור.

עס איז דאָ אַ גאַנצע רייע וויכטיקע יידישע נעמען אין דער גע־שיכטע, אין דער קולטורגעשיכטע פון שוועדן פאַר די לעצטע הונדערט יאָר. זיי זענען וויכטיק און אינטערעסאַנט — זייער אינ־טערעסאַנט, — צוליב דער פעאיקייט פון די מענטשן צו בויען און צו שאַפן, צו וואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט מיט אַ זעל־טענער יידישער עקשנות אין אַן אַבסאָלוט יידן־פרעמדער סביבה. דאָס רוב פון זיי האָט דערגרייכט דעם אויבן־אָן אין דעם באַרוף וואָס זיי האָבן פאַר זיך אויסגעקליבן.

עס לוינט דאָ אָפּצושטעלן זיך פריער פאַר אַלץ אויף דער פאַמי־ליע באָניער, וועלכע מיר האָבן שוין דערמאָנט. באָניער איז היינט דער נאָמען פון דעם גרעסטן פאַרלאַג אין סקאַנדינאַוויע, מסתמא אויך איינער פון די גרעסטע פאַרלאַגן אין אייראָפּע.

דער גרינדער פון דער דינאַסטיע איז געווען הערשעל גוטקינד, אין שוועדן באַקאַנט אונטער דעם נאָמען גערהאַרד באָניער. ער האָט געלעבט אין 1778 ביז 1862. זיין זיידע, לייבל שיע, איז געבוירן געוואָרן אין 1708 אין בעהמען. דאָס אייניקל איז אָנגעקומען אין 1901 קיין קאָפּענהאַגען,גענומען זיך פאַרקויפן

פראַנצויזישע ביכער און איז אין 1829 אַריבער קיין שטאָקהאָלם. זיין זון אַלבערט 1820-1910 און אַלבערטס זון קאַרל אָטאָ 1856-1945) זענען די צוויי באָניערס וואָס האָבן געגרינדעט דעם פאַרלאַג אויסגעבויט אים, פאַרוואַנדלט אין אַ מאַכט פון ערשטן גראַד, אין אַ ריזעדיקער אינסטיטוציע.

ווען מען וויים, אַז שוועדן האָט געגעבן יידן בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג ערשט אין 1870 און אַז אַ לאַנגער און פאַרביטער־טער קאַמף איז געפירט געוואָרן מצד פאַרשידענע גרופּן פון דער באַפעלקערונג קעגן דער עמאַנציפּאַציע פון די יידן, קען מען זיך אליין אָנשטויסן, אַז עס איז נישט אָנגעקומען די באָניערס זייער גרינג צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ וואָס זייער אַמביציע האָט באַגערט. ווי נאָר עס פלעגט קומען צו אַ קאָנפליקט, גאַנץ גלייך פון וואָס פאַר אַ מין, האָט מען זיי באַלד פאָרגעוואָרפן זייער יידישקייט. איז דאָך דאָס ביי אונז נישט אַזאַ נייעס, נישט אַזאַ זעלטנקייט, אַז מען זאָל דאַרפן וועגן דעם רעדן. אין זייער פאַל אָבער האַנדלט זיך עס וועגן אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן און אויסערגעוויינלעכע נעמען.

אין דער ביאָגראַפיע, וואָס אָטאָ קאַרל באָניער האָט אָנגעשריבן וועגן זיין פאָטער אַלבערט באָניער, הערן מיר ווידער און ווידער דעם אויסדרוק פון זייערע ביידנס זאָרגן וועגן דער אָרימקייט פון דער שוועדישער שיינער ליטעראַטור. אַזוי גוט ווי אַלע פאַרלאַגן — און עס זענען געווען דענסטמאָל צענדליקער פאַרלאַגן אין לאַנד — האָבן זיך פאַרנומען מיט אַרויסגעבן איבערזעצונגען פון פראַנצויזי־שער אָדער ענגלישער ליטעראַטור. אין מיטן פון פאַריקן יאָרהונ־דערט איז שוועדן געווען קולטורעל זייער צוריקגעשטאַנען און לייבל־שיע גוטקינדס אייניקלעך האָבן דאָס נישט געקענט פאַרטראָגן. זיי האָבן געזוכט יונגע שוועדישע טאַלאַנטן, זיי האָבן געוואָלט האָבן נישט אַנדערש ווי אָריגינעלע שוועדישע ליטעראַטור. און אַ מזל האָט זיי צוגעשפּילט: זיי זענען געוואָרן די פאַרלעגער פון דעם שפּעטער באַרימטן און גרויסן שוועדישן דיכטער און דראַמאַטורג אויגוסט סטרינדבערג. דאָס איז שוין איינמאָל געווען אמתער „יידי־שער מזל"...

אויגוסט סטרינדבערג, היינט דער הונדערט מאָל געקרוינטער אָפּ־גאָט פון דער שוועדישער ליטעראַטור, האָט צו יענער צייט קיין גרויסן לעזער קרייז אין זיין לאַנד נישט געהאַט. א שטורמישער טעמ־פעראַמענט, א ליטעראַרישער נביא, אַן ערנסטער אומבאַלאַנסירטער מענטש, א געניאַלער דיכטער וואָס האָט געליטן זיין גאַנץ לעבן פון דעם, וואָס ער איז געווען „דער זון פון א דינסטמויד" — אַזוי האָט טאַקע געהייסן איינער פון זיינע ערשטע ראָמאַנען — האָט ער שטענ־דיק און זייער שנעל געקענט זיך אויפהעצן ביז צו דער מדרגה פון א משוגענער היסטעריע. קיין סך בעלנים צווישן די שוועדישע פאַרלע־גער, וואָס וואָלטן געהאַט חשק ארויסצוגעבן די ביז גאָר ווייניק גע־לייענטע ביכער פון דעם דאָזיקן ניי אויפגעקומענעם שטערן, האָבן זיך נישט געפונען.

סטרינדבערג האָט מיט א פיזישן פארגעניגן פיינט געהאַט דאָס בירגערלעכע שוועדן. ווען ער האָט באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פון מאַן און פרוי — און דאָס האָט ער פּערמאַנענט געטאָן — האָט ער דעם שוועדישן בירגערטום אין פּנים געוואָרפן די בירגערלעכע „מאָ־ראַל" אויף אַזאַ אופן, אַז ער האָט געמוזט פּראָקלאַמירט ווערן פאַר דעם „פיינט פון דער געזעלשאַפט". סטרינדבערג איז אָבער נישט געווען פון די וואָס דערשרעקן זיך. ער האָט געוואָלט, ער האָט גע־מוזט ברעכן דעם ווידערשטאַנד. זיין פּראָדוקציע איז געווען קאָלאָ־סאַל, זיין גייסט, זיין ארבעטסקראַפט זענען געוואַקסן, אָבער אויך זיינע קאָנפליקטן און זיין נויט. עס איז געוואָרן א קאַמף אויף טויט און לעבן.

מיר גייען דאָ נישט רעדן וועגן דעם שטורם־און־דראַנג פון גע־ניאַלן שוועדישן שרייבער, וועגן זיינע איינפאַלן און צייטנווייז זיין געפאַלנקייט. אונז אינטערעסירט דאָ דער פאַקט, וואָס צווישן סטרינד־בערג און דעם רעאַקציאָנערן און צוריקגעשטאַנענעם בירגערטום זענען אלס פאַרלעגער געשטאַנען לייבל שיע גוטקינד'ס אייניקלעך, אַלבערט און קאַרל אָטאָ באָניער. עס האָט זיי טייער געקאָסט.

ווען עס איז דערשינען דער ערשטער באַנד פון סטרינדבערג'ס סענסאַציאָנעלן ווערק „חתונה האָבן!" און דאָס בוך איז תיכף

קאָנפיסקירט געוואָרן (1884) צוליב אומאָנשטענדיקייט און „באַלייזדיקן די מאָראַל", איז דער מחבר נאָר געווען אין אויסלאַנד און אָנגעקלאָגט איז געוואָרן און צוגעצויגן געוואָרן צו געריכטלעכער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט דער פֿאַרלעגער אַלבערט באָניער.

אָרום דעם פּראָצעס, וועלכער האָט זיך סוף כל סוף געענדיקט דערמיט, וואָס די זשורי האָט פֿרייגעשפּראָכן דעם דיכטער, איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמפּאַניע הויפּטזעכלעך געריכטעט קעגן דעם יי ד באָניער, וועלכער האָט, הייסט עס, געוואָלט מאַכן געשעפֿטן מיט אַן אומריינער ליטעראַרישער סחורה. כדי אָפּצושטעלן די אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע איז אַ דעלעגאַציע פֿון דער יידישער געמיינדע געקומען צו אַלבערט באָניער — שוין נאָכן פּראָצעס — בעטן אים, ער זאָל חלילה נישט דרוקן אַ צווייטע אויפֿלאַגע פֿונעם געפֿערלעכן בוך. אַלטע פֿריינד האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאַרקערן מיטן פֿאַרלעגער, וועלכער דרוקט ביכער אויף צו פֿאַרסמען דעם יינגן דור. מען האָט מורא געהאַט פֿאַר קאָנסעקווענצן. און די באָניערס האָבן אויך מורא געהאַט.

ווען די באָניערס האָבן יאָרנלאַנג זיך געיאָגט נאָך סטרינדבערג'ן כדי אַריינצובאַקומען אים אַלס אַ שרייבער פֿון זייער פֿאַרלאַג, האָבן זיי זיכער נישט געחלומט וועגן דעם, אַז גישט נאָר וועלן זיי דאַרפֿן טראָגן אויף זיך די לאַסט פֿון דער קאַמפּאַניע, וואָס איז געפֿירט געוואָרן קעגן זיי אַלס זיין פֿאַרלעגער, נאָר שפּעטער האָבן אויסצושטיין בזיונות פֿון אים אַליין. סטרינדבערג האָט אָפֿט געפֿירט דאָס לעבן פֿון אַ פֿולשטענדיק אומפֿאַראַנטוואָרטלעכן וואַגאַבונד און שטענדיק גענויטיקט זיך אין געלט, שטענדיק געהאַנדלט מיט ווערק, וועלכע ער האָט געהאַט בדעה צו שרייבן, פֿאַרלאַנגט געלט ביים „יידן", געזידלט יידן. אָ, די יידן, די יידן !.

די שוועדישע פֿאַרלאַגן, וועלכע האָבן שוין לאַנג געשאַרפֿט די ציין און נאָר געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט אונטערצושטעלן אַ פּיסל דעם „יידן" האָבן זיך איצט באַנוצט מיטן פּראָצעס קעגן סטרינדבערגן און פֿאַרלאַנגט, אַז באָניער זאָל אַוועקגיין פֿון פּאָסטן פֿונם פּראָזיצער אין דעם פֿאַרבאַנד פֿון שוועדישע פֿאַרלעגער. ווען דער

טריק האָט זיך נישט איינגעגעבן, איז א גרופּע פֿון איינפֿלוסרייכע פאַרלעגער אַרויסגעטרעטן פֿון דעם פאַרבאַנד און געגרינדעט אַ נייעם פאַרבאַנד. אפילו אַן אַנדער׳ער יידישער פאַרלעגער, געבער, איז אויך אַריבער צו די נייע.

דאָס האָט אָבער אַלץ נישט געהאַט קיין גרויסע באַדייטונג פאַר דעם אומבאַלאַנסירטן שרייבער: ער האָט געשטורעמט קעגן דעם י י ד י ש ן קאַפּיטאַליסט, קעגן דער י י ד י ש ע ר בורזשואַזיע, קעגן דעם י י ד...

**
*

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט דער שוועדישער פּאַרלאַמענט אָנגענומען אַ נייעם ליבעראַלן געזעץ וועגן פרייע קאָנפעסיאָנעלע געמיינדעס פאַר אַלע רעליגיעזע גרופּן אין לאַנד. האָט מען מורא געהאַט אַז די שוועדישע „אַסימילירטע יידן" וועלן זיין די ערשטע צו באַנוצן זיך מיטן נייעם געזעץ און וועלן אַרויסטרעטן פֿון די געמיינדעס. מען האָט מורא געהאַט, ווייל גראַדע זיי זענען שטענדיק געווען די וויכטיקסטע שטייער־צאָלערס פון די געמיינדעס. דאָס איז אָבער נישט געשען און אַלץ איז געבליבן אַזוי ווי עס איז געווען. „גוסטאַוו וואַזאַס אייניקלעך" זענען פּאָרט געבליבן יידן...

אַסימילאַציע איז ווי אַ שידוך: מען דאַרף, אַז ביידע צדדים ז אָ ל ן ו ו ע ל ן. מען דאַרף, אַז ביידע צדדים ז אָ ל ן ק ע נ ע ן, כדי פון צוויי צדדים זאָל ווערן איין צד. נישט יידן האָבן געוואָלט פאַרלירן זייער פּנים און אָפּזאָגן זיך פֿון דעם ספּעציפישן עלעמענט, וואָס מאַכט פון אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער גרופּע אַ פאָלק. און נישט דער צווייטער צד האָט ערגעץ־ווו אַרויסגעוויזן צו פיל חשק צו פאַרבינדן זיך מיט אַזאַ ספּעציפישער און אייגנאַרטיקער נאַציאָנאַלער גרופּע ווי יידן זענען שטענדיק געווען — צי זיי האָבן געלעבט ווי פרייע בירגער, צי זיי זענען געווען פאַרפאָלגט און אונטערדריקט. אַסימילאַציע איז מער אַ געשפּענסט, ווי אַ געפערלעכע רעאַליטעט.

אַסימילאַציע איז אַ שווער׳ער פּראָצעס פון גייסטיגער צופּאַסונג, פון פאַרלירן און פאַרזוכן ווידער צו געווינען דאָס גייסטיגע גלייכגעוויכט, אַ פּראָצעס פול מיט ליידן און פּסיכישע קריזיסן, אַ פּראָ־

צעס פון ברעכן זיך. מען האָט זעלטן געזען, אַז דער מענטש זאָל אַרויס אַ גאַנצער פון דער אָפּעראַציע.

אָ ס ק אַ ר ל ע װ ע ר ט י ן, אַ גלענצנדער שװעדישער שרײַבער, אַ דיכטער, אַן עסייאיסט, מיט אַ פּראַכטפולן סטיל און אַ לערער פון קונסט־געשיכטע, האָט זײַן גאַנץ לעבן (1861־1906) געליטן פון אַ מין ראַסן־קאָנפליקט אין זײַן נשמה; אַ קאָנפליקט צװישן די עלטערן מענטשן פון ייִדישן אָריענט און נישט ייִדישער ציװיליזאַציע.

אָסקאַר לעװערטינ׳ס דיכטערישער שטערן האָט אפשר נישט געגלאַנצט מיט אַלע פאַרבן פון היינע׳ס געניאַליטעט, אָבער זיכער איז ער געװען ריינער און ערלעכער, און אויך געזונטער, פון דעם אומגליקלעכן דייטש־ייִדישן דיכטער. געבוירן און דערצויגן אַזוי װי היינע אין אַ בירגערלעכער ייִדישער סביבה איז ער נישט דורכגעגאַנגען אַזוי װי היינע אַן אמת׳ן קורס אין ייִדישקייט און זיך נישט געשמדט באַלד נאָך דעם צוליב קאַריערע, װי היינע האָט עס געטאָן, נישט געהאַסט אַזוי װי היינע די אַרומיקע װעלט און אויך נישט קאָקעטירט דערמיט, װאָס נאָך אַלעמען האָט ער זיך געפילט שטענדיק און פריער פאַר אַלץ אַלס ייִד. פאַרקערט, ער איז געװען אַ װאַרימער און גוטער מענטש. הגם ער האָט טיף געליטן פון זײַן טאָפּלטקייט האָט ער קיינמאָל נישט געװאָלט באַהאַלטן און פאַרדעקן זײַן טיפּיש־ייִדישן פּרצוף. עס װאָלט אויך געװען אַ אומזיסטע טרחה.

אָסקאַר לעװערטין האָט געהערט צו יענער עפּאָכע װען די שװעדישע ליטעראַטור איז באַרײַכערט געװאָרן מיט אַזעלכע גדולים װי אויגוסט סטרינדבערג, סעלמאַ לאַגערלעף, עלען קיי, גוסטאַװ פרעדינג, װערנער פאָן היידענשטאַם און אַנדערע באַרימטע דיכטער. היידענשטאַם איז געװען זײַן אינטימסטער פרײַנד און אין דער שװעדישער ליטעראַטור־געשיכטע האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט די דיסקוסיע װעגן דעם, װער פון די צװיי האָט מער געגעבן דעם אַנדערן, מער װי ער האָט באַקומען פון אים. די גאַנצן גרופּע פון די דאָזיקע שװעדישע שרײַבער האָט זיך געפונען אונטער זייער אַ שטאַרקן אײַנפלוס פון געאָרג בראַנדעס, די פירנדע קראַפט אין דעם גרויסן קולטור־קאַמף אין דענעמאַרק. קיינער פון זיי איז אָבער נישט

געווען אזוי שטארק צוגעבונדן צו געאָרג בראַנדעס ווי אָסקאַר לע־ווערטין. אין זיין באַגייסטערונג פאַר בראַנדעס איז געווען מער ווי פיעטעט פון אן איבערגעגעבענעם תלמיד. דאָס יידישע בלוט אין אים האָט גערופן צום בלוט פונעם דענישן יידן, וועלכער האָט געהאַט קעגן זיך די גאַנצע שוואַרצע רעאַקציאָנערע מאַכט פון סקאַנדינאַ־וויע, אָנגעפירט פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירכע.

אָסקאַר לעווערטין איז געווען אַ שטאָלצער, אומאָפּהענגיקער יידישער גייסט.

מען קען קוים צווייפלען אין דעם, אַז אָן דער ברודערלעכער הילף פון עדוארד בראַנדעס אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן, וואָלט אויגוסט סטרינדבערג פאַרפאַלן ערגעץ־ווו אין אַ רינשטאָק בשעת איינעם פון זיינע אָפטע פּאַראָקסיזמען פון מאָראַלישער דעגראַדאַ־ציע, אָבער דאָס האָט נישט געשטערט דעם שוועדישן דיכטער אַרויס־צוטרעטן ביי אַ סך געלעגנהייטן ווי אַן אמת׳ער יידן־פיינט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז ער מעג און אַז ער — צי ער איז שיכור אָדער ניכטער — קען זיך דערלויבן צו זאָגן אַלץ, וואָס איז ביי אים אויפן האַרצן. אָסקאַר לעווערטין האָט נישט מורא געהאַט אויפצוהויבן זיין האַנט אויף דעם שוין אָנערקענטן גדול און זאָגן גאַנץ קלאָר, אַז אין סטרינדבערג גייט צוזאַמען מיט אַ גרויסער באַגאַבונג, אַן אמתע אומריינע געמיינקייט, אַ נידעריקער כאַראַקטער, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט געקענט באַפרייען פון דעם, מיט וואָס ער איז אַזוי צו־זאָגן, געבוירן געוואָרן. אַ סך שוועדן האָבן עס לעווערטינען נישט געקענט מוחל זיין.

רירנד און, איך וואָלט געזאָגט, טיף דראַמאַטיש קלינגט די ריין־יידישע ליריק אין לעווערטינ׳ס דיכטונג. זיין ליד, געווידמעט דעם אַלטן פאַרבלוטיקטן בית עולם פון פּראַג, — „ליג נישט קיין בלומען, ליג שטיינער" — אָדער זיין „שיילאָק" זענען פּערלען פון יי ד י־ש ע ר דיכטונג, נישט פון שוועדישער.

לעווערטין האָט געשריבן די יידישע ליריק, נישט ווייל ער האָט געוואָלט „באַצאָלן אַ חוב" זיין פאָלק, נאָר ווייל ער האָט געפילט יידיש און געמוזט עפענען זיין האַרץ, לאָזן זינגען זיין יי ד י ש ע מוזע.

יידישע קרושים, „שיילאָק", שלמה המלך, א סך אַנדערע יידישע מאָטיוון האָבן אים באַוועגט.

אָסקאַר לעווערטין איז געווען פּראָפעסאָר פון קונסט־געשיכטע אין דעם שטאָקהאָלמער אוניווערסיטעט. די קאַטעדרע איז געגרינ־דעט געוואָרן ספּעציעל פאַר אים און די ערשטע הונדערט טויזנט קראָנען פאַר דער קאַטעדרע האָבן געגעבן טאַקי די באַניערס. ער איז געשטאָרבן זייער פרי, אין עלטער פון 50 יאָר, אין טראַגישע אומשטענדן: זייענדיק נישט געזונט, האָט ער ביינאַכט אין דער פינסטערניש, גענומען על פּי טעות אַ פאַלשע מעדיצין און האָט זיך דערמיט פאַרסמט. זיין פּריצייטיקער טויט האָט אַרויסגערופן אַן אויפריכטיקן טרויער אין גאַנצן לאַנד.

אַ באַקאַנטער שוועדישער שרייבער, ווערנער סעדערהיעלם, אַ פריינט פון דעם דיכטער, האָט אָנגעשריבן אַן אויספירלעכע מאָנאָ־גראַפיע אין צוויי בענדער וועגן אָסקאַר לעווערטין. מיר ברענגען דאָ די לעצטע שורות פון דעם ווערק:

„— ער האָט אויסגעברייטערט דעם גייסטיקן האָריזאָנט פון זיין פאָטערלאַנד אין אַ סך ריכטונגען: און דאָס וועט זיכער זיין אַמאָל דער בעסטער משפּט איבער זיין לעבנס־ווערק. ער איז אַ קולטור־פאַרמיטלער פון דעם אייגענעם מין, ווי עס זענען געווען אַזוי פיל פון זיין אייגענעם פאָלק, וואָס האָט געגעבן אַ געוואַלדיקן ביישטייער צו דעם גייסטיקן לעבן פון אַ סך פעלקער — אָנהויבנדיק, כדי צו דערמאָנען דאָ נאָר די נייע געשיכטע, מיט די שפּאַנישע יידן, וועלכע האָבן די ערשטע אין מיטלאַלטער פאַרשפּרייט אין אייראָפּע די פרוכט פון דעם אָריענט'ס חכמה און פאַנטאַזיע... אָסקאַר לעווערטין באַשטייט מיט ווירדע זיין פאָלקס און זיין אייגענעם כבוד און שטעלט זיך אַוועק אין איין רייע מיט די פיינסטע גייסטער, וועלכע האָבן געטאָן דאָס אייגענע אין אַנדערע קולטור־לענדער. דערמיט איז ער געוואָרן איינער פון די גרעסטע טרעגער און בויער פון אַ גייסטיקער קולטור, וואָס שוועדן האָט ווען עס איז געהאַט"...

***

וואָס פאַראַ מערקווירדיק קאַפּיטל פון יידישער קולטור־אַרבעט

אין שוועדן, וועלכע דאַרף פֿאַרשריבן ווערן אויפֿן חשבון פֿון דעם נישט לאַנג־פֿאַרשטאָרבענעם רב הכולל פֿון שוועדן ד״ר. מרדכי עהרענפּרייז! עס איז אַ קאַפּיטל פֿון יידישער בוינזאַמקייט און זעלטענער פֿעאיקייט צוצופּאַסן זיך צו אַבסאָלוט פֿרעמדע קולטור־פֿאַרהעלטענישן, צו אַן אַבסאָלוט פֿרעמדער גייסטיגער סביבה און קע־נען טאָן דערביי ערנסטע אַרבעט. ווייל די אידעע אליין פֿון שאַפֿן אַ סינטעזע צווישן דעם גייסט פֿון אַלטן יידישן לעמבערג און דעם קאַלטן נאָרדישן פּראָטעסטאַנטישן שטאָקהאָלם, דער פֿאַרזוך אליין צו קנעלן מיט דער שוועדישער אינטעליגענץ וועגן ביאַליק און טשער־ניכאָווסקי און באַקענען זיי מיט דער מאָדערנער יידישער ליטעראַ־טור איז אין מיינע אויגן געווען אַ מין מאָנסטער. אָבער די אידעע האָט זיך געלאָזט גוט רעאַליזירן; דער לעמבערגער למדן וואָס האָט אין זיינע קינדער־יאָרן זיך ערשט געדאַרפֿט לערנען צו פֿאַרשטיין און צו רעדן דייטש און איז שפּעטער געוואָרן אַ רב, צוערשט אין קראָאַטיע און שפּעטער אין בולגאַריע, איז געוואָרן סוף כל סוף אַ גלענצנדער פּריידיקער אויף שוועדיש און איינער פֿון די פֿיינסטע שוועדישע סטיליסטן.

אויב מען מעג רעדן פֿון דער וויכטיקייט פֿון אַ מין יידישער קולטור־מיסיע צווישן פֿרעמדע פֿעלקער, אויב מען מוז אַנערקענען אַז נאָך אַלעמען ווייסט די נישט־יידישע וועלט, וואָס יידנטום שטעלט מיט זיך פֿאָר, דאַרף מען זאָגן, אַז עהרענפּרייז האָט אָפּגעטאָן אין זיין לעבן גאָר אַ וויכטיקע שליחות. איך בין געווען אַן עדות פֿון זיין סיסטעמאַטישער און פּלאַנמעסיקער אַרבעט אין פֿאַרלויף פֿון 35 יאָר, פֿון 1915 ביז 1950. פֿאַר אַ סך יידן איז ער געווען אָדער „דער גאַליציאַנער" אָדער „אַ רב פֿאַר גוים" אָדער עפּעס נאָך ערגערס. פֿאַר די אַלט איינגעזעסענע שוועדישע יידן איז ער געווען צו פֿיל יידיש־נאַציאָנאַל און צו שטאַרק יידיש־עקספּאַנירט. אָבער קיינער פֿון זיינע קעגנער האָט נישט געקענט לייקענען זיין אינטע־ליגענץ און זיין וויסן. און יידן, פֿאַר וועלכע אמתע יידישקייט האָט ווייניק וואָס צו טאָן מיט באָרד און פּאות, האָבן געמוזט באַוווּנדערן זיין אויסגעהאַלטנקייט און עקשנות. אַן עגאָצענטריקער אין העכסטן

גראַד האָט ער מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אמת יידישע רענעסאַנס־פיגור, וועלכע וועט אין צפון פון איראָפּע נישט אזוי גיך פאַרגעסן ווערן.

פון זיינע פיל ווערק אויף שוועדיש האָט דעם גרעסטן דערפאָלג „די וואָס האָבן געבויט דאָס יידנטום", דריי בענדער פון אַ מין איבערדיכטונג פון דעם תנ"ך, געשריבן נישט אין נוסח פון „על נהרות בבל", נאָר אין אַ מאָדערנער פאָרשטעלונג פון דעם יידישן ביבלישן עפּאָס. ער האָט געמאָלן און געשניצט געשטאַלטן פון די נביאים, אַרויסגעפירט די יידישע לעגענדאַרע וואַנדערונגען פון דעם שטויב פון מדבר אויף דער ערנע, ווו עס לעבן פעלקער מיט זייערע אייגענע אידעען, זייער אייגענער פילאָזאָפיע און אייגענעם לעבנס־שטייגער.

די שוועדישע קולטור־וועלט האָט זיך צוגעהערט צו אים: די פּראָטעסטאַנטישע בישאָפן, די פּראָפעסאָרן פון טעאָלאָגיע, די שרייבער, די דיכטער, די סטודענטן, דער קרייז פון לייענער, די ברייטע עפנטלעכע מיינונג, דאָס גאַנצע לאַנד — אַלע האָבן זיי גענומען צוהערן זיך צו די רייד פון דעם „גאַליציאַנער" וועגן דעם בעל שם טוב, וועגן אברהם רייזן, שלום אַש, וועגן יידישן פאָלקלאָר, וועגן מאָדערנע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. מען איז געווען פאַרוואונדערט פון דער אומבאַקאַנטער יידישער וועלט און מען האָט אים באַוואונדערט. אַן אַגרעסיווער מענטש בכלל איז ער געווען זייער סובטעל אין זיין אויפטרעטן צווישן די פרעמדע. אַ יינגער מיטהעלפער אַמאָל ביי דר. הערצל האָט ער אַלס רעדאַקטאָר פון דעם העברעאישן „השלח" געהאַט אויסצושטיין די גרעסטע זידלערייען פון מאַקס נאָרדוי פאַר אריינפירן אחד העם אין דער יידישער ליטעראַטור און פאַר קרוינען אים מיט דער קרוין פון איינעם פון די טיפּזיניקסטע יידישע דענקער. דאָ, אין דעם פּראָטעסטאַנטישן שוועדן, האָט ער פאַר זיך געהאַט נישט די צוהיצטע און אויפגעהעצטע אוידיטאָריע פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, נאָר אַ קולטור־פאָלק מיט אַ גרויסן אינטערעס פאַר יידן און יידישע פּראָבלעמען.

איז דעריבער די צייט פון עהרענפּרייז'ס ווירקן געוואָרן צו

איינער פון די וויכטיקסטע פעריאָדן אין דער געשיכטע פון דעם שוועדישן יידנטום. די סינטעזע פון לעמבערג און שטאָקהאָלם האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזאַ שעפערישן כוח, וועלכער קען גאַנץ גוט באַשטיין קעגן דעם שרעקנס-געשפענסט פון אַסימילאַציע. נאָר נישט זיפצן און באַוויינען זי צו אָפט...

אין דענעמאַרק

נאָך דעם ווי איך האָב אָפּגעלעבט אַ היבש ביסל יאָרן אין דעם דאָזיקן קליינעם לאַנד מיט אַ גרויסער פאַרגאַנגענהייט און שוין געשריבן אַ פינף אָדער זעקס יאָר פאַר דער אַמאָל זייער איינפלוס-רייכער צייטונג „פּאָליטיקען", כמעט יעדע וואָך אַ גרויסן פּאָליטישן פעליעטאָן, זאָגט מיר בשעת אַ צופעליקן געשפּרעך הענריק קאָולינג, דער שעף רעדאַקטאָר פון דער צייטונג:

— ס'איז דאָ אַן ענין וואָס אינטערעסירט מיך יעדעס מאָל ווען איך לייען אייער אַרטיקל: איר זענט דאָך פריער קיינמאָל נישט געווען אין דענעמאַרק, מיט קיין דענער האָט איר דאָך מסתמא קיינ־מאָל נישט געהאַט צו טאָן, קיין דעניש נישט גערעדט און אונזער שפּראַך נישט געקענט. טאָ ווי קומט עס, אַז איר שרייבט אַזוי גוט צוגעפּאַסט צו אונזער לאַנד, צו זיין שפּראַך און צו זיינע מענטאַ־ליטעט? פון וואַנען נעמט זיך דאָס?

קאָולינג איז געווען אַ הויכער טיפּישער דענישער מאַן, אַ ביסל איבערגעבויגן, אַ זשורנאַליסט מיט אַ לאַנג־יאָריקע דערפאַרונג, דער געוועזענער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג, זייער אָנגע־זען ביי זיך אין לאַנד, אין די העכערע קרייזן און ביים הויף פון דער קעניגלעכער פאַמיליע. זיין אַסיסטענט איז געווען אַ קליין יידל וואָל־דעמאַר קאָפּעל, אַ טאַלאַנטירטער קאָמונאַלער טוער און זשורנאַליסט, וועלכער האָט מער פון אַלץ פיינט געהאַט צו ריידן אָדער אַפילו נאָר צו באַרירן יידישע פּראָבלעמען. ער האָט אויסגעזען ווי אַ אונטער־שמש אין אַ קליינער שול פון אַ פּוילישער פּראָווינץ־שטאָט. איך פלעג זיך פשוט שעמען, ווען איך פלעג זען דעם דאָזיקן קלייניטשקן נפש, דעם איינאונאיינציקן יידישן זשורנאַליסט אין דער רעדאַקציע. ער האָט מיך ליב געהאַט פונקט אַזוי פיל ווי איך האָב אים ליב

געהאַט. ווען עס איז אַרויס מיין גרויס בוך אויף דעניש „קאַזאַקן־לאַנד" וועגן יידישן לעבן אין רוסלאַנד (1936) האָט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו שרייבן אָדער לאָזן אַן אַנדערן שרייבן אַן אַרטיקל וועגן דעם בוך. סיי יידן און סיי גויים האָבן אַנערקענט זיינע זשורנאַליסטישע פעאיקייטן, אָבער פאַר יידישע גרופּן איז ער געווען אַ לעבערלעכער פּאַרשוין. דאָס איז געווען דער שני למלכות אין דער רעדאַקציע.

— איך קען דאָך אַליין דעם ענטפער אויף אייער פראַגע — האָב איך געזאָגט צו קאָולינג : — אונזער געשיכטע איז די געשיכטע פון אַ פאָלק וואָס האָט אַ סך געוואַנדערט און מיר האָבן זיך געמוזט אויסלערנען צופּאַסן זיך שטענדיק צו אַ ניי לאַנד און צו אַ פרעמדן פאָלק. איר מעגט מיר גלויבן, אַז אויב איך זאָל זיך איצט דאַרפן באַזעצן אין האָנאָלולו און אויב דאָרט גייט אַרויס אַ מין האָנאָלולו־„פּאָליטיקען" וועל איך אָנהויבן שרייבן אין דער ציייטונג..

הענריק קאָולינג האָט געשמייכלט און מיר דערציילט ווי ווייט עס גייט זיין „רעספּעקט" צו יידן און זייערע פעאיקייטן : ער האָט מורא פאַר יידן :

— איר ווייסט דאָך, אַז די פרוי פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן, מאַריאַ פיאָדאָראָוונאַ, איז אַ דענישע פּרינצעסן, דאַנמאַר האָט זי געהייסן. אונז האָט דעריבער שטענדיק אינטערעסירט גאַנץ באַזונדערס די לאַגע אין רוסלאַנד... די גרעסטע נאַרישקייט, וואָס דער רוסישער צאַריזם האָט באַגאַנגען, איז געווען די פאַרפאָלגונג פון יידן... איך האָב „זיי" נישט איינמאָל געזאָגט, אַז אויב איך וואָלט געהאַט עפּעס אַ דעה וואָלט איך זיי געגעבן אַן עצה נאָר נישט אָנצוהויבן מיט יידן, ווייל דאָס מוז זיך ענדיקן מיט אַ מיאוסן סוף פאַר די וואָס פאַרפאָלגן זיי...

ווען ער האָט עס מיר געזאָגט איז די אַמאָליקע קייזערין מאַריאַ פיאָדאָראָוונאַ, די אַמאָליקע פרוי פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן, שוין געווען צוריק אין דענעמאַרק, אַפּגעריכט דאָ גלות, — נאָך דעם צוזאַמענברוך פון דער רוסישער אימפּעריע און צאַריזם. די דאָזיקע קליינע עלעגאַנטע פּרינצעסן, די פרוי פון אַ ברוטאַלן, פינצטערן און אויסערגעוויינלעך אומוויסנדן צאַר, איז ווי באַקאַנט געווען

דער מיטלפּונקט פון פאַרשידענע הויף־קליקן אין פּעטערסבורג. צו־זאַמען מיט אַ באַקאַנטן דענישן געשעפטס־מאַן, שטאַטסראַט אַנ־דערסן, דער גרינדער און אָנפירער פון אַ ריזעדיקער שיפס־געזעל־שאַפט „מזרח־אַזיאַטישע קאָמפּאַניע" („עסט־אַזיאַטיסק קאָמפּאַני"), האָט זיך מאַריאַ פיאָדאָראָוונאַ באַטייליקט אין די מזרח־אַזיאַטישע וואַלד־קאָנצעסיעס און ספּעקולאַציעס אין קאָרייע ביים טייך יאַלו, וועלכע האָבן דירעקט געפירט צו דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג.

שטאַטסראַט אַנדערסען איז געווען אַ פריינט פון מיין שעף־רעדאַקטאָר קאָולינג און האָט אויסגעדריקט זיין ווונטש אַ קוק צו טאָן אויף מיר, דעם זשורנאַליסט פון רוסלאַנד. האָט איך געהאַט אַ מעגלעכקייט איין מאָל צו באַזוכן דעם דאָזיקן ביז צו אַ געוויסער צייט מיסטעריעזן גראַנד־סעניאָר פון דענעמאַרק. דאָס איז געווען דער מאַן, וואָס איז געוואָרן אַ גראַנד־סעניאָר אַ דאַנק אַ גרויסן ייִדישן באַנקיר, גליקשטאַדט, שפּעטער פאַרוויקלט אין ריזעדיקע פי־נאַנציעלע ספּעקולאַציעס און שווינדלערייען און, כדי צו ראַטעווען זיך פון געפענגעניש, באַגראָבן דעם זון פון גליקשטאַדט, דעם הויפּט־דירעקטאָר פון דער גרויסער דענישער „לאַנדמאַנסבאַנק", עמיל גליקשטאַדט, וועלכער האָט באַגאַנגען אין געפענגניש זעלבסטמאָרד, גראָדע בשעת עס איז אָנגעגאַנגען דער פּראָצעס קעגן אים. דער פּראָצעס איז פאַרבליבן אַ שאַנדפלעק אויפן נאָמען פון דעם קליינעם לאַנד און אַ סך איז געטאָן געוואָרן, כדי נישט צו דערמאָנען אים, — דעם פּראָצעס, ווי אויך נישט דעם נאָמען פון אַנדערסען...

איך בין צופרידן וואָס איך האָב כאָטש איינמאָל געזען דעם „מיסטעריעזן" העלד פון דער דענישער ספּעקולאַנטן־וועלט. איך וועל האָבן צו זאָגן וועגן אים אַ ביסל מער אין אַ ווייטערן קאַפּיטל...

**
*

אַ גאַנץ מערקווירדיקן אינטערנאַציאָנאַלן זאַמלונגס־אָרט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט קאָפּענהאַגן בשעת דער ערשטער וועלט־מל־חמה. די סקאַנדינאַווישע לענדער זענען געווען נייטראַל. די באַצי־אונג פון דער באַפעלקערונג אין יעדן פון די לענדער איז אָבער ווייט נישט געווען נייטראַל. מען האָט געהאַלטן, אַז די שוועדן סימפּאַ־טיזירן מיט די דייטשן — רוסלאַנד איז דאָך נאָך אַלץ געווען דער

בעל הבית איבער פינלאנד, אמאל א טייל פון שוועדן. די דענען האבן נישט פארגעסן די מפלה פון 1864, ווען פרייסן האט פאר־כאפט די דענישע פראווינצן שלעזוויג און האלשטיין, און דאס נייע דייטשלאנד איז באטראכט געווארן אלס א שונא און א געפאר פאר דער אומאפהענגיקייט פון דענעמארק. נארוועגן ליגט פנים אל פנים אנטקעגן ענגלאנד און איז טראדיציאנעל פארבונדן מיט דער בריטישער מאכט.

ביידע צדדים וואס האבן געפירט מלחמה האבן שטרענג גע־האלטן דעם אפמאך אפצוהיטן דעם נייטראליטעט פון די סקאנדינא־ווישע לענדער. די קריגס־צדדים האבן אפילו געהאנדלט דורך די סקאנדינאווישע לענדער, ס'איז געווען א מין „דזשענטעלמען אגרימענט", א זאך וואס וואלט געווען אבסאלוט אוממעגלעך אין דער צווייטער מלחמה, ווען דייטשלאנד האט פראקלאמירט דעם פרינציפ פון א טאטאלער מלחמה ד. ה. מלחמה אויף טויט און לעבן, ד. ה. מלחמה אן שום קאנווענציאנעלע סענטימענטן. די ערשטע וועלט מלחמה איז געווען אין דער אמת'ן א פארשפיל צו דער צווייטער.

אין דעם נייטראלן קאפענהאגן האבן זיך געפונען קארעספאנ־דענטן פון די ענגלישע, פראנצויזישע און רוסישע צייטונגען פון איין זייט, און דייטשע, איטאליענישע און עסטרייכישע פון דער אנדערער זייט, געשעפטס־לייט פון ביידע זייטן. און מסתמא אויך נישט ווייניק אגענטן און שפיאנען. א געמיטלעכע הויפטשטאט מיט א ליבענס־ווירדיקער באפעלקערונג, האט זיך קאפענהאגן פארוואנדלט מיט אמאל אין א טומלדיקן ארט מיט א מאסע אויסלענדישע געשטאלטן אויף די גאסן. דאס לעבן איז געווען באקוועם און ביליק, אויסלענ־דער האבן גוט געצאלט און גענומען אריינברענגען די ערשטע עלע־מענטן פון דעמאראליזאציע.

אין דער שפיץ פון לאנד איז געשטאנען א ליבעראלע רעגירונג און א וויכטיקע ראלע אין דער רעגירונג האט געשפילט דער פינאנץ־מיניסטער עדוארד בראנדעס, א ברודער פון דעם בארימטן ליטערא־טור־היסטאריקער געארג בראנדעס, אליין א וויסנשאפטס־מאן, א באקאנטער פובליציסט, דער גרינדער פון „פאליטיקען", איינער פון

די אקטיווסטע פירערס פון דער ליבעראלער (ראדיקאלער) פארטיי.

עס איז אוועק א שטיק צייט איידער מיר, אויסלענדישע זשורנאליסטן, האבן זיך ארומגעזעען און זיך באקענט מיט דער דענישער סביבה און עס האט גענומען נאך מער צייט איידער מיר האבן באקומען צו וויסן וואס פאר א אינטערעסאנטער יידישער צענטער דא איז. מען האט געוווסט, אז די קליינע יידישע באפעלקערונג, סך הכל א זעקס אדער זיבן טויזנט נפשות, באשטייט פון אן ערך א העלפט דענישע תושבים, ד. ה. דענישע יידן מיט א געשיכטע פון א ביסל מער ווי הונדערט יאר הינטער זיך, און א העלפט מזרח־איראפעאישע יידן, ס'רוב פון פוילן, צוגערייזטע יידן פאר די לעצטע צוואנציק אדער דרייסיק יאר. צווישן די צוויי טיילן איז נישט געווען קיין שום פארבינדונג און די דענישע יידן האבן געקוקט פון אויבן אראפ אויף די נייע איינגעוואנדערטע. א קליין ביבעלע פון דעם שטאטסטאטיסטיקער האט דווקא דערציילט, אז דער גרעסטער טייל פון די נייע איינגעוואנדערטע, א פאר טויזנט מענטשן, זענען גוטע ארבעטער און שטעלן מיט זיך פאר א נוצלעכע גרופע, וועלכע האט זיך גוט אריינגעפאסט אין די עקאנאמישע באדינגונגען פונם לאנד. דאס האט אבער נישט געענדערט די קעגנזייטיקע באציאונגען.

עס האט אבער גענומען נישט פיל צייט ביז די באציאונגען פון אלט איינגעזעסענע יידן צו די נייע איינגעוואנדערטע האט זיך גענומען ענדערן צו בעסטן. אפשר איז דאס געווען קעגן זייער איינגענעם ווילן, אבער זיי האבן פארשטאנען זייער פאראנטווארטלעכקייט אין די קריטישע צייטן און האבן פארזוכט ביסלעכווייז צו קומען אין אן ענגערן קאנטאקט מיט די נייע בירגער פונם לאנד.

די צענטראלע פערזענלעכקייט צווישן די דענישע יידן איז אן שום צווייפל געווען פראפעסאר ד. סימאנסען, דער רב הכולל פון דענעמארק אין פארלויף פון א סך יארן, א באדייטנדער געלערנטער — א שילער פון דעם היסטאריקער גרעץ אין דעם ברעסלויער סעמינאר, א נאענטער פריינט פון צוויי אנדערע בארימטע שילער פון גרעץ, די צוויי גרויסע לומדים און רבנים, פאזנאנסקי און גאסטער, דער ערשטער א רב הכולל פון ווארשע און דער צווייטער רב הכולל פון די ספרדישע יידן אין ענגלאנד, א מחבר פון גרויסע ווערק וועגן

ד׳ער געשיכטע פון קאַראַאימען און כאַזאַרן. גאַסטער אַ מעכטיקער מאַן, מיט אַ אייזערנעם ווילן און אַ שטימע וואָס האָט געהילכט ווי אַ דונער האָט געשפּילט אין יידישן עפנטלעכן לעבן פון ענגלאַנד זייער אַ גרויסע ראָלע. דרך אגב, אין זיין הויז זענען פאַרגעקומען די פאַרשידענע באַראַטונגען בשעת, דער ערשטער וועלט-מלחמה, וועלכע האָבן געפירט צו דער אַזוי גערופענער באַלפור־דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער רעגירונג וועגן אַ „נאַציאָנאַלער היים" פאַר יידן אין פאַלעסטינע.

מיר איז אויסגעקומען צו טרעפן אין פאַרשידענע צייטן די דאָזיקע דריי באַרימטע תלמידים פון גרעץ. פּראָפעסאָר סימאָנסען איז געווען דער געלאַסנסטער פון זיי, דער רואיקסטער אויסער־לעך, אָבער איך גלויב אויך דער אַקטיווסטער און אוניווערסאַלסטער פון זיי : שטענדיק פאַרבראַכט אין זיין קאָלאָסאַלער ביבליאָטעק, איינע פון די גרעסטע פריוואַטע יודאיקאַ־זאַמלונגען אין אייראָפּע. שטענדיק געלערנט און געמאַכט נאָטיצן, האָט ער אָפּגעגעבן זיין צייט יידישע כלל־ענינים, געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט דער אַמעריקן דזשוּאיש קאָמיטי אין ניו־יאָרק, מיט בערלין, פּאַריז און לאָנדאָן, שטענדיק געטאָן פּראַקטישע אַרבעט ד. .ה. אויסגעפירט וויכטיקע שליחות, קיין מאָל נישט געזאָגט ניין צו מענטשן, וועלכע האָבן ביי אים געבעטן אַ טובה, געווען אַ שטענדיקער באַטייליקטער אין אַלערליי „אַקציעס" פאַר געלט־זאַמלונגען.

דערווייל איז קאָפּענהאַגן געוואָרן נישט קיין קליינער פּאָליטי־שער צענטער פאַר נישט־יידישע, אָבער אויך פאַר יידישע באַוועגונ־גען. דאָ איז געזעסן אַ רייע רוסישע אַלטע רעוואָלוציאָנערן, — צווישן זיי אויך אוריצקי, דער שפּעטערדיקער גרינדער פון דער טשע־קאַ אין פּעטערסבורג, — וועלכע האָבן זיך געזאַמלט אַרום לענין און טראָצקי ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן. אַהער איז אויך אַריבערגעפירט געוואָרן פון בערלין דאָס צענטראַל־ביוראָ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָ האָבן רעזידירט לעאָ מאָצקין און דר. וויקטאָר איסאַקאָוויטש יאַקאָבסאָן, דער אינטימער פריינד פון חיים ווייצמאַן און דער דיפּלאָמאַטישער פאַרמיטלער פון דער ציוני־סטישער אָרגאַניזאַציע. פּאַלעסטינע האָט נאָך דענסטמאָל געהערט

צו טערקיי, וועלכע האָט זיך באַטייליקט אין דער מלחמה אַלס אַ פאַרבינדעטער פון דייטשלאַנד און עסטרייך קעגן רוסלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געדאַרפט האַלטן נייטראַליטעט אָבער די טערקישע רעגירונג האָט נישט געגלויבט יידן און האָט באַרבאַריש גערודפט די קליינע יידישע ישובים אין פאַלעסטינע.

האָט זיך געוועבט פון קאָפּענהאַגן אַן אַלוועלטלעכע נעץ פון פאָליטישע פאַרבינדונגען. לעאָ מאָצקין האָט חוץ אַלעמען פאַרטראָטן די פאָליטישע אינטערעסן פון דעם געפייניגטן רוסישן יידנטום. מען פלעגט אַהער ברענגען וויכטיקע מאַטעריאַלן, אינפאָרמאַציעס און דאָקומענטן.

אין די אַלע אַקציעס האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט פּראָפ. סימאָנסען. דאָ איז ער געקומען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט מזרח־אייראָפּעאישע יידישע כלל־טוערס. די אָנגענומענע אַלגעמיינע איינשטעלונג דאָ צו אונז איז געווען די אייגענע ווי אַמאָל אין דייטשלאַנד — מען דאַרף „זיי" העלפן, די „אומגליקלעכע ברידער" פון מזרח־אייראָפּע מיט וואָס מען קען, אָבער מען דאַרף זיי אויך האַלטן אויף אַ געוויסע דיסטאַנץ פון זיך. ניט פאַרגעסן, אַז זייער קולטורעלער מצב, איז פאָרט אַ נידעריקער. די איינשטעלונג האָט ניט געהאַט פּראָפעסאָר סימאָנסען. ער האָט גוט געקענט די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, האָט פּערזענלעך געקענט שלום עליכם, זלמן שניאור א גרויסע צאָל אַנדערע יידישע שרייבער. אים האָט אימפּאָנירט די מענטאַליטעט און דאָס וועזן פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום און זייענדיק פון אַלטע צייטן אַ שתדלן ביים דענישן הויף לטובת דעם רוסישן יידנטום — מאַריאַ פּיאָדאָראָוונאַ ! — האָט ער געוווּסט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם צו יענער צייט לעבעדיקסטן און וויכטיקסטן יידישן צענטער.

איך פלעג אָפט און אַ סך פאַרברענגען ביי דעם דאָזיקן זעלטענעם יידישן מענטשן מיט אַ וואַרימען האַרץ, מיט אַ ריין יידישן פאָלקסטימלעכן געפיל און מיט אַזאַ שטאַרקן באַוווּסטזיין פון זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פליכט צו העלפן זיין פאָלק. אויף אַן אַנדער אופן און מיט אַ שטורמישן יידישן טעמפּעראַמענט האָט אַמאָל

אין בערלין רעאגירט אויף יידישע קאטאסטראפעס אין רוסלאנד אן אנדער למדן, דער באקאנטער הרב הילדעסהיימער, וועלכער האט געקענט ביי זיך פועלן אויפצושטיין פרייטיק צו נאכט פונם טיש און ארומריידן מיט מיר, נישט קוקנדיק אויף די פראטעסטן פון דער רבי׳צן, דעם ענין פון איינקויפן אין בערלין וואפן פאר דער יידישער זעלבסטשוץ אין רוסלאנד, אין 1905. זענען נאך דא היינט צווישן אונזערע ארטאדאקסן אזעלכע יידן ?

א זעלטענע יידישע פערזענלעכקייט פון גאר אן אנדער מין האב איך דערנסטמאל געטראפן אין קאפענהאגן — דער דראמאטורג און נאוועליסט הענרי נאטאנסען. געבוירן אין א קליין שטעטל אין יוט־לאנד, אן א שום פארבינדונג מיט א יידישער סביבה ווייל אינם שטעטל זענען בכלל נישט געווען קיין יידן, אן אדוואקאט פון בארוף, האט ער אלס שרייבער און טעאטער־מאן געהאט מיט אמאל א גרויסן דערפאלג — ביי די דענער, אבער נישט ביי די דענישע יידן. ער איז פאר זיי געווען א צו סענסיטיווער ייד, צופיל גערעדט וועגן אנטי־יידישע פארפאלגונגען, צו שטארק רעאגירט אויף אנטי־סעמיטישע שטיק, — וועלכע האבן קיינמאל נישט געפעלט אין דע־נעמארק, — און איז צו אגרעסיוו אויפגעטרעטן. זיין יידיש־דענישע חתונה קאמעדיע „ הינטער די מויערן״, אנגעשריבן נאך מיט עטלע־כע פערציק יאר צוריק, ווערט נאך איצט געשפילט אין דעם קעניג־לעכן טעאטער. זיינע ראמאנען, אין וועלכע ער שילדערט מיט א באמת גרויסער מייסטערשאפט יידיש־לעבן און די יידישע בירגערלעכע סביבה אינמיטן פון א דענישער סביבה ווערן נאך א סך געלייענט. אבער זיין נאטור איז פון שטענדיק אן געווען א טיף מעלאנכאלישע. ער האט חתונה געהאט מיט א קריסטלעכער פרוי, וועלכע האט אים אפגעהיט זיין גאנץ לעבן ווי א קינד, אבער מיט איר ליבע אים נאך מער איזאלירט פון דער אויסערער וועלט, געמאכט אים פרעמד אפילו פאר זיין אייגענער פאמיליע. יארנלאנג האט ער געליטן פון א גייס־טיקער דעפרעסיע. בשעת דער דייטשער אקופאציע פון דענעמארק אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אנטלאפן קיין שוועדן, געלעבט אין דער אוניווערסיטעט־שטאט לונד, און, שוין נאך דער באפרייאונג פון דענעמארק האט ער באגאנגען זעלבסטמארד.

די שווידערלעכע טראַגעדיע דערמאָנט דעם טראַגישן טויט פון סטעפאַן צווייג. זיי האָבן ביידע געהאַט גרויסע, וואונדערבאַר שיינע שוואַרץ־בלויע אויגן, טיפּיש יידישע אויגן מיט אַן אייגנאַרטיקן ווייכן גלאַנץ אין זייערע בליקן. ביידע האָבן זיי געזען, אַז די וועלט פון נעכטן איז שוין מער נישטאָ און אַז די וועלט פון היינט איז נישט ווערט, מען זאָל אין איר לעבן.

מיט הענרי נאַטאַנסען האָב איך זיך געטראָפן און באַקאַנט געוואָרן אינגיכן נאָך דעם ווי איך בין געקומען קיין קאָפּענהאַגן און זיך דאָ באַזעצט. איך בין געווען פּאַקטיש דער ערשטער מזרח־אייראָפּעאישער ייד מיט וועמען ער האָט געהאַט צו טאָן. דאָס איז געוואָרן פאַר אים אַ פאַקט פון גאָר אַ גרויסע באַדייטונג. מיט יאָרן צוריק האָט ער איבערגעלעבט אַ מין דראַמע, וועגן וועלכער ער האָט מיט מיר גערעדט עטלעכע מאָל, אַ געשעעניש וואָס האָט באַוויזן דעם גאַנצן תהום צווישן „זייערע" באַגריפן וועגן אונדז און אונזערע וועגן זיי:

נאַטאַנסען האָט געהערט, אַז פון ליבאַווע פאָרן שיפן מיט יידישע עמיגראַנטן איבער קאָפּענהאַגן קיין אַמעריקע. אַ גרויסן אינטערעס האָט ער געהאַט צו באַגעגענען אַזעלכע עמיגראַנטן, איז ער אַוועקגעגאַנגען אַמאָל אין פּאָרט צו טרעפן אַזאַ שיף מיט וואַנדערנדע יידן. כדי צו אויסדריקן זיין סימפּאַטיע האָט ער געקויפט פיינע דענישע ברויטלעך און געוואָלט מיט זיי מכבד זיין די דורכרייזנדע. די עמיגראַנטן האָט מען נישט אַרויסגעלאָזן אויפן ברעג. שטייט דער דעניש־יידישער שרייבער און קוקט אויף די עמיגראַנטן ווי אויף געפאַנגענע. דאָס האַרץ האָט אים וויי געטאָן באַטראַכטנדיק די פאַרוואָגלטע יידן פון מזרח־אייראָפּע, האָט ער גענומען דאָס פעקל מיט ברויט און אַריבערגעוואָרפן דאָס צו די מענטשן אויפן שיף. די עמיגראַנטן האָבן מיט דערשטוינונג באַטראַכט דעם מערקווירדיקן גאַסט. פּלוצלונג האָט איינער נאָכן אַנדערן גענומען באָמבאַרדירן דעם גאַסט מיט די ברויטלעך אַזוי ווי דאָס וואָלטן געווען שטיינער. זיי האָבן עס געטאָן מיט אַזאַ כעס, אַז ער האָט געמוזט אַנטלויפן. פון דער באַגעגעניש צווישן די „ברידער" איז אַרויסגעקומען גאָר אַ ביטערע מיספאַרשטענדניש, פון וועלכן דער דיכטער פון יידישע ליידן

האָט אַ לאַנגע צייט זיך נישט געקענט באַפרייען. ער האָט פאַרשטאַנען זיין פעלער. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט טרעפן אַ סטאַרע געיאָגטע און געפּלאָגטע יידן וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן אפילו דאָס מענטשלעכע פּנים, און האָט זיך פּלוצלונג אָנגעשטויסן אין אַ גרופּע יידן, וועלכע האָבן טאַקע אַלץ פאַרלוירן, אָבער נישט פאַרלוירן זייער מענטשלעכע ווירדע און שטאָלץ. אפילו סימפּאַטיע וואָס איז געגרינדעט אויף אַ פאַרשטעלונג וועגן זיי ווי זיי וואָלטן געווען פּשוטע וואַגאַבונדן, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו אַקצעפּטירן.

העגרי נאַטאַנסען איז געווען זייער אַ נאָענטער פריינד מיט געאָרג בראַנדעס און אַ רייע אַנגעזעענע דענישע שרייבער, אָבער אַליין האָט ע ר זיך געפילט איזאָלירט און האָט זיך דערמיט ווי כמעט געקוויקט. עס האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַן ערנסטע גייסטיקע קראַנקהייט. ער האָט געזוכט יידישקייט ווי דעם פאַרלוירענעם גן עדן, אָבער ער האָט נישט געוווּסט אין דער אמת'ן וואָס איז אַזוינס יידישקייט, אין וואָס דאָס דריקט זיך אויס, ווי אַזוי מען קולטיווירט עס. דער דעניש יידישער ישוב איז געווען פאַר אים אַ קאַריקאַטור פון אַ יידישער געמיינשאַפט. האָט ער איר געוואָרפן אין פּנים זיין פאַראַכטונג ; די יידישע מנהיגים האָבן אָבער נישט געקענט פאַרשטיין וואָס וויל ער פון זיי, פאַר וואָס איז ער אַזוי אויפגעבראַכט אויף זיי וועלכע טראָגן מיט אַזוי פיל כבוד און שטאָלץ זייער יידישן איך.

⁂

די דאָזיקע כלומרשט לאָקאַלע יידישע דראַמע איז אפילו אָן אַ גרויסער באַדייטונג פאַר דעם גרויסן יידישע כלל ווייל דער ישוב איז געווען קליין און געבליבן קליין. פאַר מיר אָבער האָט דער פיינלעכער קאָנפליקט צווישן דער געמיינדע און דעם שרייבער אויסגעזען ווי זייער אַ וויכטיקע געשעעניש. ווייל די צדדים האָבן גענומען דעם קאָנפליקט זייער ערנסט און ווייל אין דער געשיכטע פון דעם דענישן יידנטום האָבן זיך שוין פריער אָפּגעשפּילט ערנסטע יידישע געזעלשאַפטלעכע דראַמעס.

יידן האָבן אריינגעגאָסן אַ שיין ביסל טראָפּן אין די וואַסערן פון דער דענישער קולטור. איינער פון די פּאָפּולערסטע דענישע קלאַסיקער־דראַמאַטורגן איז ביז צום היינטיקן טאָג פאַרבליבן הענ־

ריק הערץ (1870-1797); ער איז אויב נישט א פראנצויזישער מאָליער אויף דעניש איז ער יעדנפאלס א מין אָסטראָווסקי אויף דעניש. כמעט יעדן סעזאָן שפּילט דאָס קעניגלעכע טעאַטער א פּאָר פון זיינע זאַכן.

העגריק הערץ האָט געשטאַמט פון אן אָרימער יידישער בעקער־פאַמיליע, איז געוואָרן א שרייבער אין א צייט, ווען יידן האָט זיך נישט געלעבט אין דעם קליינעם, אָרימען און דענסטמאָל זייער אָפּ־געשטאַנענעם לאַנד זייער גוט, און ווו יידן פלעגט מען אויך פון צייט צו צייט — ס׳רוב פּורים, ווען יידן האָבן געפּייערט דעם נצחון איבער המנען! — געבן קלעפּ, מאַכן אויף זיי א שטיקל פּאָגראָם, איינברעכן די פענצטער, שלאָגן אויף די גאַסן. העגריק הערץ האָט נישט געוואָנט ארויסצוגעבן זיינע פּיעסן אונטער זיין אייגענעם נאָמען. ער איז אריין אין דער דענישער ליטעראַטור אנאָנים, אַזוי צו זאָגן דורך א הינטער טיר. ער איז געווען א דיכטער פון גאָט׳ס גנאָד, אָבער מורא געהאַט פאַר זיין אייגענעם שאָטן. ערשט אין די עלטערע יאָרן האָט ער זיך דערלויבט צו באַווייזן זיין אמת׳ן פּנים און זיין נאָמען.

אין דער אייגענער צייט האָט אויף דער בינע פון דעם קעניגלעכן טעאַטער אין קאָפּענהאַגן געהערשט א גרויסע שוישפּילערין, יאָהאַנע לואיזע הייבערג, די פרוי פון איינעם פון די גרעסטע קולטור־פאַר־זענלעכקייטן אין לאַנד, א שרייבער מיט דעם נאָמען יאָהאַן ל. הייבערג. די דאָזיקע שוישפּילערין וואָס איז געוואָרן א מיטל־פּונקט אין קאָפּענהאַגן האָט גראָדע נישט געשטאַמט פון זייער א גרויסע אריסטאָקראַטיע. טאַטע מאַמע האָבן זיך באַקענט אַמאָל אויף דער גאַס, ווייל זיי זענען געווען גאַסן־מענטשן: דער טאַטע איז געווען א דייטש און א שיכור, די מאַמע — א יידישע פרוי וואָס האָט גע־האַט הינטער דער שטאָט א צירק־ביידל. איין מאָל ווען טאַטע־מאַמע האָבן געהאַלטן אין זידלען זיך האָט דאָס מיידל דערהערט ווי דער פאָטער ווארפט דער מוטער אין פּנים אריין:

— דו, יידינע!...

אין אירע זכרונות שרייבט די גרויסע שוישפּילערין, אַז דער טאָג ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז זי האָט א יידישע מוטער, איז געוואָרן

דער שוואַרצער טאָג פון איר גאַנצן לעבן. ווען זי האָט חתונה געהאַט און שפּעטער געגומען די עלטערן צו זיך האָט זי באַשלאָסן אויס־מעקן דעם שוואַרצן פלעק און, אפשמדן די מוטער: האָט מען גענומען אַ גלח וואָס האָט זי געדאַרפט צוגרייטן צו דעם הייליקן אַקט. אַלץ איז געגאַנגען גוט, נאָר איין מאָל, בשעת אַ לעקציע, האָט דער גלח געמאַכט דעם פאַרזוך צו פאַרגוואַלטיקן די יידענע. עס איז אַרויס אַ מיאוסער סקאַנדאַל — מסתמא האָט מען אָפּגעשמדט די פיינע דאַמע אָן שום צוגרייטונגען.

יאָהאַנע לואיזע הייבערג'ס הויז איז געווען ווי געזאָגט, אַ וויכ־טיקער סאַלאָן פאַר דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע פון דער הויפּט־שטאָט פון לאַנד. דער בישאָף אַליין — און דאָס האָט געהאַט אַ סך צו זאָגן אין יענע צייטן — פלעגט קומען כדי צו אונטערהאַלטן זיך מיט דער גרויסער שוישפּילערין. די פּראָטעסטאַנטישע קירכע האָט בכלל געשפּילט אַ דאָמינירנדע ראָלע אין די צפון לענדער. די פּראָטעסטאַנטישע בישאָפן און גלחים זענען געווען די הויפּט־שטי־צע פון דער קולטורעלער און פּאָליטישער רעאַקציע, אָפט אַ געפער־לעכער קוואַל פון אַנטיסעמיטיזם, געאַרבעט ווי אמת'ע גיפטשלאַנגען.

אַ וויכטיקער יידישער כלל-טוער איז אין יענע צייטן געווען אַ סוחר מיטן נאָמען נאַטאַנסאָן. דער ראש הקהל פון דער געמיינדע. די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעשמדט. איין זון איז גע־וואָרן אַ גלח. איינער האָט געביטן זיין נאָמען אויף נאַנסען. דאָס איז דער פאָטער פון דעם זייער באַקאַנטן דענישן שרייבער פּעטער נאַנ־סען. די קליינע געמיינדע האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי איר יידיש־קייט, אַזוי ווי זי וואָלט געוואַרט אויף נייע צייטן מיט אַ נייער איינ־וואַנדערונג פון יידן. דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען אין אַ צושטאַנד פון אַ פּאָליטישער לעטאַרגיע.

נאָך דער פרילינג־רעוואָלוציע פון 1848 אין גאַנץ אייראָפּע האָט מען אויך אין צפון געוואַרט אויף רעפאָרמען, אויף פרישע לופט, אויף אַ געוויסער דעמאָקראַטיזירונג פון דער רעגירונג און פאַרוואַל־טונג, אָבער דאָס זענען געווען פוסטע האָפענונגען. צווייי יידן איז באַשערט געווען צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין די גרויסע געשעע־נישן וועלכע האָבן סוף כל סוף געבראַכט מיט זיך די „נייע צייטן" :

מאיר אהרן גאָלדשמידט, דער היינט אנערקענטער גרונטלייגער פון דער נייער דענישער ליטעראַטור און עטלעכע צענדליק יאָרן שפּעטער די ברידער געאָרג און עדוואַרד בראַנדעס.

***

דריי גרויסע פראַנצויזישע בלעטער — „זשוועל ליטערער", „פיגאַראָ ליטערער" און „לע מאָנד" — האָבן נישט לאַנג געווידמעט גרויסע אַרטיקלען דעם שרייבער, וועמען יידן וואָלטן אויך געדאַרפט אַרויסווייזן אַן ערנסטן אינטערעס. עס איז ערשט אַרויס פון דרוק אַ גרויסער באַנד אויף פראַנצויזיש: „די קאָרעספּאָנדענץ פון געאָרג בראַנדעס". נאָר די נאָטיצן צו דעם באַנד מיט אַלערליי אויפקלערונגען פאַרנעמען אַ פּאָר הונדערט זייטן. אויף דעם באַנד שטייט געדרוקט „באַנד 1" און אַ פּאָר ווייטערע בענדער וועלן אַרויסקומען אין אַ צייט אַרום.

אייגנטלעך איז דאָס נישט דער ערשטער באַנד, ווייל מיט אַן ערך צען יאָר צוריק זענען אַרויס אַכט בענדער פון די ברידער „געאָרג און עדוואַרד בראַנדעס קאָרעספּאָנדענץ מיט די סקאַנדינאַווישע שרייבער". דער באַנד, וואָס איצט אַרויס אויף פראַנצויזיש אַנטהאַלט די קאָרעספּאָנדענץ פון געאָרג מיט די פראַנצויזישע און איטאַליענישע שרייבער. אין דעם דאָזיקן באַנד איז דאָ אויך די קאָרעספּאָנדענץ פון געאָרג בראַנדעס מיט דעם באַרימטן יידיש־פראַנצויזישן פילאָזאָף עמיל מאיערסאָן, וועמענס געשטאַלט און נאָמען דאַרפן נאָך געדענקען פּאַריזער יידן פון דעם עלטערן דור.

דער יידיש־דענישער ליטעראַטור־היסטאָריקער געאָרג בראַנדעס איז אַמאָל געווען אַ זייער גערן אָנגעזעענער גאַסט אין די וויכטיקסטע פּאַריזער ליטעראַרישע סאַלאָנען, אַ נאָענטער פריינד פון אַנאַטאָל פראַנס, קלעמאַנסאָ, ראָמען ראָלאַן, פּאָל וואַלערי, קלאָדעל, זשיד א. א. וו. די פראַנצויזישע ליטעראַרישע וועלט האָט געהאַט יעדן גרונט אַרויסצווייזן געאָרג בראַנדעסן די גרעסטע פריינדשאַפט: אַ פערזענלעכער פריינד פון היפּאָליט טען און רענאַן, האָט בראַנדעס געשריבן און געהאַלטן פאָרלעזונגען וועגן פראַנצויזישער ליטעראַטור אין אַלע עקן וועלט.

די פראַנצויזישע קריטיקער געפינען זיך אין היפּש גרויסער פאַר־

לעגנהייט זיי האָבן ערשט איצט אַנטדעקט, אַז פֿון דער קאָלאָסאַלער ליטעראַרישער פּראָדוקציע פֿון געאָרג בראַנדעס, וועלכער האָט גע־שריבן אויף דעניש, איז כמעט גאָרנישט נישטאָ אויף פראַנצויזיש. בראַנדעס איז געלייענט געוואָרן ס׳רוב אין דייטשלאַנד און אין רוס־לאַנד, נישט רעדנדיק שוין פֿון די סקאַנדינאַווישע לענדער. אָבער געצויגן האָט אים שטענדיק קיין פּאַריז, צווישן פראַנצויזן האָט ער זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים און קורץ פאַר זיין טויט — ער איז געשטאָרבן פרילינג 1927 אין עלטער פון 85 יאָר — האָט ער ווידער באַזוכט פּאַריז, געקומען געזעגענען זיך מיט פּאַריז.

דער לעצטער באַזוך אין פּאַריז האָט אים פאַרשאַפט נישט ווייניק עגמת נפש. אַלע אָנשטרענגונגען פון זיינע פריינט צו מאַכן שלום צווישן אים און קלעמאַנסאָ — דער טיגער האָט נאָך געלעבט — האָבן נישט געפירט צו קיין רעזולטאַט צוליב דער עקשנות פון קלע־מאַנסאָ. צווישן די צוויי פריינד איז פאָרגעקומען אַ קאָנפליקט בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַ ביטערער קאָנפליקט.

***

די ערשטע וועלט־מלחמה איז כמעט פאַרגעסן. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט געשלאָגן אַלע רעקאָרדן אין צעשטערונג, אין מענטשלע־כער ברוטאַליטעט, אין אויסשלאַכטן מיליאָנען ציווילע מענטשן, פרויען און קינדער, אין „אידעאָלאָגיעס״, וואָס אפילו דער מיטל־אַלטער האָט זייער זעלטן געקענט. אָבער עס איז געווען גענוג דראַמע און אומגליק אויך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פראַנקרייך האָט געפירט אַ קאַמף אויף טויט און לעבן פאַר איר עקזיסטענץ און אין דער שפּיץ פון לאַנד איז געשטאַנען קלעמאַנסאָ, וועלכער האָט זינט דער מלחמה פון 1870־1871 נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן די ווערטער: „דער דייטש וועט ווידער קומען אַהער״. ער האָט איבערגעלעבט דאָס בלוט־פאַרגיסן ביי דער פאַרניכטונג פון דער קאָמונע, ער האָט איבערגעלעבט גענעראַל בולאַנזשע און ווי אַ העלד האָט ער געפירט דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דרייפוס אַלס אַן אומשולדיקן קרבן. אָבער ער האָט שטענדיק געזען פאַר זיך די געפאַר פון אַ נייער דייטשער אינוואַזיע. ביז די שעה איז געקומען. כדי צו באַגעגענען די דייטשע געפאַר איז פראַנקרייך געווען גרייט

צו פאַרייניקן זיך אַפילו מיט דעם רוסישן צאַרישן רעזשים, וועלכער האָט אָנגעהויבן די מלחמה פון 1914 מיט פּאָגראָמען אויף יידן, מיט דער דעפּאָרטאַציע פון 600 טויזנט יידן און מיט דעם טעראָר פון ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשן און גענעראַל יאַנושקעוויטש. ווער קען פאַרגעסן, וואָס די רוסישע אַרמיי האָט אין יענע יאָרן אָפּגעטאָן אין פּוילן און ליטע מיט דער הילף, מיט אויפריכטיקער הילף פון די נאַציאָנאַליסטיש־געשטימטע פּאָלאַקן? ווער האָט געקענט פאַרבלייבן גלייכגילטיק?

ווען קלעמאַנסאָ האָט זיך געווענדעט צו דער קולטור־וועלט צו פאַרדאַמען די דייטשע אַגרעסיע און האָט זיך געווענדעט אויך צו געאָרג בראַנדעס אונטערצושרייבן דעם אויפרוף, האָט זיך בראַנדעס אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן. קלעמאַנסאָ איז דאַמאָלט אַרויס מיט אַ גרויסן אַרטיקל אין זיין צייטונג „ל'האָם ליבר”. דער אַרטיקל האָט געהייסן „אַדיע בראַנדעס!” און בראַנדעס האָט געענטפערט. די גאַנצע פּאָלעמיק, אַ הונדערט געדרוקטע זייטן פון אַ בוך, געפינט זיך אין דעם באַנד מיט נאָטיצן, געדרוקט אַלס ביילאַגע צו דער „קאָרעספּאָנדענץ”. מען קאָן נאָך היינט נישט לייענען אָן האַרץ־קלאַפּעניש און סימפּאַטיע דאָס אַרטיקל פון קלעמאַנסאָ. מען קאָן פאַרשטיין די מאָטיוון פון דעם הומאַניסט און פּאַציפיסט בראַנדעס, אָבער מען ווערט איינגאַנצן פאַרכאַפּט פון די אַרגומענטן און דעם פּאַטאָס פון דעם טיגער.

די פראַנצויזישע ליטעראַטור־קריטיקער דערמאָנען דעם קאָנפליקט, אָבער זיי דערמאָנען אויך די ראָלע וואָס בראַנדעס האָט געשפּילט אין פאַרשפּרייטן די אידעען פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. עמיל אַנריאָ שרייבט אין „לע מאָנד”:

— געאָרג בראַנדעס איז גאָרנישט געבליבן שולדיק פראַנקרייך!...

***

אין 1952 איז געוואָרן 25 יאָר זינט געאָרג בראַנדעס איז געשטאָרבן. זיינע ווערק אויף וועלכע עס זענען דערצויגן געוואָרן עטלעכע דורות פון דער אינטעליגענץ אין די סקאַנדינאַווישע לענדער זענען זייער ווייניק געלייענט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן. זיין ליטעראַרישע קאַריערע האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ רייע ביכער קעגן

דעם קריסטענטום און דעם נייעם טעסטאַמענט. אין דעם ווערק וועגן דעם עוואַנגעליום פון אַפּאָסטאַל פּאַול מאַכט ער אַ וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז, ווייזט אָן ווי אַזוי דאָס עוואַנגעליום איז צוזאַמענגעשטיקעוועט געוואָרן פון פאַרשידענע פרעמדע שטאָפן און מאַכט חוזק פון דער גאַנצער לעגענדע. אָבער זיין צייט קומט פריער אָדער שפּעטער. ער איז געווען דער באַרופענער פירער פון דער גוואַרדיע אין קאַמף קעגן דער קולטורעלער און פּאָליטישער רעאַקציע אין די זיבעציקער און אכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט.

גערג בראַנדעס איז געווען דער ערשטער ביאָגראַפיע־שרייבער פון פערדינאַנד לאַסאַל. אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן איז דאָס געווען דאָס איינציקע וויכטיקע ווערק וועגן דעם בויער פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. איינע פון די ערשטע ווערק וועגן ד׳איזראַעלי־ביקאָנספילד, ווען דער ענגלישער שטאַאַטסמאַן פון יידישער אָפּשטאַם האָט נאָך געלעבט, האָט אָנגעשריבן גערג בראַנדעס. וועגן היינע און בערנע האָט בראַנדעס אָנגעשריבן גלענצענדע ווערק. אין אַלע זיינע גרויסע ווערק, צי עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן וואָלטער, אָדער מיקעל אַנדזשעלאָ, אָדער צעזאַר אָדער שעקספּיר — האָט ער שטענדיק אַרויסגעבראַכט די יידישע עלעמענטן אין זייערע ווערק. ער האָט פּראָטעסטירט קעגן יידישע פאַרפאָלגונגען אין רומעניע אין די צייטן פון דעם בערלינער קאָנגרעס און ער איז שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן פּוילנס אַכזריות בנוגע צו יידן. אָבער יידן האָבן אים פאַרשריגן אַלס „פאַררעטער”, ווייל ער האָט נישט געטראָגן קיין ציצית און נישט געדאַוונט אין צוויי פּאָר תפילין. ער האָט קיינמאָל קיין וואָרט נישט געזאָגט וועגן ציוניזם, אָבער ווייל ער האָט אויף דער איינלאַדונג פון דר. הערצל צו ווערן זיינער אַ מיטלויפער געענטפערט מיט אַ פריינדלעכן „ניין”! האָט אים מאַקס נאָרדוי געזידלט און די געלע שקל־יידעלעך האָבן אויף אים געוואָרפן שטיינער.

איצט האָבן די דענישע גוים ווידער דערמאָנט די וועלט וועגן זייער „אייגענעם” יידישן גדול. און די פראַנצויזישע פריינד האָבן זיך אָפּגערופן נישט ווייניקער וואַרעם, אַז ער איז אויך צווישן זיי געווען אַן אייגענער...

אַמעריקע

1.

עס איז ביז צום הייַנטיקן טאָג נישט פעסטגעשטעלט צי קאָלאָמ־בוס איז געווען אַ ייִד אָדער אַ נישט־ייִדישער ים־רייזנדער וועמען ייִדן האָבן געהאָלפן צוגרייטן זייַן עקספּעדיציע, וועלכע האָט אַנט־דעקט אַמעריקע. אָבער עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז דאָס לאַנד וואָס איז דעמאָלט אַנטדעקט געוואָרן האָט געשפּילט אין דער נייַער ייִדישער געשיכטע אַ געוואַלדיק וויכטיקע ראָלע, האָט געשפּילט, שפּילט הייַנט און וועט זיכער שפּילן אין דער צוקונפט.

אַ נייַע טעריטאָריע אָדער נייַע טעריטאָריעס זענען בשעת דער הערשאַפט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע געוואָרן פאַר ייִדן אַ לעבנס־נויטווענדיקייט, אַ פראַגע פון טויט און לעבן. גאַנץ אייראָפּע האָט זיך געקאָרטשעט אין ווייטאָגן, דאָס מיטלאַלטער האָט זיך טיף איינגעביסן, האָפענונגסלאָזע פינצטערניש האָט באַדעקט דעם הימל. ווי אַזוי האָבן ייִדן געקענט, איבערקומען יענע צייַטן? מוז מען זיך אָפּט פרעגן.

ייִדן זענען מאַסנווייַז געלאָפן אויף די מערב־אינדישע אינזלען, פון דאַנען אין די דעמאָלט אומבאַקאַנטע לענדער פון צענטראַל־אַמע־ריקע. די אינקוויזיציע איז זיי נאָכגעלאָפן. הונדערטער יאָרן זענען אַוועקגעגאַנגען ביז די נייַע וועלט איז געבוירן געוואָרן — אַ נייַ לעבן פאַר דער אַלטער וועלט, נייַע פּערספּעקטיוון פאַר מיליאָנען מענטשן און אַ נייַע ייִדישע וועלט האָט געזאָלט אויפשטיין.

די שטאָט ניו־יאָרק פראַוועט הייַנט איר 300 יעריקן געבורטס־טאָג. ניו־יאָרק מיט אַ ישוב פון איבער צוויי מיליאָן ייִדן, ניו־יאָרק — די מעטראָפּאָליע פון אַ זעקס־מיליאָנעדיקן ישוב אויף דעם קאָנטי־

נענט פון צפון־אמעריקע, ניו־יאָרק — מיט אזוי פיל יידישע קולטור־צענטערס, ניו־יאָרק—וואָס איז דאָס הויפּט־קוואַרטיר פון דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ניו־יאָרק — וואָס גיט זיין האַרץ, זיין בלוט און פלייש יעדער יידישער באַוועגונג, ניו־יאָרק — וואָס ווייסט אזוי גוט פון זיינע פאַרפליכטונגען פאַר דעם וואָס מיר רופן אָן מיט דעם נאָמען וועלט־יידנטום — קענען מיר רואיק פאַרביי־גיין ווען די דאָזיקע שטאָט פייערט איר 300 יעריקן געבורטס־טאָג!

***

מיר מוזן דאָ איבערחזרן דאָס וואָס מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל געזאָגט אין אַנדערע קאַפּיטלען פון דעם בוך:

די געשיכטע פון דעם ישוב אין ניו־יאָרק האָט באַוויזן, אַז דאָס מיט וואָס מען האָט אונז שטענדיק געשראָקן די — אַסימילאַציע! —איז מער אַ געשפּענסט ווי ווירקלעכקייט. יידן האָבן זיך דאָרט נישט אַסימילירט און איטאַליענער האָבן זיך אויך נישט אַסימילירט, אויך נישט די דייטשן, די פראַנצויזן, אפילו נישט די אירלענדער. אַמווייניקסטן האָבן זיך אַסימילירט די יידן.

און נישט נאָר האָבן זיך יידן אין אַמעריקע, באַזונדערס אין ניו־יאָרק, נישט אַסימילירט, נאָר אפילו די פאַרשיידענע יידישע גרופּן האָבן זיך אָפּגעהיט פון פאַרלירן זייער ספּעציפישן פּרצוף: דייטשע יידן, רומעניש יידן, רוסישע, פּוילישע. אפשר וועט אַמאָל די דאָזיקע מאַסע יידן זיך איבערקאָכן אין ישראל זאַנגוויל'ס „שמעלץ־טאָפּ" און וועלן ווערן איינס, דערווייל איז מען זייער ווייט פון אַזאַ פּראָצעס. און עס איז פאַרט אַ יידישער ישוב, אַ נאַציאָנאַלע געמיינשאַפט, אַ נשמה און אַ קאָלעקטיווער יידישער ווילן.

אונזערע אויגן, איך מיין יידן פון מזרח־איירָאָפּע ווערן פאַרבלענדעט פון דעם פאַקט, וואָס פאַר די לעצטע 50 יאָר זענען פון מזרח־איירָאָפּע אָנגעקומען קיין אַמעריקע אזוי פיל מיליאָנען יידן. מיינט מען, אַז דאָס האָבן מיר געגרינדעט און געשאַפן דאָס יידישע ניו־יאָרק. עס איז אָבער נישט אזוי, די אזוי גערופענע דייטשע איינפלוס־רייכע יידן און אַנדערע נישט־מזרח איירָאָפּעער האָבן געבויט די יידישע היים דאָרט נאָך פאַר אונז. יעקב שיף און לואי מאַרשאַל,

בראנדייס און ראָזענוואלד, די ווארבורגס און לעהמאַנס און הונ־דערטער אַנדערע גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן אַ סך טויזנטער פון זייערע פאַמיליעס האָבן שוין געטאָן דאָרט יידישע אַרבעט — אויף זייער שטייגער — לאַנג, לאַנג איידער מיר זענען געקומען אַהין. און זיי זענען אויך נישט געווען די אמתע פּיאָנערן פון דער יידישער איינוואַנדערונג. לאַנג פאַר דעם ווי זיי זענען געקומען זענען שוין דאָרט געווען פּאָרטוגעזישע יידן, אַפילו אָריענטאַלישע יידן.

נישט פופציק יאָר, נאָר הונדערט און פופציק יאָר האָט עס גענו־מען צו שאַפן דעם אַמעריקאַנער יידישן ישוב מיט דער שטאָט ניו־יאָרק אין דער שפּיץ. צענדליקער דורות זענען געוואַקסן, זיך אַנט־וויקלט, זיך געענדערט, ווידער געוואַקסן, אָבער זיך נישט פאַרלוירן אַלס יידן אין דעם יאַנקי־לאַנד, זיך נישט אַסימילירט.

נאַטירלעך, דער „נס" באַשטייט נישט אין דעם, וואָס יידן זענען דאָרט נישט אונטערגעגאַנגען אַלס יידן, נאָר אין דעם, וואָס פון אַ פאַרשידנאַרטיקער יידישער מאַסע איז געבילדעט געוואָרן אַ פּאָזי־טיווער פאַקטאָר פון יידישן אויפבוי, פון יידישע פּאָליטישע און קול־טורעלע ווערטן — דער גרעסטער יידישער כוח.

עס איז נישטאָ קיין שום צווייפל, אַז ניו־יאָרק אַלס דער גרעסטער און וויכטיקסטער יידישער קולטור־צענטער האַלט ערשט אין אויפ־בויען זיך, גייט איצט דורך אַ פּראָצעס פון באַנייאונג, פון זאַמלען פרישע כוחות פון אָננעמען נייע און בעסערע און שענערע פאָרמען. ווען איך הער דאָס באַקלאָגן זיך אויף דעם פאַקט, וואָס יידיש טעאַ־טער איז אין אַמעריקע כמעט אונטערגעגאַנגען, טראַכט איך מיר, אַז גם זו לטובה און אַז אויפן אָרט פון דעם אַמאָליקן בינקע־פּינקע טע־אַטער וועט זיכער קומען אַ יידיש טעאַטער וואָס וועט זיין ווירדיק דעם נאָמען. דאָס אייגענע מעג מען זאָגן נישט נאָר וועגן דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. עס וואַקסט אַ נייער דור, אַ געזונטער יידישער דור אין אַ סביבה פון אַ מאָדערנעם שול־וועזן, פון סעמינאַרן, ביב־ליאָטעקן, פון וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, נישט קיין געטאָ־יידנטום.

צענדליקער יאָרן האָט דאָרט געהערשט דער „אַמעריקען דזשור־איש קאָמיטי", דער „יידיש אַמעריקאַנער קאָמיטעט" און אויף אַ

ווירדיקן אופן רעפּרעזענטירט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום. דאָס בילד האָט זיך אָבער ראַדיקאַל געענדערט פאַר די לעצטע פינף און דרייסיק אָדער פינף און צוואַנציק יאָר. די ריזעדיקע יידישע יוניאָנס, דער אַר-בעטער־רינג, דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, דער ציוניסטישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, די מאָדערניזירטע געמיינדע־אינ־סטיטוציעס — ווי אַנדערש עס זעט אויס היינט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום! די וואָס האָבן זיך פאַר אַ ספּעציאַליטעט געמאַכט אַנצוזאָגן אונז בייזע חלומות פאַר דער צוקונפט פון אַמעריקאַנער יידן, וועלן נישט איינמאָל באַדויערן זייערע פינצטערע נביאות: די ווירקלעכ־קייט וועט זיי לערנען...

***

גרויסע יידישע קולטורעלע כוחות נעמען אַן אָנטייל אין דעם אַלגעמיינעם נישט־יידישן לעבן פון אַמעריקע, אין דער פּאָליטיק, אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אין דער ליטעראַטור, אין דער קונסט, אין דעם קאָמונאַלן לעבן, אין אַלערליי סאָציאַלע באַוועגונגען און אינסטיטוציעס, אין דעם געריכטס־וועזן, אין קאָנגרעס. דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן דאָס וואַקסן פון אַמעריקאַנער יידנטום, נישט אונ־טערגעגראָבן זיינע יסודות נישט אויסגעשעפּט זיינע כוחות. סענאַטאָר לעהמאַן איז נישט געוואָרן קיין קלענערער יידישער טוער דערפאַר וווייל ער שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און דובינסקי האָט אויך נישט אָפּגעשוואַכט זיינע יידישע אַקטיווי־טעטן דערפאַר, ווייל ער איז איינער פון די וויצע־פּרעזידענטן אין דער „אַמעריקן פעדערייש̇אָן אָוו לייבאָר”. פאַרקערט, דאָס האָט געשטאַרקט דעם יידישן רוקנביין.

עס איז אויסגעוואַקסן אַ ריזיקער, אַ געזונטער און איינפלוסריי־כער ישוב, אַזאַ ווי די יידישע געשיכטע האָט קיינמאָל פריער נישט געקענט...

נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה זענען דערשינען — אייגנט־לעך נאָך זיין טויט — די זכרונות פון גראַף וויטע, וועלכער איז גע־פאָרן קיין אַמעריקע, וווּ אין דער שטאָט פּאָרטסמוט זענען געפירט געוואָרן די שלום־פאַרהאַנדלונגען מיט יאַפּאַן. דאָס זענען געווען די צייטן פון פּרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט. גראַף וויטע, איינער פון

די גרעסטע שטאַאַטסלייט וואָס רוסלאַנד האָט געהאַט, איז געווען דער הויפּט־דעלעגאַט פון דעם געשלאָגענעם רוסלאַנד. אין זיינע זכרו־נות האָט ער דערציילט, ווי דערשטוינט איז ער געווען זעענדיק וואָס פאַרא ראָלע יידן שפּילן אין אַמעריקע. ער האָט געדאַרפט שאַפן אַ גינסטיקע אַטמאָספער פאַר זיך בעת די שלום־פאַרהאַנדלונגען, האָט ער געזוכט יידישע פאַרבינדונגען, צוגעזאָגט יידן אַלע זיבן גליקן, זיך געשפּילט מיט יידישע סענטימענטן און יידישע סימפּאַטיעס. עס האָט נישט געשפּילט קיין גרויסע ראָלע דער פאַקט, וואָס פון זיינע פאַרנעפּלדיקע אָנדייטונגען אויף גוטע צייטן פאַר יידן איז גאָר־נישט אַרויסגעקומען. עס איז שוין געווען ערב די געשעענישן פון 1905. די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע האָט שוין געקלאַפּט אין דער טיר. דער צאַריזם האָט שוין געלעבט זיינע לעצטע יאָרן...

מיט אַן ערך זיבן יאָר שפּעטער האָט ווידער אַ „נס" געטראָפן: אַמעריקע האָט אין 1912 אָפּגעזאָגט איר אַלטן האַנדלס־אָפּמאַך מיט רוסלאַנד, ווייל די רוסישע רעגירונג האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין לאַנד, אַמעריקאַנער יידישע געשעפטס־לייט נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען יידן און דאָס איז דאָן געווען קעגן דעם גייסט פון דעם האַנדלס־אָפּמאַך.

פּרעזידענט טאַפט, דער פאָטער פון דעם נישט לאַנג פאַרשטאָר־בענעם רעפּובליקאַנישן סענאַטאָר טאַפט, האָט נישט מורא געהאַט צו געבן דעם צאַרישן רוסלאַנד די גוט־פאַרדינטע לעקציע.

דער שרייבער פון די שורות האָט צו יענער צייט געאַרבעט אַלס פאַרטרעטער פון אַ רוסישער צייטונג אין דער דומע, דעם פּערטן, און לעצטן, רוסישן פּאַרלאַמענט. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן וואָס פאַרא ווירקונג עס האָט געהאַט דער פּאַטש אין פּנים אַריין: אָפּגעזאָגט אַ האַנדלס־פּאַרטראַג צוליב יידן! אַזוי ווייניק דרך ארץ פאַר דער מעכטיקער פּראַוואָסלאַווער אימפּעריע! צוליב יידן!

עס זענען אַריבער פערציק יאָר, אָבער איך זע נאָך אַלץ אַזוי ווי לעבעדיקע פאַר מיר די צעיושעטע פּנימער פון גראַף באָברינסקי, קרופּענסקי, טשיכאַטשעוו, און אַנדערע פּאַטריאָטן, וואָס זענען אַרומ־געלאָפן ווי פאַרסמטע און פאַרזוכט צו פּראָטעסטירן קעגן דער בלו־טיקער נאַציאָנאַלער באַליידיקונג...

דאָס איז נישט מער ווי איין איזאָלירטער ביישפּיל. דער יידישער איינפלוס איז זייט דער צייט אומגעהויער שטאַרק געוואַקסן, באַקומען מער אינהאַלט, מער חשיבות — זיכער הויפּטזעכלעך צוליב דער חשיבות פון דעם יידישן ישוב אין ניו־יאָרק...

דער נאָמען פון יעקב שיף איז אַלץ מער דערמאָנט געוואָרן, אָבער דער נאָמען איז געווען אַ מין קאָלעקטיווע פאָרמולע וואָס האָט באַטייט אין דער אמתן דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער יידנטום.

2.

עס איז אמת, אַז דער נייער ישוב אין אַמעריקע איז אויפגעבויט אין משך פון די לעצטע פופציק יאָר בשעת דער מאַסן איינוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּע אויף דעם גרונט און די יסודות פון אַ פריערדיקער יידישער איינוואַנדערונג פון אַנדערע לענדער. אַ ישוב איז שוין געווען און דער ישוב האָט שוין געהאַט אַנזען און איינפלוס, ווייל ער איז שוין געווען אָרגאַניזירט, עס זענען שוין געווען גרויסע געמיינדעס, מיט אַלערליי אינסטיטוציעס און יידן, אָט די יידן וואָס מען האָט פאַרשריען אַלס אַסימילאַטאָרן, זענען נישט אויפגעטרעטן מיט אַ פרעמדער מאַסקע אויפן פנים. נאָר אַלס יידן. זיי האָבן עס געטאָן אויף זייער שטייגער, אַזוי ווי זיי האָבן פאַרשטאַנען יידישקייט און יידנטום.

זיי האָבן דערצויגן דורות פון גוטע יידישע כלל טוער און פילאַנטראָפּן.

אָבער דער היינטיקער יידישער ישוב אין ניו־יאָרק — און דאָס מיינט דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער יידנטום — איז אַ פּראָדוקט פון דער מזרח־אייראָפּעאישער מאַסן־איינוואַנדערונג. עס איז אַ לאַנגע געשיכטע פון שווערער וואַנדערונג און נאָך שווערער צופּאַסונג צו זיינע פאַרהעלטנישן אין אַ נייעם לאַנד, אין גאַנץ פרעמדע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אומשטענדן.

געדענקט איר שלום אשם אַלטן ראָמאַן „אָנקעל מאָזעס“? געדענקט איר ווי דער אָמאָליקער שניידער, אַליין אַן עמיגראַנט אין אַמעריקע, ווערט אַ פאַבריקאַנט, ווי אַזוי ער שטעלט אויף אַ וואַרשטאַט אין וועלכער ער זויגט ארויס בלוט און שוויים פון די פריש

אָנגעקומענע עמיגראַנטן און זײנע אײגענע קרובים און מאַכט זײ פאַר אַמעריקאַנער, װאָס זעען נישט די ליכטיקע װעלט און גיבן אָפּ זײערע כּוחות פאַר דעם אָנגעפּרעסענעם אָלרײטניק.

אָט פון דער עמיגראַנטן־מאַסע, װעלכע האָט זיך אין אַמעריקע צענדליקער יאָרן געקאָכט אין איר אײגענעם זאַפט, אָט פון די אָלרײט־ניקעס, פון װעלכע עס האָט זיך סוף כּל סוף אױסגעאַרבעט און אַנט־װיקלט אַ מאָדערנער יידישער אונטערנעמער, האָט זיך געשאַפן דער נײער יידישער צענטער: ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, באַלטימאָר, טשי־קאַגאָ און אַזױ װײטער ביז סאַן פראַנציסקאָ און לאָס אַנדזשעלאָס. אָט פון די נײע ישובים זענען אַרױסגעקומען גרױסע יידישע פירער, אָרגאַניזאַטאָרן פון מעכטיקע יוניאָנס און געמײנדעס. אין דער דאָזיקער סביבה האָבן זיך געשאַפן הונדערטער טױזנטער לײענער פאַר יידישע צײטונגען, באַזונדער פון יידישן טעאַטער און נישט װײ־ניקער גרױסע צענטערס פאַר הילפס־אַרבעט לטובת פון דעם פאַר־אָרימטן אײראָפּעאישן יידנטום.

לאָמיר דערמאָנען דאָ די נעמען פון אײניקע פון די פירערס װאָס האָבן אַרײנגעבלאָזן אַ לעבעדיקע נשמה אין דער נײער יידישער װעלט...

* *
*

צװײ פרעסע אָרגאַנען אַרױסגעגעבן אין ניו־יאָרק אין פאַרלױף פון צענדליקער יאָרן האָבן געשפּילט אַ גרױסע דעציזיװע ראָלע אין דעם ישוב, װאָס האָט געהאַלטן אין װאַקסן: דער טעגלעכער „פאָרװערטס" און דער הודש־זשורנאַל „די צוקונפט", רעדאַגירט פון צװײ טאַלענטירטע פערזענלעכקײטן, אַב.קאַהאַן און אַב. ליעסין. צװײ פאַרשײדענע טעמפּעראַמענטן, צװײ פאַרשײדענע כאַראַקטערן: אײ־נער אַ געבױרענער צײטונגס־מענטש מיט אַ ברײטן פאַרנעם, מיט אוני־װערסאַלע אינטערעסן, מיט אַן אױסערגעװײנלעכער קענטעניש פון דער פאָלקסטימלעכער אַלט־יידישער סביבה און מיט אַ חוש פאַר אמתן אַמעריקאַניזם. דער צװײטער, אַ דיכטער פון גאָטס גנאָד, אײנער פון די זעלטענע יידישע סטיליסטן, אַ ייד אַ למדן, אַ מאַן פון גרױסן װיסן, אַ טעמפּעראַמענט פון אינעװײניק ברױזנדע שטור־מען. דער ערשטער איז אױסגעװאַקסן אין דער װעלט פון סאָציאַליזם,

פערזענלעך פאַרבונדן מיט אַלע גדולים פון אייראָפּעאישן סאָציאַליזם, אַן אומדערמידלעכער שרייבער פאַרן פאָלק, אָבער פריער פאַר אַלץ אַ זשורנאַליסט. דער צווייטער אַ יידישער דענקער, אַ למדן, אַן עסטעט, וואָס האָט שטענדיק און אונטער אַלע אומשטענדן געהייליקט דאָס יידישע וואָרט, אָפּגעהיט זיין ריינקייט און שיינקייט.

דער „פאָרווערטס" איז געוואָרן מער ווי אַ צייטונג: ער איז אויסגעוואָקסן צו אַ ריזעדיקער יידישער אינסטיטוציע אין ניו־יאָרק, צו אַ ריזיקן אָרגאַניזאַטאָרישן צענטער; איז נישט קיין וווּנדער וואָס מיט דעם נאָמען פון דער צייטונג איז פאַרבונדן דער נאָמען פון אַזאַ ליכטיקער פערזענלעכקייט ווי וולאַדעק. איז נישט קיין וווּנדער וואָס אַרום און מיט דעם „פאָרווערטס" איז אַנטשטאַנען אַזאַ ריזעדיקע אָרגאַניזאַציע ווי דער „אַרבעטער־רינג" מיט אַ שטאַב פון פּאָפּולערע אומדערמידלעכע טוערס ווי דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער י. באַסקין.

דאָס איז געווען די עפּאָכע ווען די גרויסע אַמעריקאַנער אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס זענען אויסגעוואַקסן און די יידישע יוניאָנס האָבן מיט זייער צאָלרייכער מיטגלידערשאַפט פאַרנומען צווישן זיי דעם געהעריקן פּלאַץ. „אָנקעל מאָזעס" איז אויף שטענדיק פאַרשוונדן. די יידישע מאַסע האָט אויפגעלעבט און האָט זיך דערביי אויסגעלעבט אין יידישע אינטערעסן, נישט פאַרלוירן איר יידיש פּנים, געוואָרן פרישער און שטאַרקער.

דער וואָס געדענקט דאָס יידיש אין וועלכער דער „פאָרווערטס" איז געשריבן מיט 40 אָדער מיט 30 יאָר צוריק, און לייענט זיין היינטיקן יידיש, מוז אַנערקענען, אַז צוזאַמען מיט דער חשיבות פון דעם ישוב איז אויך געוואַקסן דער קולטור־ווערט פון דער צייטונג גופא.

מיר רעדן וועגן דעם דור פירנדע גייסטער וואָס זענען מער נישטאָ אויף דער וועלט, וואָס אָבער זייער איינפלוס לעבט נאָך און ווירקט און וואָס זייער איינפלוס וועט נאָך לאַנג זיין אַן אַקטיווער פאַקטאָר אין דעם לעבן פון אַמעריקאַנער יידנטום.

דר. חיים זשיטלאָווסקי איז נישט געווען קיין געבונדענער פאַרטיי־מענטש. אַ רוסישער ייד מיט טיפע וואָרצלען אין די אַלטע רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, אַ גלענצנדער יידישער פּובליציסט

פון א גרויסן פֿאָרמאַט, אַ דענקער, וועלכער האָט שטענדיק געזוכט אַ סינטעזע, אַן אינערע פֿאַרבינדונג צווישן פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַלע יידישע גייסטיקע באַוועגונגען, האָט זשיטלאָווסקי פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַליין אַ שעפֿערישע און בליענדע קראַפֿט. זיין יידיש איז געווען קלאָר ווי קריסטאַל, זיין רעדן איז געווען לאָגיש, זיין פּערזענלעכקייט ריין און גראַדליניק.

דר. זשיטלאָווסקי קען מען נישט קלאַסיפֿיצירן אין דער אָדער אין יענער פּאָליטישער אָדער קולטורעלער גרופּע. ער איז געווען אַ וועלט פֿאַר זיך. זיינע רייזעס מיט לעקציעס איבער אַמעריקע און קאַנאַדע זענען געווען גאָר נישט זעלטן, אָבער יעדעס מאָל איז זיין אָנקומען אין אַ שטאָט און זיינע פֿאָרטראַגן געווען אַ גרויסע געשעעניש. ער האָט געלערנט יידן צו טראַכטן און זיין לערנען האָט שטענדיק געלויטערט דעם געדאַנק.

עס גלוסט זיך דאָ אַוועקצושטעלן דעם נאָמען פֿון דר. נחום סירקין, דעם פֿלאַם און פֿייערדיקן ציוניסטישן סאָציאַליסט, אַ מאַן פֿון ענציקלאָפּעדישן וויסן, אַ פֿאָלקס־רעדנער.

עס איז געוואָרן אָדער עס ווערט איצטיקן פֿופֿציק יאָר זינט יענעם מיטאָג, ווען מיר אַ קליינע גרופּע פֿון זיינע נאָענטסטע תּלמידים און באַוווּנדערער האָבן זיך מיט אים געזעגנט אין בערלין פֿון וואַנען די פּרייסישע רעגירונג האָט אים אַרויסגעשיקט. דאָס איז געווען די קליינע גרופּע פֿון דער ס.ס.־גרופּע „חירות", ציוניסטן־סאָציאַליסטן, וואָס זענען גראַדע נישט געווען קיין ציוניסטן, און סירקין איז רבי. ער איז שפּעטער צוגעשטאַנען צו דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג. זיין וואָרט האָט אין בערלין געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג. עס איז געווען די צייט פֿון די גרויסע דיסקוסיעס, אין וועלכע עס פֿלעגן זיך באַטייליקן ווּל. מעדעם, חיים וויצמאַן און אַנדערע „פֿריידיקער" פֿון פֿירנדע אידעען. סירקין איז געווען אַ טיפֿזיניקער דענקער, איבערגעגעבן דעם יידישן רענעסאַנס. אין ניו־יאָרק האָט ער שפּעטער געפֿונען זיין סביבה, זיין באַוועגונג. ער איז דאָ יאָרן לאַנג געווען איינער פֿון די וויכטיקסטע פּובליציסטן.

יידישע שרייבער און דיכטער, יידישע קינסטלער, אַ ברייט פֿאַרשפּרייטע יידישע פּרעסע, דער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט, טעאַ־

לאַגישע הויף־שולן — אַ יידישע אַטמאָספער פון אויסערגעווינלע־כער מאַכט איז געשאַפן געוואָרן. דאָס יידישע וואָרט האָט באַקומען אַ גאַנץ באַזונדערע חשיבות. שרייבערס ווי דר. קאַראַלניק, חיים גרינ־בערג, דר. יצחק לוי הורוויטש — איך דערמאָן דאָ אַלץ די וואָס זע־נען שוין נישטאָ האָבן געהאַט אַ ריזעדיקע אוידיטאָריע פון לעזערס. די יידישע פרעסע ווי דאָס יידישע טעאַטער, פלעגן דורכמאַכן צייטנ־ווייז שווערע קריזיסן, אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום פלעגט מען ווידער אַרויס אויף אַ גלייכן וועג.

אַ קורצע צייט איידער די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויסגע־בראָכן איז אין ניו־יאָרק ערשינען „דער טאָג", אַ גרויסע ערשט־קלאַסיקע בירגערלעכע טעגלעכע צייטונג, מיט וועלכער דער שרייבער פון די שורות איז געווען פאַרבונדן טעלעכע צענדליק יאָר, ס׳רוב אַלס איר קאָרעספּאָנדענט פון אייראָפּע. די צייטונג האָט אין געוויסע צייטן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם קולטור־לעבן פון דעם ישוב. דר. זשיטלאָווסקי, ש. ראָזענפעלד, דר. הורוויץ, דר. קאַראַלניק, דר. פאַרנבערג, פּרץ הירשביין, און אַ סך אַנדערע האָבן אריינגע־בראַכט די ברייטע וועלטלעכקייט אין דער יידישער היים, אַנגעוויזן דעם יידישן בירגערטום יידישע וועגן פון קולטור־לעבן, געלערנט דעם בירגערלעכן יידישן לייענער דעם ווערט און די שיינקייט פון יידיש.

די צייטונג האָט אַ מאָל געהאַט אַ גרויסן קרייז לייענער, האָט דורכגעמאַכט אָבער פאַרשיידענע קריזיסן אין פאַרלויף פון איר עקזיסטענץ.

היינט צו טאָג ווערט אין ניו־יאָרק ווידער דעבאַטירט די פראַגע ווי לאַנג נאָך וועט יידיש לעבן. די פראַגע ווערט דעבאַטירט שוין העפּטיק פאַר די לעצטע פופציק יאָר — איך בין אַ לעבעדיקער עדות פון די דיסקוסיעס. די גוטהאַרציקע סקעפּטיקער וואָס האָבן אַלץ גע־האַפט, אַז אָט־אָט קומט דער סוף פון יידיש, זענען שטענדיק ענ־טוישט געוואָרן: די שפּראַך פון דעם פאָלק האָט נישט נאָר געלעבט, נאָר איז אַלץ געוואָרן ריינער און שענער. אויף יעדן פאַל האָבן זיי, די דאָזיקע טייערע פריינד, געמוזט באַנוצן זיך הויפּטזעכלעך מיט

יידיש ווען זיי האָבן געדאַרפט זאַמלען געלט. און ווען האָבן זיי נישט געדאַרפט זאַמלען?

אָבער ווי געזאָגט, די שפּראַך איז נאָך ווייט נישט אַלץ אין דעם קולטור־לעבן פון אַ פאָלק. עס האַלט דאָרט אין וואַקסן אַ יונגער דור, וואָס איז דערצויגן אויף ענגליש, אָבער בלייבט דורך און דורך יידיש. נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין יידישן עפנטלעכן לעבן.

דאָס אַמעריקאַנער יידנטום האָט פאַר זיך אַ גרויסע צוקונפט!

צווייטער טייל

מדינת ישראל

אַ באַזוך אין מדינת ישׂראל

.1

איך האָב פאַרבראַכט גאַנצע דריי וואָכן אין ישׂראל און אויב איך האָב נישט געזען אַלץ וואָס מען מוז זען אין אַ לאַנד, וואָס בויט זיך אין אַזעלכע שווערע אומשטענדן, האָב איך פאָרט געזען אַ היפּש ביסל. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס האַרץ צאַפּלט ווען מען קומט צו צו די ברעגן פונעם לאַנד. אַמאָל פלעגט מען פאָרן אַהין אויף קבר־אָבות, איצט פאָרט מען אויף תחית־המתים. אָבער אַ האַלבע שעה נאָך דעם ווי איר זענט אָנגעקומען פרעגן אייך ארץ־ישׂראלדיקע יידן:

— נו, ווי געפעלט אייך עפּעס אונזער לאַנד?

און אַז איר בעט מען זאָל אייך לאָזן אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ווייל איר האָט נאָך נישט געהאַט קיין צייט צו קומען צו זיך, איז מען אַ ביסל נישט צופרידן. דער דין איז, אַז דאָס לאַנד מוז אייך געפעלן נאָך איידער איר האָט זיך געזעצט אויף דער שיף. אָבער דאָס איז נישט אַזוי פיל נאַריש, ווי דאָס איז יידישלעך. דאָס איז דער אימפּעט, דער יידישער אימפּעט. און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גאַנצן כלל אין ישׂראל. דאָס איז דער אימפּעט, וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד, און וואָס מאַכט אַזאַ קאָלאָסאַלן איינדרוק אויף יעדן מענטש, וועלכער קומט אָן אין לאַנד.

אַזוי ווי ישׂראל בויט זיך, וועט מען אין אַנדערע לענדער בויען מסתמא ערשט אין אַ פופציק יאָר אַרום. יעדנפאַלס וועלן די אַראַבער קיין מאָל נישט קענען בויען מיט אַזאַ אימפּעט. אַמעריקאַנער האָבן אויסגעטראַכט דעם פּזמון, אַז „צייט איז געלט", דאָס איז אין ארץ־ישׂראל אַ באַנאַלע פאָרמולע. ניין, צייט איז אַ סך טייערער ווי געלט. געלט קען מען דאָך באָרגן, מאַכן אַלערליי קאָמבינאַציעס,

אָבער צייט לויפט, צייט וואַרט נישט. דער טאָג וואָס איז אוועק אומ־זיסט, איז אַ הונדערט פּראָצענטיקער פאַרלוסט. ניין, ניין, נאָר נישט פאַרלירן קיין צייט... נאָר נישט וואַרטן...

דאָס איז דער וויכטיקסטער איינדרוק, וואָס מען באַקומט נאָך דריי וואָכן ארומפאָרן איבערן לאַנד. איך האָב נישט קיין סטאַטיס־טישן מאַטעריאַל אויף אָפּצושאַצן מאַטעמאַטיש פּינקטלעך דעם טעמ־פּאָ און זיינע רעזולטאַטן, אָבער איך ווייס נאָר איינס: וווּ איר שטייט און וווּ איר גייט, אין דער בּרייט, פון ירושלים ביז תל־אביב, אין דער לענג, פון דעם נגב ביז אויבן־אָן, ביים שפּיץ אין מעטולא, ווערט געבויט. די וועגן זענען אומעטום ברייט, נאָך פון די צייטן פונעם ענגלישן מאַנדאַט, אָבער מען מאַכט זיי איצט אומעטום ברייטער און בעסער. און הייזער ווערן געבויט פון ווייסן שטיין. אפשר איז עס נאָר אַ צופאַל אָבער קיין זייער פיל פּרעפאַבריצירטע הייזער האָב איך נישט געזען. די הייזער פון האָלץ־מאַטעריאַלן זענען טאַקע גאַנץ נעט און פיין, אָבער שטיין איז סאָלידער, שטאַרקער און בעסער. פּרע־פאַבריצירטע הייזער זענען מער נישט אין דער מאָדע.

ווען פּעטער דער גרויסער האָט געבויט פּעטערסבורג איז אַרויס־געגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז יעדער וואָגן און יעדע קאַטש וואָס קומען צופאָרן אין שטאָט, מוז מיטברענגען מיט זיך נישט ווייניקער ווי דריי ציגל. ער האָט אויך נישט געהאַט קיין צייט.

דער נייער טייל פון תל־אביב, גאַנץ נאָענט צום האַפן, ווערט פאַרבויט מיט גרויסע ווייסע שטיינערנע הייזער. איך וואָלט געזאָגט לוקסוס־הייזער. פאַרטומלט בין איך געשטאַנען אויף די נייע גאַסן און פאַר מיינע אויגן האָט געשוועבט די פעסטע ברייטע געשטאַלט פון דיזענגאָף, דעם גרינדער פון דער שטאָט, ווען ער פלעגט קומען פון צייט צו צייט קיין לאָנדאָן, מיט אַ צוואַנציק אָדער פינף און צוואַנציק יאָר צוריק. דאָס איז דאָך געווען אַ ייד מיט אַ פאַנטאַזיע, אַן אמתער וויזיאָנער! אַזעלכע וויזיאָנערן זענען היינט דאָ נישט ווייניק אין ישראל, יידן וואָס ווילן דאָס מאַכן „אפשר נאָך העכער”... און מען מאַכט עס נאָך העכער...

***

איך האָב פריער געזאָגט, אַז קיין סטאַטיסטישן מאַטעריאַל האָב

איך נישט. ווײַל איך דעריבער דערווײַל נישט באַרירן פינאַנץ־פּראָבלעמען, דעם בײַטראַג פון ייִדן און נישט ייִדן, דעם אינוועסט־מענט פון אַ האַלבן אָדער דרײַ פערטל מיליאַרד אַמעריקאַנער דאָ־לאַרן, —, אַ מאַסע געלט, וואָס איך ווײַל אַפילו נישט פאַרזוכן אי־בערצופּירן אין וועלכער עס איז אייראָפּעאישער וואַלוטע. אָבער כאָטש געלט איז אין ישראל ביליקער פון צייט, האָב איך געמוזט פאַרזוכן צו מאַכן פאַר זיך אַ שטיקל חשבון. אַלץ וואָס ווערט אינ־וועסטירט אין ישראל, מיינט דאָך דאָס וואַקסן פון ייִדישן נאַציאָנאַלן פאַרמעגן, ווי מען רופט עס אָן. געלט ווערט אַמאָל ווערטלאָז, אָבער דאָס קאָנקרעטע פאַרמעגן פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אוצר, אין אַ פאַנ־טאַסטישן אוצר...

— איר מוזט דאָך פילן אַ גרויסע באַפרידיקונג, — זאָג איך צו אַ פריינד, — זעענדיק ווי דאָס ייִדנטום אין דער גאַנצער וועלט האָט זיך אָפּגערופן.

— „באַפרידיקונג" ? דאָס הייסט ביי אייך „זיך אָפּגערופן" ? מיינט איר טאַקע באמת, אַז דאָס וואָס די ייִדן פון... און די ייִדן פון.. האָבן געגעבן דאָס, וואָס זיי האָבן געדאַרפט געבן ?... חוזק איז דאָס ..

איך האָב זיך דערמאָנט בשעת דעם שמועס — און אַזעלכע שמועסן קומט אויס אָפט צו פירן די טייערע געסט אין ישראל — אין דעם לעצטן פאָרטראַג וואָס חיים נחמן ביאַליק האָט געהאַלטן אין אייראָפּע בשעת זיין לעצטער רייזע, מיט אַן ערך זיבצן אָדער אכצן יאָר צוריק. דער פאָרטראַג האָט געהייסן „חשבון הנפש". דער דיכטער האָט דערציילט וויפל מאָל איז דאָס ייִדנטום אינגאַנצן אויס־גערויבט געוואָרן — די קרייץ־צוגן, שפּעטער כמיעלניצקים צייטן, שפּעטער די צאַרישע רעגירונג — פאַרלוירן אַלץ, וואָס עס האָט אָנגעזאַמלט. פונדעסטוועגן ווען מען קומט צו ייִדן און מען פאַרלאַנגט געלט אויף קולטור־אַרבעט איז נישטאָ קיין ריכטיקער אָפּקלאַנג. איז דאָס ריכטיק ?

איז דאָס מוסרן דעמאָלט נישט געווען ריכטיק, און עס איז היינט נישט ריכטיק. ווײַל אין דעם געוואַלדיקן אויפבוי פון ישראל באַטיי־ליקן זיך ייִדן פון דער גאַנצער וועלט. די טענה פון האַרצלאָזיקייט

און אינדיפערענץ איז אָן שום ספק נישט קיין באַרעכטיקטע, איך וואָלט געזאָגט אַ באַליידיקנדיקע און זיכער אַ שעדלעכע.

די טענה וועגן „נישט גענוג" וואַקסט אויס, ניין איז שוין אויסגעוואַקסן אין אַ ביטערע טעאָריע, וואָס זאָגט אייך אָן:

— „מיר זענען די איינציקע און די לעצטע האָפענונג... מיט אייך וועט געשען דאָס וואָס איז געשען מיט דעם פּוילישן יידנטום, מיט דעם דייטשן, מיט אַנדערע יידן..."

— „מיר זענען די איינציקע וואָס קענען זיין דער צענטער פון יידישער קולטור, פון אויפבויען און אָפּהיטן יידישע קולטור־אוצרות.. ביאַליק... טשערניכאָווסקי... טשערניכאָווסקי... ביאַליק..." און ווידער דאָס אייגענע.

דאָס אַמעריקאַנער יידנטום מיט אַלץ, וואָס עס האָט געשאַפן און שאַפט, דער פרישער יידישער צענטער אין אַרגענטינע מיט זיינע צייטונגען, געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און ווירטשאַפטלעכער מאַכט; דאָס זיד־אַפריקאַנישע יידנטום מיט זיינע פאַרבינדונגען; דאָס קאַנאַדער יידנטום, די ענגלישע יידן, די פראַנצויזישע יידן — דאָס איז אַלץ נישט מער ווי אַ צוגאָב. נאַטירלעך, זיי קענען אויך זיין נוצלעך. נאַטירלעך, אַ געוויסן ווערט האָבן זיי אויך, אָבער..

עס וואָלט נישט געלוינט צו רעדן וועגן דער גאַנצער עם־הארצות, וואָס ליגט אין דער דאָזיקער „אידעאָלאָגיע", אויב זי וואָלט נישט געבראַכט פּונקט פאַרקערטע רעזולטאַטן, ווי די וואָס די אידעאָלאָגן ווילן דערגרייכן. אַן אידעאָלאָגיע איז אָפט אַ סם, וואָס קריכט אַריין אין די ביינער און נעמט אָן אַמאָל דעם כאַראַקטער פון אַן עפּידעמיע.

2.

דאָס אַרומפאָרן איבערן לאַנד, דאָס אָטעמען די לופט פון די בערג, די אייגנאַרטיקע האַלב־ווילדע לאַנדשאַפטן, וועלכע זענען כמעט אין אַלע ריכטונגען באַדעקט מיט גרופּן פון מיניאַטור־קליינע אָבער ריינע הייזער וואָס זעען אויס פון דערווייטנס ווי זומער־ביידלעך, רופט אַרויס ביי אַ נייעם מענטשן אַ געהויבענע שטימונג: אַ לאַנד וואָס האָט פלוצלונג אויפגעלעבט! אַפילו די רואינען פון אַלטע רוימישע צייטן זעען איצט אויס ווי פון ס'ניי געקומען צו לעבן.

די וועגן זענען געווען ברייט און גוט נאָך אין די ענגלישע צייטן זיי ווערן אָבער איצט ס'רוב נאָך מער אויסגעברייטערט. די ענגלענדער האָבן איבערגעלאָזן איבערן גאַנצן לאַנד אַ מאַסע שיין אויסגעבויטע בלומרשט פּאָליציי־סטאַנציעס, אָבער אין דער אמתן קליינע פעלד־פעסטונגען, אַלע לויט איין מוסטער און פאַרב, אַלע מיט ראַדיאָ־איינריכטונגען. אָבער נישט די פעסטונגען און אפילו נישט די אויסערגעוויינלעך גרויסע צאָל מיליטערישע לאַסט־אויטאָמאָבילן מיט סאָלדאטן און סאָלדאטקעס וואָס טראָגן זיך אַרום האַסטיק אויף די וועגן ענדערן נישט דעם כאַראַקטער פון דער נאַטור. עס איז דאָ נישטאָ די ווייכקייט פון די שווייצער אַלפּן, אָבער אויך נישט די שווערע לאַסט פון די מאַסיווע בערג אין נאָרוועגן. אפשר דוכט עס נאָר אַזוי, אָבער די בערג פון ישראל רעדן צו אייך אין אַנדער שפּראַך, אַ האַרבע, און אין דער אייגענער צייט אַ פּאָטערלעכע שפּראַך, אַ שפּראַך וואָס דערמאָנט אייך אונזער אייביקע געשיכטע, נישט קיין געוויינלעכע געשיכטע, אין וועלכער ווירקלעכקייט איז אַזוי שטאַרק פאַרוועבט מיט חלומות און טרוימען, מער חלומות ווי ווירקלעכקייט.

פּלוצלונג איז מען ביי אַן אַלטער קאָלאָניע, אַ מאָל געווען אַ קאָלאָניע פון פּיאָנערן און היינט אַ גאַנץ שטעטל. ריזעדיקע לאַסט-אויטאָמאָבילן, יידישע פּנימער, יידישע שילדן, יידישע קינדער, אָבער גאָרנישט פון אונזערע אַמאָליקע שטעטלעך; די פּנימער שיינען מיט פרישקייט און פרייהייט; איך האָב אַ מאָל געזען אַזעלכע קאָלאָניעס מיט אַזאַ יידישער באַפעלקערונג אין די ווייטע סטעפּעס פון דרום רוסלאַנד און אין די פּרעריעס פון מערב קאַנאַדע, רייך מיט לופט און פרייהייט, צוויי עלעמענטן נאָך וועלכע עס האָבן שטאַרק געבענקט יידן.

איין קיבוץ, אַ צווייטער קיבוץ. הונדערטער יידישע פאַמיליעס אַרום ניי באַוואַקסענע גערטנער, אַרום פאַרזייטע פעלדער. דער גוטער ווילטאָג אַליין קוקט אייך אַנטקעגן פון די פאַרהאָרעוועטע און איינגעבויגענע פּלייצעס, פון מידע קעפּ און הענט, פון די הויפּנס צופרידענע, געזונטע מענטשן. אַראַבישע פּויערים, רייטנדיק אויף קליינע אייזעלעך ווי קינדער אויף הילצערנע קאַרוסעל־פערדלעך, פאַר שווארצט און אין אַלטע צעריסענע קליידער, איילן זיך לאַנגזאַם אין

זייערע דערפער, וואָס מען באַמערקט קוים אונטער אַ באַרג, פּאַכען מיט די לאַנגע פּיס אין דער לופטן, האַלטן אונטער זעק מיט פרישער גראָז. וואָס טראַכטן זיי דערזעענדיק די הויפנס יידן? דער קאָנ־טראַסט צווישן אונזערע און זייערע מענטשן איז ווי טאָג און נאַכט. עס זעט אויס אַזוי ווי מען שטערט זיך נישט איינער דעם צווייטן. איז דאָס אַזוי?

אַזוי גוט ווי אויף אַלע וועגן זעט מען קינדער מיט אויסגע־שטרעקטע הענט צו די דורכרייזנדע. מען באַמערקט זיי נישט צום ערשט, שפּעטער ווערט עס אויפפאַלנד.

— וואָס האַלט עס אין דער האַנט, דאָס קינד?, פרעגט מען.

— איר זעט נישט, אַן איי... מען קריגט נישט אַזוי גרינג אַן איי אין דער שטאָט...

— פאַרקויפט מען דאָ ביליקער ווי אין דער שטאָט?

— פאַרוואָס עפּעס ביליקער... אַבצן פּיאַסטער אַן אייעלע...

— און וואָס איז דער אָפּיציעלער פּרייז?

— „דער אָפּיציעלער פּרייז”? ! דער אָפּיציעלער פּרייז איז זעקס פּיאַסטער...

באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ. אַ בלוי וואַסערל לייכט אין דער ווייטנס, בלוי און שיין, בלוי און שטיל ווי אויף אַ מאָלעריי. אָט זענען מיר שוין גאַנץ נאָענט און דאָס וואַסער ווערט נאָך שענער, נאָך צאַרטער. וואָס איז דאָס?

— דאָס איז כינרת!...

— אָ, דאָס איז כינרת! אָ!...

— דאָ, פון דער זייט, דאָס געהערט אונז, און דאָרט, איר זעט אַנטקעגן, דאָס געהערט צו סיריע...

מיר פאָרן אַראָב, אַלץ נענטער צום וואַסער וואָס פּלעסקעט זיך פרידלעך. בשעת דער מלחמה האָבן זיך דאָ אַראַבער געוואָרפן אָפּ־שניידן די גאַנצע געגנט. יידן האָבן געקעמפט פאַר דעם קיום פון זייער האָב און גוטס, דערוואָרבן אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן שווערער אַרבעט. דער כינרת האָט דערמוטיקט און געשטאַרקט די הענט פון די קעמפער. דער כינרת איז אַ ליבלינג...

דאַגאַניאַ! אַ גרויסע, שיינע, אַלטע, ווייט פאַרצווייגטע קאָלאָ־

ניע. רוסישע יידן מיט ברייטע אָפענע פּנים'ער. עס ווערט געשמאַק געאַרבעט. עלטערע אָבער געזונטע ברייטביייניקע יידן. גאַסן און געס־לעך, ריזעדיקע בוימער, אַ פּרוכטגאָרטן, אַ שולע, צענדליקער הייזער עס לעבט דאָ אַלץ. עס באַוועגט זיך אַלץ...

3.

אויפֿן וועג צו צפת. העכער און העכער אין די בערג. דאָרט, גאַנץ אויבן ליגט די שטאָט, ניין, זי הענגט אויף פעלזן די דאַזיקע אַלטע בורג פון יידישער מיסטיק, פון הייפּלעך לומדים אינמיטן פון אַן אַראַבישן מענטשן־ים. די שטאָט האָט געהאַט אַן אַראַבישע באַפעל־קערונג פון אַ פופצן טויזנט נפשות מיט קוים אַ צען פּראָצענט יידן. ס'איז אפילו קיין אמתער קאַמף נישט געווען ווען קליינע אָפּטייי־לונגען פון יידישע פּאַרטיזאַנען־ייִנגלעך האָבן זיך געוואָרפן אויף דער שטאָט. די ענגלישע פּאָליציי־סטאַנציע שטייט נאָך היינט איזאָ־לירט אין אַ זייט און וואונדערט זיך. היינט זענען אינגאַנצן נישטאָ קיין אַראַבער אין צפת. מען קוקט אַראָפּ פון אויבן און מען זעט פאַר זיך אַ זעלטענע פּאַנאָראַמע פון בערג און פעלדער. אַ ווייטע, ווייטע פּערספּעקטיוו. ערגעץ ווו, הינטער די בערג, דאָרט און דאָ געפינען זיך אַראַבער, יידן ווייסן דאָס, יידן פילן דאָס, אָבער, ווי אומעטום דאָ, מאַכט מען זיך כלומרשט נישט וויסנדיק.

פון וואַנען נעמט זיך דאָ און דאָרט אַזוי פיל קריסטלעכע קלויס־טערס אויף די וועגן פון ישראל? שיינע, רייכע געביידעס, מאָנאַס־טירן, קירכן מכל המינים. פון וואַנען קומען זיי, די צלמס? גאָר פאַר־געסן, אַז גראַד דאָ, אין דעם לאַנד, זענען „זייערע" הייליקע ערטער. אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דאָס איז דאָך גאָר זייערס „הייליק לאַנד".

אין תל אביב און אין ירושלים געטראָפן אַזוי פיל גלחים, זינט איך האָב פאַרלאָזן רוסלאַנד מיט פערציק יאָר צוריק נישט געזען אַזוי פיל גלחים אין שוואַרצע מלבושים. ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז אַלץ, אַזוי צו זאָגן, אין אָרדנונג. די אַראַבער האַלטן, אַז יידן זענען דאָ דער דריטער צד און די קריסטן מיינען עס אויך נישט אַנדערש — אַ דריטער צד! עס זענען דאָ אויף דער וועלט אַ שיין ביסל קריסטן און אַראַבער אויך נישט ווייניק...

ווייטער, ווייטער, אַרויף צו מעטולאַ ווו איך דאַרף טרעפן אַ

פריינד וועלכן איך האָב דאָס לעצטע מאָל געזען מיט פופציק יאָר צוריק. ניין, איך האָב אים נישט געטראָפן, פאַרשפּעטיקט. ער האָט דאָ זיין גאַנץ לעבן געאַרבעט, געזייט און געפלאַנצט און איז שוין מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע.

מעטולאַ איז ווי אַ שפּיץ אַריין צווישן צוויי אַראַבישע שכנים, סיריע און לבנון. אַ קליינער, טויט שטילער גרענעץ־פּונקט. שונאים אויף רעכטס און שונאים אויף לינקס. אָבער גאַנץ נאָענט, דרומדיק פון מעטולאַ ליגט דער גרויסער קיבוץ קפאַר גילאַדי (כפר גלעדי) אַ מין קיבוץ דע־לוקס מיט אַ פיינעם אַפּרו־היים פאַר דורכרייזנדע, מיט אַ קיך איינגעריכטעט ווי אין אַן ערשט־קלאַסיקן האָטעל אין ניו־יאָרק. דאָ לעבן און אַרבעטן עטלעכע הונדערט משפחות, גוט איינגעפונדעוועט. מער עקספּאָנירט אויף דער ערשטער פראָנט־ליניע אין אַ פאַל פון אַ מלחמה קען מען זיך נישט פאָרשטעלן. עס איז אַן אַלטער קיבוץ, וועלכער האָט דורכגעמאַכט גענוג זינט ער איז געגרינדעט געוואָרן מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק (1916). מען מוז באַוווּנדערן דעם מוט און די ענערגיע פון די מענטשן וועלכע גייען אָן מיט זייער טאָג־טעגלעכער אַרבעט ווי אַלץ אַרום וואָלט געווען אין דער בעסטער אָרדנונג.

אַ פּאָר שריט פון דעם קיבוץ איז דער קבר פון דעם באַרימטן העלד טרומפּעלדאָר, וועלכער איז דאָ געפאַלן צוזאַמען מיט זיין גאַנצער מחנה פון אַ פּאָר צענדליק קעמפער אַרומגערינגלט פון אַראַבער. אויפן קבר שטייט אַ מאָנומענט, אַ ריזעדיקער לייב אויסגעהאַקט פון אַ גרויסן גראַניט. דער מאָנומענט קוקט אַראָפּ אויף אַ טיפן און ברייטן טאָל און מאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. נישט ווייט זענען די גרענעצן. פראַכטפולע ביימער, הויך און מעכטיק, בויגן זיך קוים־קוים פון דעם ווינט. עס איז שטיל, אָבער אין דער שטילקייט איז איינגעהילט די שפּאַנונג פון די קאַמפן וואָס זענען דאָ אָנגעגאַנגען און, ווער ווייסט, צי זיי וועלן נישט ווידער אויסברעכן.

דער גראַניט־לייב איז גרייט ווידער צו קעמפן פאַר זיין קיום...

יידן און אַראַבער

1.

דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס האָט איצט אַ דירעקטן שייכות צו אַלע יידן, צום גאַנצן יידישן כלל, נישט נאָר צו יידן אין ישראל. און דאָס איז זיכער א פּראָבלעם פון א סך א גרעסערער באַטייטונג פאַרן יידישן כלל, ווי מען שטעלט זיך פאָר לייענענדיק צייטונגס־נייעס וועגן בלוטיקע צוזאַמענשטויסן אויף דער גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ ישראל פון טראַנסיאָרדאַניע.

די אויפגעוועקטע מחמד'אַנישע וועלט האָט זיך אַ ריר געטאָן און געפינט זיך אין צושטאַנד פון אַ געוואַלדיקער פּאָליטישער עקספּאַנסיע. דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך דעם צוזאַמענברוך פון דער טערקישער אימפּעריע בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס איז דעמאָלט אויפגעוועקט געוואָרן אַ קראַפט, וואָס איז געשלאָפן אין משך פון הונדערטער יאָרן. אויב מען זאָל רעכענען פּאַקיסטאַן איז פאראַן נאָר אין דעם נאָענטן אָריענט 110 מיליאָן מחמד'אַנער. דאָס איז אַזוי, אויב מען זאָל נישט מיטרעכענען די באַפעלקערונג פון נאָרד־אַפריקע. דאָס זענען לענדער, וואָס קיין גרויסע ברודערשאַפט הערשט נישט צווישן זיי אין זייערע אייגענע באַציאונגען; זיי זענען אָבער גרייט צו מאַרשירן צוזאַמען ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ מחמד'אַנישער עקספּאַנסיע אַלס אַן איינהייט.

גראַדע דער פאַרטרעטער פון פּאַקיסטאַן אין פעלקער־בונד, דער אויסערן־מיניסטער נאַסרולאַ כאַן, אַ גלענצנדער רעדנער, האָט ער דאָרט פאַרטראָטן די אינטערעסן פון די אַראַבער און געוווּנען א סך אָנהענגער — הגם פּאַקיסטאַן ליגט גאַנץ ווייט פון ריין־אַראַבישע

אינטערעסן און איז פֿאַרבליבן אַ טרייער מיטגליד פֿון דער בריטישער אימפּעריע.

די אַראַבישע עקספּאַנסיע איז געריכטעט הויפּטזעכלעך נישט קעגן יידן. די פֿראַנצויזן האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן סיריע און לבנון און ענגלאַנד איז געווען געצווונגען אַוועקצוגיין פֿון איראַק און עגיפּטן. דער גרויסער קאַמף, וואָס שפּילט זיך איצט אָפּ אין מאַראָקאָ, אַלזשיר און טוניס, האָט אַוודאי נישט צו טאָן מיט יידן. אָבער יידן זענען אין דעם נאָענטן אָריענט אַ קליינע מינדערהייט, אפשר ווייניקער פֿון איין פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג. יידן זענען פֿאַר זיי אַ גוטער ברען־מאַטעריאַל, אויב מען דאַרף זאָרגן פֿאַר דעם, אַז דאָס פֿייער פֿון דער גרויסער אַראַבישער קאַמפּאַניע זאָל נישט אויסגיין. די פּרימיטיווע מענטאַליטעט פֿון די אַראַבישע פּאָליטיקער איז זיכער, אַז דאָס פֿונאַנדערבלאָזן שנאה צו יידן — און נישט נאָר אין ישראל — קען דינען אַראַבישע אינטערעסן, און עס וועט נעמען אַ סך צייט, איידער זיי וועלן אָנהויבן פֿאַרשטיין אַז זייער חשבון איז אַ פֿאַלשער.

נישט נאָר פּרוווט עגיפּטן אויסצונוצן די נאַצישע „טעכניקער" פֿאַר אירע רעפּאַרמען און דינגט געוועזענע נאַצישע מערדער, אַזוי ווי מען פֿלעגט דינגען מיט אַ פֿאַר הונדערט יאָר צוריק דייטשע זעלנער פֿאַר פֿרעמדע אַרמייען, נאָר דאָס רוב אַראַבישע אַמבאַסאַדעס אין אויסלאַנד זענען געוואָרן צענטערס פֿון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע. און לאָזט מיר אייך זאָגן, אַז די פּראָפּאַגאַנדע איז אין אַ געוויסן זין דערפֿאָלגרייך אַפֿילו אין געוויסע דעמאָקראַטישע לענדער. זיי האָבן דאָך אַ גוטן פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל אין זייערע הענט: די אומגליקלעכע אַראַבישע פּליטים...

אייראָפּע קען זייער ווייניק, אָדער ריכטיקער געזאָגט, קען אינגאַנצן נישט די אַראַבישע וועלט, דעם אַראַבישן פֿעאָדאַליזם, דאָס לעבן פֿון די אַראַבישע פּויערים און אַרבעטער, די אויסערגעוויינלעכע אָפּגעשטאַנענקייט פֿון זייער ווירטשאַפֿט און קולטור, די ריין מיטלאַלטערלעכע יסודות פֿון זייער גאַנצער געזעלשאַפֿטלעכער סטרוקטור. אָבער דאָס אַראַבישע פּראָבלעם איז פֿאַר אייראָפּע, יעדנפֿאַלס, פֿאַר זיין גרעסטן טייל, אַ שטיק עקזאָטיק, אַ מין סענסאַציע. נאָר

דערמיט קען מען דערקלערן, אז די אראבישע טענות וועגן א יידישער געפאר פאר זיי — איין פראצענט קעגן ניין און ניינציק — לאזט זיך גוט הערן און האט אפילו געפונען סימפאטיעס. ס'איז א געפער־לעכער פאר אונז שפיל מיט פייער...

עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין ירושלים אויף א זיצונג פון דער גרופע „איחוד", „אייניקייט", וואס פריידיקט פארשטענדיקונג צווישן יידן און אראבער. צו דער גרופע געהערן יידן און אראבער, בירגער פון ישראל. גראדע אין די טעג, ווען עס זענען געפאלן אין ירושלים אומשולדיקע יידישע קרבנות פון די הענט פון אראבישע מערדער — ארגאניזירטע אדער נישט ארגאניזירטע — האבן זיך אין א יידיש הויז פארזאמלט אן ערך צוועלף־פופצן מענטשן, צווישן זיי פינף אראבישע יונגע לייט, פיין־געבילדעטע אראבער, וואס מיינען ערנסט דאס, וואס זיי זאגן. סיי יידן און סיי אראבער פון דעם קרייז זוכן אן אויסוועג. סיי די יידן און סיי די אראבער קריטיקירן די אפיציעלע האלטונג פון דער ישראל רעגירונג. אבער קיין קאנ־קרעטע פארשלאגן קען קיינער נישט מאכן.

די ארץ־ישראלדיקע רעגירונג געפינט זיך אין א שווערער לאגע. זי מוז זיך רעכענען מיט דער עפנטלעכער מיינונג אין לאנד, אבער נישט ווייניקער מוז זי זיך רעכנען מיט דעם אויך פארפלאנטערטן פאליטישן שפיל אין דעם פעלקער־בונד ארום דעם אלגעמיינעם פראבלעם פון דער זיכערקייט אין נאענטן מזרח, נאטירלעך, ווייל די רעגירונג א פארשטענדיקונג מיט דעם אראבישן בלאק, אבער ווילן אויך די פירער פון די אראבער א פארשטענדיקונג? דאס איז זייער צווייפלהאפט...

די דיסקוסיע אויף דער זיצונג איז געווען אן ערנסטע און א רואיקע, אבער אפילו די פריינדלעכסטע אראבער חזרן איבער דאס אייגענע:

— מען מוז ברענגען צוריק די אראבישע פליטים!...

איך האב זיך דערמאנט אן די ווערטער, וואס איך האב מיט א צייט צוריק פערזענלעך געהערט פון א נישט יידישן דעלעגאט פון פעלקער־בונד, וועלכער האט שטודירט דאס פראבלעם פון די אראַ־בישע פליטים אויפן ארט אין פארלויף פון זעקס חדשים:

— עס איז אַן אַבסאָלוטע אוממעגלעכקייט דאָס צוריקקומען פון די אַראַבישע פּליטים, סיי פיזיש, סיי פינאַנציעל, סיי פּאָליטיש...

דער מאַן איז געווען דער לעצטער אייראָפּעער, וואָס האָט גע־רעדט מיטן קעניג אַבדאַללאַ פון יאַרדאַניע, איין טאָג פאַר דעם ווי מען האָט אים דערהרגעט. ער זאָגט מיר: — דאָס איז געווען דער איינציקער מאַן צווישן די אַראַבער, וואָס איז געווען אַן אמתער שטאַטס מאַן און מיט וועלכן מען האָט געקאָנט אַרומרעדן אַזאַ פּראָב־לעם.

די אַראַבישע אינטעליגענטן אויף דער זיצונג אין ירושלים רעדן זייער גוט, אָבער אַלץ ענדיקט זיך מיט די אייגענע ווערטער:

— מען דאַרף זען צו ערשט אומקערן די פּליטים... ווי יענער קרעדיטאָר, וואָס האָט געכאַפּט דעם בעל חוב און זאָגט אים:

— איינס פוןביידן, באַצאָל מיר פריער פון אַלץ מיט מזומנים...

דער בעל חוב איז אָבער אין אַן אומגליקלעכער לאַגע — די פּליטים האָבן ניט וווהין זיך אומצוקערן, זייערע היימען זענען אָדער צעשטערט אָדער פאַרנומען. יידן וואָס זענען אַנטלאָפן פון היטלער־פאַרבלוטיקטן אייראָפּע זענען אַליין קרבנות פון אַ שרעקלעכער פאַר־ניכטונגס־קאַמפּאַניע; וווהין זאָלן זיי גיין?

ניין, דער יידיש-אַראַבישער סכסוך איז נישט קיין לאָקאַלער ארץ־ישראלדיק פּראָבלעם, עס איז אַ גרויס אַלגעמיין פּאָליטיש פּראָב-לעם. די ארץ־ישראלדיקע רעגירונג אַליין וועט קיין מאָל נישט זיין אימשטאַנד צו פאַרענטפערן דאָס פּראָבלעם און דאָס וועלט־יידנטום וועט קיין מאָל נישט זיין אימשטאַנד צו פאַרהאַלטן זיך אין דעם סכסוך נייטראַל. די אַראַבישע פירער זענען גרייט צו וואַרטן — ביז די לעצטע פון זייערע פּליטים וועלן אויסשטאַרבן. אָבער יידן קענען נישט און טאָרן נישט וואַרטן. מען מוז געפינען אַן אויסוועג, מען מוז...

אויף דער זיצונג אין ירושלים האָט אַ פרעמדער, אַ ייד פון חוץ לארץ, געפרעגט, פאַרוואָס קען מען נישט טאָן דאָס אייגענע, וואָס גריכנלאַנד און טערקיי האָבן געטאָן: מען האָט אַריבערגעפירט אַלע טערקן וואָס האָבן געלעבט אין גריכנלאַנד צוריק אין טערקיי און די גריכן, וואָס האָבן געלעבט אין טערקיי, צוריק קיין גריכנלאַנד. דער

טראַנספּער האָט געדויערט אַכט יאָר, האָט אָפּגעקאָסט געוואַלדיקע סומען, דערפאַר אָבער האָבן אויפגעהערט די אייביקע מלחמות צווישן גריכנלאַנד און טערקיי. אַט האָט איראַק אַרויסגעטריבן 130 טויזנט יידן — דאַרף איראַק אַריינגעמען 130 טויזנט אַראַבישע פּליטים.

אויף דעם האָבן די אַראַבישע יונגע לייט געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— אָ, דאָס איז דאָך גאָר אַן אַנדערע זאַך...

און דערביי איז דאָס געבליבן. אָבער דערביי קען עס און עס טאָר נישט בלייבן...

***

מען האָט אונטערגעשאַצט ביי אונז — און נים נאָר ביי אונז, — די באַטייטונג פון דער איבערקערעניש אין דער מחמדאנישער וועלט. קוואַליטעט איז טאַקי וויכטיקער פון קוואַנטיטעט, אָבער עס איז דאָ אַ גרענעץ. די אָפּגעשטאַנענקייט פון די ברייטע מאַסן אין דעם נאָענטן אָריענט איז אַ פּאָזיטיווע אייגנשאַפט אין די אויגן פון די אַראַבישע פּירער. דער בלינדער רעליגיעזער פאַנאַטיזם פון די אַראַבישע מאַסן איז אַ פּאָזיטיווע קראַפט אין די הענט פון פּעאיקע דעמאַגאָגן. מאָדערנע און פּראָגרעסיווע פאָרמען פון נאַציאָנאַלע באַוועגונגען זענען פאַר זיי פּרעמד — נים זיי קענען באַנעמען די נייע אידעען, נים זיי קענען באַאיינפלוסט ווערן אין אַ קורצער צייט.

די סכנות ווערן נאָך גרעסער צוליב דער פּאָליטיק פון די גרויסע מלוכות וועלכע האָבן דאָך שוין פאַרלוירן דעם שפּיל, ווילן נאָך אָבער נאָך אַלץ אויסשפּילן די שוואַרצע כוחות פונם אָריענט יעדע פאַר זיך, איינע קעגן דער אַנדערער. זיי וועלן באַצאָלן אַ טייערן פּרייז פאַר דעם שפּיל מיט פייער, אָבער די מפּלה וועט נישט שטעלן אין געפאַר זייער עקזיסטענץ, אָבער מיט דער יידישער מדינה איז עס גאָר אַן אַנדער זאַך.

יידן און אזיאטן

פאר די לעצטע פאר יאר האבן פארטרעטער פון ישראל עטליכע מאל זיך באטייליקט אין קאנפערענצן אדער קאנגרעסן פון אזיאטישע לענדער און פעלקער. צי די יידישע מלוכה, איר באפעלקערונג, און געמישטע קולטור, געהערט צו דעם סיסטעם און וועזן פון אזיע און אזיאטישע קולטורן, — אפילו מיטגערעכנט די מאדערניזירטע לענ־דער פון אינדיע און כינע — צי מיר האבן אבסאלוט גארנישט געמיינשאפטלעכעס מיט אזיע, אבער עס איז גוט פאר יידן נישט צו זיין פרעמד פאר דער דאזיקער נייער וועלט מיט אירע באמת אומ־באגרענעצטע מעגלעכקייטן. נאך אלעמען איז די גאנצן אייראפע־אישע קולטור נישט קיין קליינער בעל־חוב ביי די אלטע, א סך טוי־זנטער יארן אלטע, קולטורן פון אזיע.

ריין געאגראפיש און פאליטיש גענומען, זענען די יידן פון ישראל אן שום צווייפל געצוווּנגען זיך צו רעכענען מיט די פעלקער פון אזיע, פונקט אזוי ווי פריער אדער שפעטער וועלן זיי זיין געצוווּנגען צו זיין ענג פארבונדן מיט דער אראבישער וועלט. עס וועט מסתמא נעמען א שיין ביסל צייט ביז עס וועט קומען דערצו, אבער אויב די יידישע מלוכה זאל האבן א קיום אין דער צוקונפט איז עס זיכער נאר אלס א טייל פון דער אריענטאלישער וועלט. פון דעם שטאנדפונקט האט די יידישע מלוכה שוין דורכגעפירט א גרויסע מיסיע דערמיט וואס זי האט איינגענומען אזוי פיל יידן פון תימן, פון איראק, פון אנדערע מחמד'אנישע לענדער. די מיסיע איז נאך נישט פארענדיקט; עס איז דא מסתמא נאך א גוטער מיליאן אריענטאלישע יידן וואס ווארטן אויף דער שעה ווען זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן פון זייער שרעקלעכן גלות. דער נאטירלעכער רעזולטאט פון דער איבערוואנ־

דערונג איז דאָס פאַרוואַנדלען ישראל אין אַ ריין יידישן אָריענטאַ־
לישן לאַנד...אייגנטלעך איז דאָס שוין ישראל היינט צו טאָג.
זאָלן אין די קומענדיקע יאָרן איינוואַנדערן קיין ישראל נאָך אַ פּאָר
הונדערט טויזנט יידן פון צפון־אפריקע, פון עגיפּטן, סיריע און אַנ־
דערע לענדער וועט קיין שום נייער איינוואַנדערונג פון די „ווייסע
יידן" נישט קענען ענדערן דעם כאַראַקטער פונעם לאַנד. דערווייל איז
אָבער נישטאָ קיין שום גרונט צו דערוואַרטן אַ מאַסן־איינוואַנדע־
רונג פון רוסישע יידן, פונקט אַזוי ווי מען קען נישט דערוואַרטן קיין
צופלוס פון אַמעריקאַנער יידישער יוגנט. די פּראָצעסן פון באַפעל־
קערונגס־וואַנדערונגען ווערן נישט רעגולירט דורך סענטימענטאַלער
פּראָפּאַגאַנדע אָדער דורך שטרענגע פּאָליטישע רעדעס. מען מוז זיך
רעכענען מיט רעאַליטעטן.

***

ווען איך בין מיט עטלעכע יאָר צוריק געקומען פון אַ לענ־
גערן באַזוך אין ישראל האָט מען מיך אומעטום געפרעגט, וואָס האָט
אויף מיר געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק אין דער יידישער
מדינה. האָב איך שטענדיק געענטפערט:

— די אַרבעט פון יידן! זען ווי יידן האָבן אויפגעבויט די
קיבוצים, זען ווי יידן בויען די וועגן, זען ווי יונגע און עלטערע
יידן אַרבעטן מיט אַ געשמאַק — דאָס איז דאָס שענסטע און בעסטע
וואָס איך האָב דאָרט געזען! און דאָס שענסטע בילד איז צו זען
די אָריענטאַלישע יידן, באַפרייט פון זייערע פּייניקער, באַפרייט פון
זייער שקלאַפעריי, קומען צו זיך און הייבן אָן זיך פילן ווי מענטשן,
נאָרמאַלע, פרייע מענטשן!

— בשעת מיין באַזוך אין ישראל בין איך געווען אין אַן ערך
צען „אָרט"־שולן און דאָס וואָס איך האָב דאָ געזען וועל איך קיינ־
מאָל נישט פאַרגעסן: די קינדער, גאַנץ יונגע און אויך דערוואַקסענע,
פון די אָריענטאַלישע יידן ווי זיי לערנען זיך און ווי זיי אַרבעטן און
ווי זיי ווערן טיכטיקע בעלי מלאכות! זייער אָנוועזנהייט לייגט אַרויף
עפּעס אַ גאַנץ ספּעציעלן שטעמפּל אויף דעם קלאַס וווּ זיי לערנען
אָדער אויף דער וואַרשטאַט וווּ זיי אַרבעטן. אין תל אביב אין אַ
קליינער וואַרשטאַט פון טעפּיכער אַרבעטן פרויען וואָס זיי זענען אויס

אַזוי אויסערגעוויינלעך פֿרעמד פֿאַר אונז, אַז מען איז אַ בעלן צו פֿרעגן פֿון וואַנען זיי קומען. זייער ענטפֿער איז: „איך בין פֿון תימן", „איך בין פֿון עגיפּטן", „איך — פֿון סיריע", און אַזוי ווײַטער. אין די וואַרשטאַטן פֿון „אָרט" אין ירושלים, אין רחובות, אין רמלה, אין די גרויסאַרטיקע „אָרט"־וואַרשטאַטן פֿאַר פֿיינער מעבל, פֿאַר אויטאָמאָבילן, פֿאַר פֿרידזשידערס, פֿאַר עלעקטריציטעט א.א.וו. —אומעטום זע איך די שוואַרצע, פֿינקלדיקע אויגן פֿון די פֿאַרברענטע פּנימער פֿון די אָריענטאַלישע ייִדן. דאָס איז נישט קיין פֿאַנטאַזיע, דאָס איז ווירקלעכקייט. דאָ לעבט אויף אַ צווייַג פֿון אַן אויסגעשפּרייטן אַלטן בוים, וואָס זאַפּט אַריין אין זיך אַ נייַע קולטור מיט גאַנץ נייַע באַגריפֿן וועגן מענטשלעכער ווירדע...

מען האָט מיך אויך געפֿרעגט, יעדער איינציקער האָט געפֿרעגט, צי איך בין געפֿאָרן קיין חיפֿה זעען דעם גרויסן מיליטערישן פֿאַראַד, דעם טאָג פֿון דער באַפֿרייַאונג „יום העצמאות". און מען האָט מיט באַדויערן געשאָקלט דעם קאָפּ ווען איך האָב געענטפֿערט:

— ניין, איך האָב דעם מיליטערישן פֿאַראַד נישט געזעען... נישט געהאַט קיין חשק צו זעען... עס איז פֿאַר מיר גענוג די גרויסע לופֿט־אַרמאַדע וואָס איז געפֿלויגן איבערן לאַנד... איך בין געקומען זעען די אַרבעט פֿון ייִדן...

האָט מען מיר ווידער געזאָגט:

— מיר זענען אַרומגערינגלט מיט שונאים און מיר דאַרפֿן זייַן גרייט...

— מיר רעדן וועגן פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען, האָב איך געמוזט ענטפֿערן, נאָר די אַרבעט וועט אויסלייזן דאָס לאַנד. אָן גוטער אַרבעט וועט מען זיך נישט קענען פֿאַרטיידיקן, וועט מען נישט קענען לעבן און נישט קענען אויסהאַלטן.

— גיט אַ קוק אויף אונזער אַרמיי, אויף אונזערע טאַנקען, אויף אונזערע סאָלדאַטן, אונזער גרייטקייט צו קעמפֿן, „זיי" זאָלן געדענקען...

***

ס'וואָלט זיך נישט געוואָלט רעדן וועגן די אויפֿגערעגטע געמיטער אין ישׂראל, פֿון די וואָס זייערע אויערן הערן נישט וואָס זייערע

מיילער רעדן. עס וואָלט געווען אפשר בעסער צו פאַרשווייגן די היס־טערישע העצע פון די, וואָס מאַכן דאָס יונגע לאַנד פיבערן און ברע־נען פון היץ. אָבער איז עס קלוג צו שווייגן בשעת די שטורמישע פראַ־צעסן פון די יוגנטלעכע טעראָריסטן, וועלכע באַווייזן קלאָר, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט מער וועגן דעם משוגעת פון איינציקע אומבאַ־לאַנסירטע נפשות? טעראָר, אינדיווידועלער אָדער קאָלעקטיווער, קען אויך אונטער אומשטענדן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מין „אידעאָ־לאָגיע" פון דורכבברעכן דעם וועג פאַר אַן אידעע אַפילו מיט דער קראַפט פון פאַרברעכן. די אידעאָלאָגיע פון טעראָר האָט שטענדיק געפירט צו דער דעגענעראַציע פון דער אידעע וועלכער זי האָט גע־וואָלט דינען. פּאָליטישער טעראָר איז אָפט גאָר אַ נאָענטער קרוב צו פּראָוואָקאַציע און צו אַנדערע פאַרברעכנס. די רעליגיעזע פאַנאַטיקער אין ישראל וועלכע גלויבן אין זייער הייליקער מיסיע איז צו גיין על קי־דוש השם, זענען אויף יעדן פאַל אַן אינסטרומענט אין די הענט פון פּראָוואָקאַטאָרן. צוזאַמען גענומען בילדן די פאַרשיידענע גרופּן טעראָריסטן אַ מין „באַוועגונג" אויף אַרויסצורופן אַן אמתע קאַ־טאַסטראָפע אין לאַנד. אַ מאָל האָט מען עס געקענט באַטראַכטן אַלס אַ פּראָדוקט פון בלוט־דורשטיקער אַזיאַטישער מענטאַליטעט, אַלס אויסדרוק פון אַזיאַטישער ווילדקייט וועלכע האָט נישט געוווסט וואָס איז אַזוינס נאַציאָנאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, נישט געוווסט און נישט געוואָלט וויסן פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. היינט פירן זיך אויף משה רבינו'ס אייניקלעך ווי די אַזיאַטן פון אַמאָליקע צייטן, אַזיאַטן אַן געגנזנפּיסלעך.

וואָס איז דאָס מיטל קעגן אַזאַ מין געפערלעכער ווילדקייט?

דאָס איינציקע מיטל קעגן אַ פּאָליטישער עפּידעמיע, איז ווי קעגן יעדער עפּידעמיע: ריינע לופט, אַ ריינע פּאָליטישע אַטמאָספער, אַן דער פּערמאַנענטער העצע קעגן שכנים, אַן דעם „מיר וועלן זיי געבן אַ לעקציע" אַן דעם מיליטאַריזירן די געדאַנקען פון דער גאַנצער יוגנט. חוץ'ן קענגנגעשטעלטן פּאָליטישן פּאַציפיזם איז נאָך דאָ אַ ריינער הומאַניטאַרער פּאַציפיזם, וועלכער איז שטענדיק געווען אַ אָר־גאַנישער עלעמענט אין דער יידישער געדאַנקען־וועלט. אמת, די שרעקלעכע אומגליקן, וואָס דאָס פאָלק האָט געליטן אין משך פון די

לעצטע צענדליקער יאָרן האָט צעשטערט דאָס גייסטיקע גלייכגע־וויכט — ביי אונז, ווי ביי אַ סך אַנדערע פעלקער, אָבער מיר מוזן צוריק געווינען אונזער גלייכגעוויכט. דאָס איז די אויפגאַבע.

די אויסגעלייזטע אָריענטאַלישע יידן ווערן געראַטעוועט פון אַ פינצטערן גלות, אָבער מיר באַמערקן אַליין נישט, אָדער באַמערקן עס צו שפּעט, ווי מיר ווערן צוריקגעשליידערט אין אַ צושטאַנד פון אַ פינצטערן אַזיאַטישן אָריענט. און וואָס טיפער אין אַזיע אריין אַלץ ווייטער וועט ווערן די דיסטאַנץ צווישן מדינת ישראל און דער גרויסער יידישער וועלט...

די אַזיאַטישע וועלט, אַן אומגעהייער רעזערוואואַר פון מענטשן־מאַטעריאַל, האַלט זיך אין אָרגאַניזירן מיט אַ געוואַלדיקן אינטענ־סיוון טעמפּאָ. כינע, אינדיע און רוסלאַנד, די אימפעריע וועלכע איז הונדערט יאָר געהאַסט געוואָרן פון די ערשטע צוויי מאַרשירן איצט צוזאַמען. דאָס אייגענע רוסלאַנד, וואָס האָט הונדערטער יאָרן געזויגן דאָס בלוט פון קלענערע און גרעסערע אַזיאַטישע פעלקער, וויל איצט מיטזינגען דאָס ליד פון אַנטיקאָלאָניאַליזם. דער נאַציאָ־נאַלער „שטורם איבער אַזיע" איז אַן אָנזאָג פון גרויסע און לאַנגע קאַמפן צווישן דעם אמתן מזרח און דעם אמתן מערב.

דאָס גרויסע פּראָבלעם פאַר אונז באַשטייט אין דעם צי די אמתע אַזיאַטן וועלן זיך וועלן רעכענען מיט אַ מאָדערנער יידישער מלוכה, וואָס איז נאָך אַלעמען זייער ווייט פון אַזיע און די אַזיאַטן. פאַר אַזיע זענען די אַראַבער ניט מער ווי ברען־מאַטעריאַל פּונקט אַזוי ווי יידן זענען ברען מאַטעריאַל פאַר דעם אַראַבישן נאַציאָנאַ־ליזם. דאָס פאַרטאָפּלט און פאַרדרייפאַכט די געפאַר פון די אַראַבער פאַר דעם יידנטום.

ישראל פינאַנצן און פינאַנציסטן

אין פּאַריז האָט זיך מיט אַ צייט צוריק פאַרענדיקט אַ סעסיע פון דער עקזעקוטיווע פון דעם „אָרט" — וועלט־פאַרבאַנד. צו די זי־צונגען זענען געקומען זייער וויכטיקע יידישע טוערס פון די פאַרייניקטע שטאַטן, פון דרום־אַמעריקע, פון דרום אַפריקע, פון איטאַליע, פון בעלגיע, פון האָלאַנד — און נאַטירלעך פון ישראל — אַלץ זייער חשובע מענער און אַ גאַנצער בוקעט פון איבערגעגעבענע און גלענצנד אַקטיווע פרויען.

עס זענען אָפּגעגעבן געוואָרן אינטערעסאַנטע באַריכטן פון אַ סך לענדער, אָבער אין צענטער פון אַלע רייד און אַלע דעבאַטן איז געשטאַנען — ישראל. דר. אַ. סינגאַלאָווסקי איז ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק אָנגעקומען פון אַ צוויי מאָנאַטלעכן באַזוך אין ישראל און ער האָט געהאַט גענוג וואָס צו באַריכטן, אַזוינס וואָס אייגנטלעך דער פּאַרלאַמענט אין ישראל וואָלט פריער פון אַנדערע געדאַרפט אויסהערן. אַדאָלף העלדם רעדע וועגן די דייטשע רעפּאַראַציעס איז אויסגעהערט געוואָרן מיט שפּאַנונג.

דער „אָרט" וועט מסתמא אויך באַקומען אַ פּאָר ברעקלעך פון די דייטשע רעפּאַראַציעס. די אָרגאַניזאַציע האָט גענוג געליטן שאָדן פון די נאַצי־מערדער.

דער „אָרט" אַרבעט אין ישראל סך הכל עטלעכע יאָר, אָבער ער האָט שוין דאָרט צוויי טויזנט שילער, עטלעכע הונדערט אינסטרוקטאָרן — אַ ריזעדיקע אָרגאַניזאַציע. נאָר מיין באַשיידנקייט האָט מיך איינגעהאַלטן צו זאָגן בשעת מיין באַזוך אין ישראל, אַז פון די עטלעכע זאַכן, וואָס איך האָב געזען אין לאַנד אַרבעטן אינטענסיוו, פּלאַנמעסיק און מיט אמתער קענטעניש פון דער אַרבעט, אַן דילעג־

טאַנטיזם, אַן טומל, אַן עקספּערימענטן און לײדער אױך אַן פּובלי־
סיטי איז די „אָרט"־אָרגאַניזאַציע, אײנע פון די דערפאָלגרייכסטע.
איז עס גאַנץ נאַטירלעך, אַז דר. סינגאַלאָווסקי, װעלכער האָט אױפ־
געבויט דעם גאַנצן אַפּאַראַט האָט מיט צופרידנקייט גערעדט װעגן
דער גרויסער אַנטוויקלונג און גוטע אויסזיכטן, װעגן װייטערע פּלע־
נער, װעגן אויסבעסערונגען א. א. וו.

איז דאָך גוט?

ניין, עס איז שוין גאָר נישט גוט. זיין באַריכט האָט זיך געענ־
דיקט מיט אַן ערנסטע װאָרענונג װעגן אַ גרויסן פינאַנציעלן קריזיס.
דער „אָרט", איך מיין דער װעלט־פאַרבאַנד, אינוועסטירט יעדעס
יאָר אין ישראל לכל הפּחות אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר, אמתע דאָלאַרן,
מען שיקט אַריין מאַשינען, װערקצייג, רוי־מאַטעריאַלן און אַלץ, אַלץ
װערט געטאָן כדי די פאַך־אויסבילדונג אין ישראל זאָל געבן דעם
לאַנד דאָס, װאָס מען דאַרף דאָרט האָבן, מער פון אַלץ און װאָס מען
האָט נאָך נישט — גוטע אויסגעלערנטע, ערשטקלאַסיקע אַרבעטער.
אָבער נישט קוקנדיק אויף אַלץ האָט מען צו טאָן מיט אַ פּערמאַ־
נענטן, פינאַנציעלן קריזיס. מען פּאַסט זיך צו צו דער אינפלאַציע,
צו דער טייערקייט, צו אַנדערע שוועריקייטן, נאָרמאַלע און אומנאָר־
מאַלע, אָבער דאָס אַלץ העלפט נישט. װו זשע איז דער װעג און װו
איז דער אויסוועג?

יידן האָבן אַזוי פיל געליטן די לעצטע צוואַנציק יאָר פון אַלער־
ליי פּלאָגן און אָנשיקענישן, אַז עס איז היינט שווער צו רעדן װעגן
„געוויינלעכע" פּראָבלעמען װאָס געהערן צום לעבן פון אַ קולטור־
פאָלק. און „אָרט" האָט קיינמאָל נישט געהאַנדלט מיט מתים און מיט
יידישע ליידן. מען האָט שטענדיק פּאַרזוכט צו רעדן צום פּראַקטישן
שכל פון דעם יידן, צו זיין געזונטן פאַרשטאַנד, דערפאַר זאָגן מיר:

— אמאָל האָבן יידן נישט געהאַט קיין גרויסן דרך ארץ פאַר
פיזישער אַרבעט און אַ בעל מלאכה איז נישט געווען קיין געהויבענער
אַרטיקל. װען מאָדערנע קולטור איז אַריינגעדרונגען אין יידישן
לעבן װען דער „אָרט" איז געשאַפן געוואָרן אַלס איינע פון די הויפּט־
אינסטרומענטן פאַר ענדערן די באַציאונג פון יידן צו פיזישער אַר־
בעט און ביי אונז איז אויפגעקומען און זיך אַנטוויקלט אַ געזונטע

אידעאָלאָגיע פון אַרבעט האָבן אונזערע שונאים פאַרזוכט אונז צו שטערן. געגוג צו דערמאָנען וויפל שוועריקייטן פלעגן אָנטאָן פּאַליאַקן כּדי אָפּצושטעלן די „אָרט" אַרבעט אין פּוילן.

— ווען ישראל איז געגרינדעט געוואָרן און דאָס לאַנד האָט פריער פון אַלץ און מער פון אַלץ געדאַרפט האָבן גוטע אַרבעטער — פּאַבלייט, האָט מען געקענט מיינען, אַז מען וועט דעם „אָרט" אַריינפירן אין לאַנד אין אַ גאָלדענער קאַרעטע, לאָזן אים דאָ אויסנוצן זיין גאַנצע דערפאַרונג, לאָזן אים אַרבעטן פראַנק און פריי.

מיין שכל זאָגט מיר:

— איינגנטלעך וואָלט די רעגירונג פון ישראל געדאַרפט איבערנעמען אַלע פינאַנציעלע פאַרפליכטונגען פון דער „אָרט" אָרגאַניזאַציע. עס איז דאָך די פליכט פון יעדער רעגירונג צו זאָרגן פאַר פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג, עס קאָן דאָך נישט זיין אַנדערש אין דער מדינת ישראל. דער קאָנטראָל איבער די „אָרט"-שולן געהערט סיי ווי דער רעגירונג, פאַר וואָס זשע איז געשאַפן געוואָרן אַ מאָדנע לאַגע מיט דעם באַזאָרגן די אָרגאַניזאַציע מיט געלט-מיטלען?...

דער ענטפער איז, אַז די אַלגעמיינע פינאַנציעלע לאַגע פונעם לאַנד איז אַ שווערע. ביי אַלע גרענעצן פונעם לאַנד שטייען באַוואָפנטע שונאים, דאָס בויען פון דעם לאַנד גופא קאָסט אָפּ אַ מאַסע געלט. מען זאַמלט, מען זאַמלט, אָבער וויפל מען זאַמלט נישט איז אַלץ ווייניק...

***

עס איז נישטאָ אַזאַ יידישער ישוב וווּ מען זאָל פּערמאַנענט נישט זאַמלען קיין געלט פאַר ישראל און יידן האָבן דעריבער אַ רעכט, און אַ פליכט צו אינטערעסירן זיך מיט דעם ענין פינאַנצן אין ישראל. זאָגט מיר אַ ייד:

— עס איז דאָך פּשוט נישט צו פאַרשטיין דעם אומגליק. אומעטום זענען יידן גרויסע קענערס פון פינאַנצן. רוזוועלט האָט געפירט אַ וועלט-מלחמה און דער ייד מאָרגענטוי איז זיבן יאָר געווען זיין פינאַנץ-מיניסטער. פאַראַן יידישע אינדוסטריעלער, וואָס פירן אַן

מיט די גרעסטע קאָנצערנען. קען ישראל נישט באָרגן ערגעץ ווו אַ ייִדישן אינדוסטריאַליסט און לאָזן אים מאַכן אַ טאָלק מיט ישראל־פינאַנצן? עס מאַכט נישט אויס וואָס ישראל האָט אַ דעפּיציטן האַנדלס־בילאַנס — עס זענען דאָ גענוג גרויסע אונטערנעמונגען וואָס לעבן גוט פֿון גאָלע דעפּיציטן. וועלכע רעגירונג איז היינט נישט פֿאַרשולדיקט פֿון קאָפּ ביז צו די פֿיס. ניין, עפּעס איז ביי אונז נישט גלאַט...

מוז איך זאָגן, אַז עס זיכער ווי דער טאָג, אַז „עפּעס איז ביי אונז נישט אָרדנונג". ווען איך בין אָנגעקומען קיין ישראל האָב איך באַקומען פֿאַר יעדן דאָלאַר איין פֿונט מיט אַכציק פּיאַסטער, אָבער אויף מאָרגן האָב איך געהערט, אַז מיינער אַ פֿריינד וואָס שרייבט פֿאַר אַ ניו־יאָרקער בלאַט און באַקומט פֿון דאָרט זיין האָנאָראַר איז צופֿרידן ווען מען גיט אים אין דער באַנק פֿאַר איין דאָלאַר איין פֿונט, נישט מער ווי איין פֿונט. אָבער וואָס באַקומט דער „אָרט" אין ישראל פֿאַר זיינע הונדערטער טויזנטער דאָלאַר? מען האָט מיך געטרייסט דערמיט, וואָס דער „דזשאָינט", די „וויצאָ" און אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס באַקומען אויך פֿאַר זייערע געלטער נישט מער. אַ שיינער טרייסט...

שפּעטער, ביסלעכווייז, ווען די היץ איז אַריבער, האָב איך זיך צוגעוווינט צו די פֿינאַנץ־קוריאָזן — לאָמיר זיין העפֿלעך און פּאַטריאָטיש — אינעם לאַנד. עס איז פּשוט צום לאַכן ווען מען קוקט זיך צו צו דעם וואַלוטע־טאַנץ אין ישראל. פֿרעגט עמיצן דאָרט, וואָס איז היינט דער קורס פֿונעם פֿונט, וועט אייך יעדער מענטש ענטפֿערן, אַז ער הויבט עס נישט אָן צו וויסן, נאָר אַז ער האָט געהערט, אַז עס זיצט עפּעס אַ קאָמיסיע וואָס אַרבעט מיטן ענין און אַז אינגיכן וועט מען געבן אַ נייעם נאָמען דעם קינד...

איך האָב געקענט אַ ייִדן אַ מיליאָנער וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט ריזעדיקע געשעפֿטן אין גאַנץ אייראָפּע, נישט האָבנדיק קיין בוכהאַלטער, פֿירנדיק ביי זיך נאָר אַ קליין אָפּגעריבן ביכעלע. דאָס איז געווען אַ ייִדישער פֿינאַנציסט, דער אמתער פֿינאַנציסט, ער האָט געהאַט נאָר איין קורס — ער האָט גענומען אַ גרויסן פּראָצענט — פֿאַר יעדער וואַלוטע...

עס איז אָבער שוין גאָרנישט צו לאַכן ווען אַ בילדונגס־אָרגאַניזאַציע וואָס זאַמלט געלט אין אַלע עקן וועלט אויף אירע קולטור־אויפגאַבן און דאָס געלט ווערט מיט אַמאָל פאַרוואַנדלט אין שטויב, אין גאָרנישט.

די מעשה איז די: פּראָפיט־געשעפטן און אַפילו רעגירונגען קענען לעבן פון דעפיציטן, אָבער נישט קיין קולטור־אָרגאַניזאַציע.

***

קיינער צווייפלט ניט מער, אַז די גאַנצע צוקונפט פון דער ייִדישער מלוכה איז אָפּהענגיק פון דער איבערגעגעבנקייט פונם גאַנצן ייִדישן כלל צו איר, פון זיין ברייטהאַרציקן ביישטייער — סיי מיט מענטשן מאַטעריאַל, סיי מיט געלט מיטלען, סיי מיט פּאָליטישער שטיצע. די דאָזיקע איבערגעגעבנקייט קען אָבער האָבן אַ ממשות נאָר דענסטמאָל ווען דער כלל איז שטאַרק און געזונט, ווען דער „גלות" קען זיין דער קוואַל פון אַ ברייטהאַרציקער שטיצע. די טענדענץ אָבער פון אַלע געלט זאַמלונגען פאַר דער מדינת ישראל איז אַזאַ, אַז מען זאָל זיך לחלוטין נישט רעכענען מיט די „לאָקאַלע נויטן". עס זענען צוליב די טענדענצן אַרויסגעקומען געוויסע קאָנפליקטן. די רעאַקציע פון די „לאָקאַלע נויטן" צו די געלט זאַמלונגען פאַר ישראל קען ברענגען זייער גרויסן שאָדן, האָט שוין געבראַכט אַ סך שאָדן. די רעאַקציע וועט פירן צו אַ סך אַ גרעסערער איזאָלירונג פון דער מלוכה, ווי מען מיינט דאָרט...